**UCLA**
**Archive of the Yiddish Literary Journal Kheshbn**

**Title**
Khesbn no.109 - Spring 1987 - Journal

**Permalink**
https://escholarship.org/uc/item/3pr2c09m

**Journal**
Archive of the Yiddish Literary Journal Kheshbn, 109(1)

**Author**
Admin, LAYCC

**Publication Date**
1987

**Copyright Information**
Copyright 1987 by the author(s). All rights reserved unless otherwise indicated. Contact the author(s) for any necessary permissions. Learn more at https://escholarship.org/terms

Peer reviewed

eScholarship.org Powered by the California Digital Library
University of California

פעריאָדישע שריפט פאַר ליטעראַטור
און געזעלשאַפטלעכע ענינים

# 109

SPRING
1987

פרילינג
תשמ״ז

אַרויסגעגעבן פון:

- לאָס אַנדזשעלעסער יידישן קולטור-קלוב און שרייבער-קרייז

מיט דער מיטהילף פון:

- ל.א. קאָונסיל פון ציוניסטישן אַרבעטער פאַרבאַנד
- אַרבעטער רינג קולטור-צענטער אין ל. א.

# אינהאַלט


בלומע לעמפעל: מיין טאַטן לזכּרון — 3
משה שקליאַר: לידער — 7
שיע טענענבוים: זיינען די מלאכים געווען יידן? — 9
שלמה שוואַרץ: לידער — 12
שואל גוטמאַן: ליבע און טראַדיציע ביי אַמעריקאַנער יידן — 14
א. לוריא: ווי שיין ס'איז דער בוים (לידער) — 20
ישראל גובקין: ליד — 21
שמואל איזבאַן: אַ טאָג פֿון בזיונות (דערציילונג) — 22
מאיר הרץ: לידער — 30
חנן קיעל: מיכה יוסף בערדיטשעווסקי — 33
חיים פּלאַטקין: לידער — 39
רבקה קאָפּע: לידער — 41
הינדע זאַרעצקי: דריי הערצער — איין ניגון (לידער) — 41
עקיבא פישבין: בעון אין קאַרנאַוואַלע מוזעום אין פּאַריז — 42
אריה פּאָזי: די אונטערערדישע שול (פּאָעמע) — 46
שואל גוטמאַן: ד"ר עזריאל נאַקס — דער עטישער הומאַניסט — 51
משה עטינגער: לידער — 54
ישראל גובקין: איוב און לוסי (דערציילונג) — 55
חנן קיעל: לידער — 57
ביילע שעכטער גאָטעסמאַן: לידער — 58
שמואל וויס: די אַקציע איינצואָרדענען די שארית הפליטה (זכרונות) — 59
חיים קעניגער: לידער — 67


## שרייבערס און ביכער


לילי בערגער: דאָס בוך „מילענאַ" און זיין מחבר — 70
משה שקליאַר: „די אונטערשטע שורה" — 73
חיים זעלצער: דער גאון און זיין צייט — 77
יצחק קאַהאַן: וואָס דערציילן קינדער וועגן זייערע באַרימטע טאַטעס? (מיניאַטורן) 78
י. ק.: אבא איבנס מאָנומענטאַל בוך „ירושה" — 83
י. ש.: כראָניק פֿון ל. א. יידישן קולטור־קלוב — 85
נייע ביכער און ג. מ. פּלאַטקין ליטעראַטור פֿונדאַציע — 87


---

די אַחריות פֿאַרן אינהאַלט פֿון די אַרטיקלען טראָגן די שרייבערס אַליין

---

# דער ציוניסטישער אַרבעטער פאַרבאַנד

- איז אַ קאָנסטרוקטיווער כוח אין יידישן לעבן אין אַמעריקע. דעם פאַרבאַנדס אַרבעטער־ציוניסטישער פּראָגראַם שליסט איין:
- אָנטייל אין אַלע אַקטיוויטעטן וואָס שטאַרקן דעם פּאָליטישן, עקאָנאָמישן און זיכערקייט־פּראָגראַם פון מדינת ישראל;
- שטאַרקן דעם כּוח פון דער אָרגאַניזירטער אַרבעטער־באַוועגונג אין ישראל — די הסתדרות העובדים;
- העלפן דעמאָקראַטיזירן יידיש לעבן אין אַמעריקע און זאָרגן פאַר דעם יידישן המשך;
- קעמפן פאַר אַ בעסערער אָרדענונג פון סאָציאַלן יושר און שלום אין אַמעריקע און אין דער גאַנצער וועלט.

דער פאַרבאַנד איז אַ פראַטוירנאַלע אָרגאַניזאַציע
וואָס זאָרגט פאַר דעם היינט און מאָרגן

**מיר לאדן אייך איין אָנצושליסן זיך אין אונדזערע רייען**

ל. א. שטאָט-קאָמיטעט פון
**ציוניסטישן אַרבעטער פאַרבאַנד**
ד״ר מאַרטין טאַפּט, פּרעזידענט

## LABOR ZIONIST ALLIANCE

8339 West Third Street • Los Angeles, Calif. 90048
Telephone: 655-2842



# HESHBON

*PERIODIC LITERARY REVIEW*

8339 West Third Street · Los Angeles, California 90048



EDITORIAL BOARD:

M. SHKLAR S. WEISS I. GUBKIN S. SCHLOSSER
469 N. Orlando, L.A. Ca. 90048

ADMINISTRATIVE COMMITTEE:

G. FRYDMAN, *Financial Sec'y* H. BERMAN, *Administrator*
337½ No. Hayworth Ave., Los Angeles, Calif., 90048—Tel. 655-1292

*Members*: MOSHE COHEN, NAT GIEROWITZ, S. ZUCKERMAN & J. SHAFER



Subscription price: $5.00 per year

# חשבון

נומ. 108

פעריאָדישע שריפט
פאַר ליטעראַטור, קריטיק
און קולטור־פּראָבלעמען

42סטער יאָרגאַנג, נומער 109 • פרילינג 1987 • לאָס אַנדזשעלעס, קאַליפ.



רעדאַקציע קאָלעגיע:
משה שקליאַר
שמואל ווייס
ישראל גובקין
זלמן שלאָסער

פאַרוואַלטונג:
העניך בערמאַן, פאַרוואַלטער
גרשון פרידמאַן, פינ. סעקר.
מיטגלידער:
נתן גערשאָוויטש, משה כהן
שלמה צוקערמאַן און
יעקב שייפער



**בלומע לעמפּעל** / ניו־יאָרק


## מײַן טאַטן לזכרון

„הוראָסטקוב איז יודן־ריין", האָבן גרויסע שוואַרצע אותיות געפינצטערט אויף אַ צעוויקטן ברעטל, וואָס האָט זיך געוויגט אויף אַ פאַרקוילטן סלופּ פון דער געוועזענער מיל. אַ שאַרפער מאַרצאָווער ווינט האָט מיט כעס געריסן דאָס ברעטל און אויפגערודערט די שטילקייט מיט אַן אומהיימלעכן געפילדער. קויטיקע בערגלעך שניי האָבן זיך פויל געטאָפּיעט און פאַרפּלייצט די וועגן מיט שטרוי פון שעניקעס, פּיס פון טישן, זייטן פון בעטלעך. אַש־גרויע וואָלקנס האָבן געצויגן איבערן הימל, ווי קלאָג־ווײַבער נאָך אַ לוויה געפּאַרסקעט מיט פאַרפרוירענעם רעגן.

„חוראָסטקוב איז יודן־ריין", האָט געקלאָגט דאָס צעוויקטע שילדל אויפן סלופּ פון דער געוועזענער מיל.

אַן אוקראַאינישע מויד מיט צעפרוירענע באַקן האָט זיך פאַרזיכטיק געשאַרט פון אונטער דער שעכט־יאַטקע, זי האָט זיך צ־רומגעקוקט אין אַלע זייטן און ניט באַמערקנדיק קיין לעבעדיקן נפש, האָט זי זיך גענומען וואַקלען אויף די שיך מיט ניט צוגעווינטע הויכע אָפּצאַסן, וואָס זענען ערשט מיט אַ וואָך צוריק אַראָפּגעצויגן געוואָרן פון ייִדישע פיס. געווען נאָך אַ סך שיך אויף פיס, שוואַרצע ווי קויל. צו זייערע קליידער האָט זי זיך ניט צוגערירט. עפּעס האָט זי ניט געוואַגט אָנצורירן די צעשאָסענע גופים, אָנגעטאַסעוועט אין ראָוו.

די שיקסע האָט זיך געגנבעט דורך אונטערשטע גערטנער באַרג אַרויף צו דער לודאָווער שקאָלע. ווען זי איז פאַרבײַגעגאַנגען דעם גלחס נחלה האָט זי אָנגעהויבן ציילן די חורבות פון געוועזענע ייִדישע הייזער: איינס, צוויי, דריי, פיר... דאָס זיבעטע הויז פון סאַמע עק גאַס. איין קליינינקייט, נישט דערקענען דאָס הויז פון די טענענבוימס. אפילו מיט פאַרבונדענע אויגן וואָלט זי אָנגעטאַפּט די גלאַטע שטיינערנע טרעפּ. זוייניק יאָרן דאָרט געאַרבעט? ווי אַן אייגענע דאָרטן געוועזן. „באַלעבאָסטע לעבן," האָט זי זיך געבעטן, צו וואָס דאַרפסטו דעם שווערן פעלץ־מאַנטל? מען וועט דיך מיט אַזוי פיל פּעק אויף דער באַן ניט אַרויפלאָזן." נאָר זי, אײַנגעשפּאַרט ווי אַן אמתער זשיד, האָט זיך מיטן מאַנטל ניט געוואָלט שיידן. זי האָט דעם מאַנטל פאַרשטעקט אין אײַוועלע הינטערן פּריפּעטשיק. מען האָט דאָס אײַוועלע פאַרקלעפּט מיט ליים, אָפּגעקאַלעכט ווי די אַרומיקע וואַנט, אַזוי אַז קיינער זאָל ניט דערקענען, אַז דאָרט ליגן אוצרות. איצט מוז זי גראָבן צווישן אײַנגעפאַלענע ווענט און ציטערן טאָמער קומט עמעץ אָן און זי וועט זיך נאָך מוזן טיילן מיט אַ ווילד־פרעמדן וועלכער האָט פון די טענענבוימס אפילו ניט געהערט...

„האָראָסטקוב איז יודן־ריין", דאָס דאָס שילדל נאָך אַלץ געסקריפּעט אין דער אַ־רומיקער שטילקייט. דער דייטש איז אַוועק און קיין אַנדערע מאַכט האָט נאָך

דאָס שטעטל ניט פאַרנומען. אין סאַמע מיטן טאָג זענען אָנגעלאָפן רויטע טאַנקן. זיי זענען אָנגעקומען מיט דער רויטער בריק, אַדורכגעלאָפן די שטאָט ביז אַראָפּ צו דער מיל. דאָרט האָט זיך איין טאַנק פאַרהאַלטן, אַ זעלנער מיט אַ פאַרבלאָטיקט פּנים פון וועלכן ס׳האָבן אַרויסגעקוקט שוואַרצע, גליענדיקע אויגן האָט אין איין אויגנבליק אַראָפּגעריסן דאָס שילדל און באַלד ווייטער אַוועק.

אויפגעוועקט האָבן זיך פעלד און וואַלד, צעבליט האָבן זיך די סעדער, נאָר דאָרט וווּ יידיש לעבן האָט געדייעט, איז אַלץ געלעגן טויט. דאָ און דאָרט אַ האַלב צעפאַלענער קוימען, אַ פאַרשעמטע וואַנט, צומאָל נאָך מיט אַ צוגענאָלטער פאָטאָגראַפיע פון עמיצן וואָס איז אַ מאָל עמיצן נאָענט געווען. היינט איז דער עמיצער מער קיינעם ניט נאָענט. אויסגעריסן, פאַרטיליקט איז די פלאַנץ מיט דער זריעה. די זריעה וואָס האָט ערשט געזאָלט אויפגיין, בליען, אַ ליבן אָנדענק פון אַ נאָענטן פאַראייביקן. אין שול אָדער בית־מדרש קדיש זאָגן, אין אַ ראַמל דאָס בילד איינפאַסן, אויף דער וואַנט אויפהענגען. אַן אַלטע וואַנט, מיט וואַפנע אָנגעטינקעוועטע, פול מיט הויקערס, אַ וואַרעם, האַרציקע וואַנט. דורות האָט זי געשיצט. איצט שטייט זי אַ פאַרשעמטע, אַ פאַרגוואַלדיקטע, אַ געשענדטע יידישע וואַנט.

צעבליט האָבן זיך די פעלדער, דערוואַכט האָט דער וואַלד און אויפגעוועקט די וואָס האָבן פאַר דער ליכטיקער שיין זיך באַהאַלטן, אונטער דר׳ערד זיך באַגראָבן. אַרויס אויף גאָטס וועלט זענען: העניע, שרה, יענקל, בומעק, משה, קלאַרע, שמואליק. אשפר ניט די שענסטע, די שטאַרקסטע, די קלוגסטע, די פרומסטע. די קאָסע פון משחית האָט געשניטן אָן אָפּקלייב. אַרויס פון בונקער איז די בלאָנדע מאַטיל. איר חנעוודיקער שמייכל שוין היפּש פאַרטושט. אַרויס איז לייבל דער קצב־יונג. איין מאָל בשעת ער האָט געהאַקט פלייש, האָט ער זיך פאַרקוקט אויף מאַטלען און זיך אַ פינגער אָפּגעהאַקט. נאָר מאַטיל האָט דעמאָלט אפילו הערן ניט געוואָלט. אַ רויער קצב־יונג, און זי האָט היינעס לידער אויף אויסנווייניק ציטירט.

אַרויס איז דעם רבס ייִנגסטער זון יצחקל, פון אַלע זיינע שוועסטער און ברידער איז קיין זכר ניט פאַרבליבן. אַרויס איז אברהם דער סטאָליער, בעריש דער קירזשנער, איינציקע, ווי אָפּגעריסענע בלעטער פון געוועזענע ביימער. אומגעקערט האָט זיך יאָסל פון דער רויטער אַרמיי, מיט איין פוס. אויך שלמה דער שטאָטישער אינטעליגענט מיט אָנגעגריפענע לונגען.

געקומען צו לויפן איז חיימקע פאַרטיזאַן. זיין שוואַרצער קאָפּ האָר, גרוי און שיטער. די פולע ליפּן אויסגעטרוקנט, מיט ווייסער פינע פאַרצויגן. דאָס פּנים געל, אָפּגעצערט, נאָר דער גלי אין זיינע אויגן האָט געברענט מיט אַלע פייערן פון גיהנום. חיימקע איז פון חאָראָסטקוב קיין מאָל ניט אַוועק. אין און אַרום דער שטאָט, אין די געדיכטע וועלדער זיך אויפגעהאַלטן. ער האָט געקעמפט פאַר דעם כבוד פון זיין שטאָט, צי איז עס געווען מיט אַ האַנט־גראַנאַט, אָדער מיט אַ שטומפּיקן מעסער, מיט אַ צעבראָכענער פלאַש, אָדער גאָר מיט די אייגענע שאַרפע נעגל.

חיימקע איז פון זיין שטאָט ניט אָפּגעטראָטן. די שטאָט ווי יעדעס גרעזל, יעדעס ביימל איז געבוירן און געוואַקסן גלייך מיט אים. יעדעס הויז און יעדער באַרג מיסט האָט ווי אַן אָפענער בוך דערציילט די אינטימקייט פון די באַוווינער. דאָ אין דער חורבה מיטן ליימענעם דיל, האָט די שיינע רחל אויסגעוויינט אירע שיינע אויגן, ווייל דעם מלמדס טאָטכער האָט ווויל געוווסט, אַז אָן נדן וועט זי דער רייכער אַנשל פאַר אַ שנור ניט נעמען. אַ ביסל ווייטער אין דער זעלבער גאַס פלעגט די ערזכע אַרויס מיט איר מענה־לשון, הלמאי האָט די שכנה איר פריזבע פאַרגאָסן.

חיימקע שלעפּט זיך צווישן די חורבות פון פאַרוויסטע גאַסן. אין זיין דמיון זעט ער דאָס שטעטל אין ערב פסחדיקן דעקאָרום. באַשטריימלטע יידן אין גלאַנציקע קאַפּאָטעס איילן זיך צו דאַווענען. ווער עס לויפט צו דער הוסיאַטענער קלויז, ווער צו דער טשאָטקעווער, ווער צו דער שול, און ווער צום בית־מדרש. די סעדעכעס ביים ראָטהויז פאַקן די מולטערס פול מיט

אויבסט. אויסגעצוואָגענע קינדער אין נייע מלבושים, קלייבן סטעזשקעס פאַר די נייע שיך. פאַרשפעטיקטע דאָרף־גייער לויפן פון מרחץ, מיט די שמוציקע וועש אונטערן אָרעם. פרי אָפּאַרעטע באַלעבאָסטעס שטייען מיט פאַרלייגטע הענט אויף זייערע שוועלן און שפעטן אָפּ פון די וועלכע „רייטן נאָך אויפן שלייער."

די גאַסן שמעקן מיט פסחדיקע לאַטקעס, קוגעלעך אונטער דער גאָלדענער יויך. חאָראָסטקוב האָט אַראָפּגעוואָרפן די דאגות פון אַ גאַנץ יאָר. באַזאָרגט מיט מצות, מיט אייער, מיט שמאַלץ, האָט מען געהאַט צייט זיך אָפּצוגעבן מיט עבודת הבורא.

חיימקע פאַרטיזאַן שפאַנט אַרום און אַרום דעם פאַרוויסטן מאַרק־פלאַץ. אין דער טיפעניש פון זיין נשמה פולסירט נאָך אַלץ דאָס לעבן פונעם קיינמאָל מער שטעטל. ער זעט ווי ייִנגלעך שפילן מיט ניס. הערשעלע דער משוגענער שפאַנט מיט מגושמדיקע טריט אַרויף און אַראָפּ די טרעפן פון דער שול. דער אַלטער רב וויגט זיך איבערן שטענדער. ער הערט דעם חזן דאַוונען ביים עמוד, ער הערט אפילו די „ברוך שמו"ס און די אָמנ'ס פון קאָל. ער זעט דאָס אַלץ מיט אַזאַ אויסטערלישער שאַרפקייט, גלייך ווי אַ בליץ פון שגעון וואָלט דורכגעשפיזט זיין מאַרך. ניין, דאָס קען ניט זיין! כאַפּט ער זיך אַ פאַרצווייפלטער אָן ביים קאָפּ און מיט די פינגער ווי אַ בליץ־אָפּלייטער צעפירט ער די וויזיע פון קאָפּ צום האַרץ, ווו זי זאָל ברענען ווי אַ נר־תמיד אויף אייביק און אייביק.

חיימקע איז מיט גיכע טריט פאַרביי געגאַנגען די באָמבאַרדירטע שול, וואָס האָט אויסגעזען ווי אַ געקעפטער גוף, וואָס באָדט זיך אין אייגענעם בלוט פון צעריסענע ספר־תורהס, צעבויגענע הענגלייכטער' צעבראָכן גלאָז, און איבער דעם אַלעם אַ מיסטישע שטילקייט. אפילו די פויערים אויפן וועג צום קלויסטער, האָבן אויסגעמיטן דורכצוגיין די פאַרשוועכטע הייליקטימער און אויסגעטראָטן אַ זייטיקע סטעזשקע.

פאַר חיימקען זענען קיין אַנדערע סטעזשקעס ניט געווען. זיינע טריט האָבן אים צום הונדערטסטן מאָל געבראַכט צום הויז ווו ער איז געבוירן, אויפגעוואַקסן און דערלעבט צו זען דעם חורבן. ער האָט געקליבן און צונויפגעשטעלט פון שערבלעך אַ טעלער. ער האָט אויפגעהויבן אַ ברעטל פון אַ בעט, אַ פעדער פון אַ קישן. זיין אַנגסט איז געוואַקסן. אים האָט זיך געדאַכט, אַז ער הערט זיין מוטערס שטים, זיין שוועסטערס און אפילו זיין שוין פון לאַנג פאַרשטאָרבענעם טאַטן. אַלע רופן צו נקמה. נקמה קלינגט אין זיינע אויערן. אויך די ציינער אין מויל קלינגען נקמה. ער לויפט אַרויס דורך דעם געוועזענעם הינטערטויער, באַרג אַראָפּ צום בלאָטיקן געסל ווו אַבראַמטשע קצבס הייזקע איז געבליבן שטיין אומבאַשעדיקט. אינווייניק איז אַלץ געווען אויסגערויבט. די ווייס געקאַלעכטע ווענט האָבן געטראָגן דעם אָפּדרוק ווו די בעטן זענען געשטאַנען, די שאַפע, דער קאַמאָד, ווו דער שפיגל איז געהאָנגען. אים האָט זיך געדאַכט, אַז אויך די ווענט נאַקעטע, פאַרשעמטע, בעטן נקמה.

אַ צעקלעמטער האָט חיימקע פאַרלאָזט די פאַריתומטע קיך, אַ שטופּ געטאָן די טיר צום פאָדערהויז, ווו דריי באַזונדערע שטויב־זיילן האָבן געציטערט אין טונקעלן שטח. די סטעליע באַהאָנגען מיט שווערע פּאָוויטענע פלאַכטעס, ווו שפינען האָבן געפּראַוועט הוליאַנקעס. וואָס נידריקער די זון האָט זיך גענייגט צו מערב, אַלץ מער צום צפון האָבן זיך די שטויב־זיילן געריקט. ווען זיי האָבן דערגרייכט דעם סאַמע עקסטרעמען ווינקל זענען חיימקעס אויגן געוואָרן גרויס און גרעסער... צווישן די געדיכטע פּאָוויטינע חופות האָט אַ שאָטן אין דער פאָרם פון אַ מענטשן זיך געוויגט. אַ שאַרפער ריח פון צעפאַלן לייב האָט אים פאַרשלאָגן דעם אָטעם. חיימקע האָט אַ טראָט געטאָן נעענטער און גלייך דערקענט דעם גוף פון אַברמטשע קצב, אָנגעטאָן אין זיין שפענצער־וועסט. פאַרצויגן אויף אַ גאַרטל, האָט דער איינגעשרימפּענער קאָפּ נאָך געהאַלטן די גרייז־גרויע באָרד אומבאַשעדיקט.

חיימקע פאַרטיזאַן האָט אַלע יאָרן געפילט אַ נאָענטקייט צו דעם עלטערן ייִדן.

ער האָט ליב געהאַט אויסצוהערן אבראַמ־טשעס מעשיות, זיינע גבורות. אַלס יוגנט־לעכער האָט אַבראָמטשע אויפגעהויבן אַ פּעסעלע ביר, ניט מיט די הענט, נאָר מיט די צייןֹ, און עס געטראָגן פון ביר־קעלער ביז צום שענקער. חיימקע פלעגט זיך אָפּט פאַרמעסטן מיטן עלטערן יידן, ווער עס וועט וועמען בייקומען אין אַ פריינד־לעכן געפּעכט. אבראָמטשע איז געווען אַ ייד פון אַ גאַנץ יאָר. לערנען האָט ער ניט געקאָנט. ער האָט קוים געכאַפּט די עברי. און ווייל ער האָט דעם פּירוש המילות פון סידור ניט פאַרשטאַנען, איז אים יעדער אות פאָרגעקומען פאָרכטיק, הייליק. ער האָט זיך שטאַרק געהיט קיין וואָרט ניט צו איבערהיפּן. סיי זומער, סיי ווינטער, אין רעגנס און אין זאַווערוכעס מיטן ערשטן מנין געדאַוונט פון זיין טאַטנס סידור.

וואָס צו גאָט איז צו גאָט און וואָס צו לייט איז צו לייט. אַבראַמטשע האָט ליב געהאַט אַ וויץ, אַ גלייכווערטל. ווייבער האָבן געצויגן צו זיין יאַטקע ווי בינען צום נעקטאַר. אויך אַלע שטאָטישע אָרעמע לייט האָבן געקלעפּט צו אים. „פאַר דעם זעלבן געלט וואָס דער רייכער פרעסט ברוסט, גריזשעט דער אָרעמאַן ביינער. ווייל ביז ער שלעפּט צונויף די פּאָר גראָשן זענען שוין מער ווי ביינער ניט פאַר־בליבן.” אַזוי פלעגט ער זאָגן. דאָס זענען ניט בלויז געווען רייד, ער האָט געגעבן אויף באָרג. — זאָל אויך דער קבצן הנאה האָבן פון אַ גוטן ביסן. פרייטיק נאָך מיטאָג, ווען די יאַטקע איז שוין געווען ריין געוואַשן, די מעסערס געשאַרפט, האָבן זיך ערשט באַוויזן כאַצקעלע דער בלינדער, מאיר וואַסער־טרעגער, נתן פּעטרושקע. זיי האָבן טאַקע אין יאַטקע אויסגעציילט די גראָשנס וואָס זיי האָבן אָנגעזאַמלט אין די הייזער.

אַבראַמטשע האָט הנאה געהאַט פון זיינע אָרעמע לייט. פּורים פלעגט ער מיט זיי מאַכן אַ שנעפּסל. אויך פּסח צייט האָט ער ניט פאַרגעסן: אַ פּאָר איבריקע ביינער, אַ שטיקל מאָגער פלייש — האָט אים גע־מאַכט פילן ווי אַן אמתער מלך.

אבראָמטשע קצב האָט זיך קונה־שם געווען מיט זיין הכנסת אורחים. זיין שבת־טיש האָט שטענדיק באַשיינט אַן אָרעמאַן, און אַמאָל אפילו צוויי. דאָס זענען מייג־סטנס געווען יידן וואָס האָבן זיך געשלעפּט איבער דער וועלט. זיי האָבן דערציילט מעשיות פון גוטע־יידן, בעלי־מופתים. אָן אַ פרעמדן ביים טיש — איז דער שבת קיין שבת ניט געווען.

חיימקעס באַציונג צו אַבראָמטשע קצב האָט אין זיך געהאַט עפּעס ווי נשמה־קרובהשאַפט. אויך חיימקע האָט ליב גע־האַט זיך אַרויסצושטעלן פאַר אַ שטאַרקן, טאָן טובות, אַרויסווייזן העלדישקייט. האָט אַ גוי זיך צעשפּילט מיט די הענט, האָט אים חיימקע דערלאַנגט איבער דער מאָרדע. ער האָט געקאָנט רייטן אויף אַ פערד, שטייענדיק. ער האָט אויך געקאָנט טראָגן אַ זאַק תבואה אויף די פּלייצעס פון איין סוחר צום צווייטן. ווען דער אַלטער מיטן יונגן האָבן זיך באַגעגנט, האָבן זיי זיך רק געקיבעצט. אַבראָמטשע האָט חיימקען גערופן יונגער לאָשעק. חיימקע האָט אים געקרוינט מיטן נאָמען: אַלטער דעמב.

טאַקע ווי אַ דעמב איינגעקלאַמערט אין די וואָרצלען, האָט אַבראָמטשע זיך נישט גערירט פון זיין היים. בעת דער ערש־טער וועלט־מלחמה, ווען מענטשן זענען געלאָפן פון איין שטאָט אין דער צווייטער, איז ער געבליבן אין דער היים. זאָלן אַנ־דערע לויפן, האָט ער געטענהט. ער בלייבט דאָ, אין זיין ליימענער כאַלופּקע, וווּ זיין טאַטע און זיין טאַטנס טאַטע האָבן געלעבט און געשטאָרבן. ער בלייבט דאָ וווּ ער איז געבוירן געוואָרן, חתונה געהאַט, געבראַכט אַ נייעם דור אויף דער וועלט. קאַלטס און וואַרעמס האָט ער דורכגעמאַכט אין זיין לעבן, נאָר דאָס וואָס די עלטער האָט אים באַשערט, האָט אפילו די תוכחה קיין ווערטער ניט געהאַט.

אַבראַמטשע האָט דערלעבט צו זען דעם צעשאָסענעם גוף פון זיין ווייב. און שפּע־טער, דעם מוזיניק לעבעדיקערהייט אין בוידקער פאַרברענט. ווען דער משחית האָט אים נאָך אַלץ אויסגעמיטן, האָט ער אַריינגעהאַקט אַ הוק אין באַלקן און מיט

משה שקליאַר

# לידער

## יידישע אַקטיאָרן פון פוילן

געקומען פון אַ יידישלאַנד אָן יידן
מיט וואָרט פון גאָלדפאָדען און שלום־עליכם
אויף אויסגעברענטע ליפן
זענען זיי די שאָטנס פון אַ וועלט
וואָס איז געוואָרן „יענע וועלט"
און ווי שאָטנס זיי באַוועגן זיך
אויף דער אויסגעטראַכטער בינע
און זיי שוועבן און זיין לעבן
און דאָס פידעלע שפּילט צו

אין זאַל איז פינצטער שטיל
אַ פינצטערע שטילקייט
און פלוצעם רייסט די שטילקייט אויף אַ ליד
מ אַ מ ע ל ע
מיין יידישע מאַמע

ציטערדיקע אַלטע פינגער געמאַכט פון גאַרטל אַ פּעטליע.

היימקע פּאַרטיזאַן איז געשטאַנען פאַר דעם געהאָנגענעם. אין זיין דימיון האָט ער געזען ווי דער אַלטער דעמב ציט איין די פּעטליע אַרום זיין מאָגערן גאָרגל. זיינע פיס אויפן קעסטל, זיינע אויגן צום הימל געווענדט. „רבונו של עלם", האָט ער אַוודאי געשעפּטשעט, „אויב דאָס איז דיין ווילן, טאָ זאָל עס זיין!" מיט די לעצטע כוחות האָט ער אַ שטופּ געטאָן דאָס קעסטל. די פיס האָבן אַ פּאָזע געטאָן אין דער לופט. „רבונו של עולם," האָט ער צום לעצטן מאָל אויסגערופן. די צונג פון מויל איז אַרויסגעפאַלן. אַ שיטערער טראָפּן בלוט האָט אַ טריף געטאָן אויף זיין ווייסער באָרד און געבליבן הענגען אַ כ[illegible]טריקנטער.

חיימקע האָט אָפּגעקניפּט דעם פאַרשטויבטן גאַרטל, אַרויסגעהויבן די טיר פון די זאַוועצעס און אַרויפגעלייגט דעם בר־מינן.

ווען די נאָכגעביקע ערד האָט צוגעדעקט דעם לעצטן תושב וואָס איז געבראַכט געוואָרן צו קבורה אויפן האָראָסטקאָווער בית־עולם, האָט חיימקע פּאַרטיזאַן זיך אויסגעגלייכט. מיט דער לאָפּעטע אויפן אַקסל האָט ער אויפגעהויבן זיין קול און זיך צעזונגען:

זאָג נישט קיינמאָל אַז דו גייסט
דעם לעצטן וועג!

זיין קול האָט דער ווינט אויפגעכאַפּט און עס געטראָגן פון בית־עולם צו דער רויטער בריק, ביז צו דער מיל, און פון דאָרט — אין דער ווייטער וועלט אַריין...

און עס טראָגט אַוועק מיך דאָס געזאַנג
צו יענעם יידישלאַנד אָן יידן
ווו זיי זענען געגאַנגען
די יידישע מאַמעס
מיט פּיצלעך קינדער אויף די הענט
צום אומשלאַג־פּלאַץ
צום קאַלכאויוון
צום פייערפלאַם וואָס האָט פאַרצוקט אַ פאָלק
און ווידער הער איך אַ געוויין
און ווידער הער איך אַ געקלאָג
און דאָס פידעלע שפילט צו

און פון פייערפלאַם אַרויס
רייסן זיך מלאכים ־ ווערטער
„זאָג נישט קיין מאָל אַז דו גייסט
דעם לעצטן וועג"

און זיי גייען זייער וועג
נישט דעם לעצטן וועג
די יידישע אַקטיאָרן פון פוילן
און זיי שוועבן און זיי לעבן
אויף דער אויסגעטראַכטער בינע
און מיט זיי לעבט ווידער
טביה
און מנחם־מענדל
האָצמאַך מיט די טעכטער
און די גאָלדגרעבער
וואָס זוכן אַלץ דעם אוצר נאָך
און ס'לעבט דאָס ליד דאָס יידישע
און דאָס פידעלע שפילט צו
און דאָס פידעלע שפילט צו

# פון די אשן

איך זע זיי ווידער ווי אַמאָל, אַמאָל,
די זעלבע שוואַרצע האָר און שוואַרצע אויגן —
די צייט האָט זיי צו מיר איצט אָנגעבויגן
און זיי שײַנען ווי אין שפּיגל פון קרישטאָל.

נאָר בלויז די שוואַרצע האָר און שוואַרצע אויגן
מער קיין זאַך נישט — קיין פּנים, קיין געשטאַלט,
מיט שאָטנס זענען זיי אַרומגעצויגן
און ווי דער שפּיגל — מיניענדיק און קאַלט.

קאַלט? אָט נעמען זיי גאָר ברענען מיט אַ פלאַם,
וואָס ברעכט און ב־זָקט און אַלץ אַרום פאַרצערט
און אַשן פאַלן, פאַלן אויף דער ערד
און פון די אַשן הייבט אַ פעניקס זיך אַרויס —

מיין שטאַם.

שיע טענענבוים / ניו־יאָרק

# זיינען די מלאָכים געווען יידן?

די פרוי האָט מיר דערציילט אַן איבערלעבעניש פון וואַלד וואָס האָט שיער נישט פאַרגליווערט אָדער פאַרשטיינערט דאָס בלוט אין מיינע אָדערן. עס איז דווקא נישט געווען קיין דראַמאַטישע געשיכטע, אָבער עס איז מיר געוואָרן שווער צו אָטעמען הערנדיק איר שטילן און טרויעריקן קול...

— די מאַמע אונדזערע איז דורך לאַנגע וואָכן געלעגן אַ־אַ שטומע און געשוואָלענע אויף עפּעס אַן אַלטן און געלן פוטער פון אַ צאַרישן גענעראַל וואָס זי האָט געהאַט געפונען אין וואַלד. דער פייכטער פעלץ האָט זיך קיינמאָל נישט געקענט אויסטרוקענען. ער האָט אַריינגענומען אין האַרבסט־צייט אַ סך נאַסקייט פון די פוילישע רעגנס, פון די פריע שנייען וואָס האָבן אָנגעהויבן צו פאַלן פון די אומהיימלעכע הימלען באַלד נאָך סוכות, און זיי האָבן כמעט נישט אויפגעהערט צו שנייען דורכן גאַנצן ווינטער. די מאַמע איז געלעגן אין אַ ווינקל פון דער „זשעמלאַנקע חדשים־לאַנג און זי האָט געפוילט לעבעדיקערהייט...

מיר האָבן נישט געהאַט וואָס איר צו געבן צו עסן און צו דערכאַפּן איר אָפּגעשוואַכט האַרץ מיט אַ גלעזל מילך. דריי ברידער און דריי שוועסטערן האָבן מיר געהאַט אין דער „זשעמלאַנקע" אויסער מיין קראַנקן מאַן פון וועמענס פאַרוווּנדעטן פוס עס איז כסדר גערונען מאַטעריע, מחמת אַ געשטאַפּאָ־מאַן האָט אים געהאַט אַדורכגעשאָסן די קני מיט זיין רעוואָלווער ווי אַ משוגענעם הונט בשעת ער איז אַנטלאָפן פון אַ גרופּע געכאַפּטע אויף אַרבעט אין שטעטל. יעדע נאַכט האָב איך אים איבערגעבונדן די ווונט מיט אַנדערע טיכער־באַנדאַזשן. אָבער מען האָט אים נישט געקענט אויסהיילן דעם פוס וואָס האָט גענומען ברענען מיט גאַנגרענע. און דאָס איז געווען דער אָנפאַנג פונעם סוף...

איינציקווייז זענען די שוועסטערן און די ברידער אַרויסגעגאַנגען ביינאַכט פונעם גרוב כדי צו זוכן ביי די אַרומיקע פויערים אין די דערפער אַביסל שפּייז פאַר אונדז און פאַר דער געשוואָלענער מאַמען וואָס האָט קוים־קוים געקרעכצט ווי אַ קליינטשיק קינד. יעדע נאַכט האָט

---

## ווי לאַנג?

ווי לאַנג איז לאַנג,
ווי ווייט איז ווייט,
ווען צייט איז מער קיין צייט
אין קלאַנג קיין קלאַנג.

ווען פוסטקייט איז אַרום
און וואַרטסט און וואַרטסט —
דאָס וואָרט איז שטום
און שטום דאָס האַרץ?

דו הערסט זיך אין דער פוסטקייט איין
און פרוווסט דערהערן זיך אַליין,
נאָר ביסט פון זיך אַליין פאַרשטעלט
ווי ס'איז פון דיר — די וועלט...

## ווער ווייסט?

דער ווינטער האָט מיך אויסגעמיטן,
נישט קיין רעגן, נישט קיין שניי.
אויף מיזרח־זייט — אַ זון צעגליטע,
אויפן מערב — איך פאַרגיי.

נאָר צי וועל איך אויפגיין ווידער
אויב נישט פלאַצן וועט קיין אייז?
אפשר בלויז אין מיינע לידער—
ווער ווייסט, ווער ווייסט?

זי אַלץ שטילער אויסגעוויינט איר ווייטיק. די מאַמע האָט געוווּסט אַז זי וועט דאָ אין דעם פינצטערן גרוב אויסגיין. מיינע ברידער און שוועסטערן זיינען יעדעס מאָל וואָס זיי זיינען איינציקווייז, יעדע נאַכט אַן אַנדערע, אַרויסגעגאַנגען כדי צו זוכן שפּייז אין די שכנותדיקע דערפער, מער נישט צוריקגעקומען, ביז איך בין געבליבן אַליין מיט מיין קראַנקן מאַן און אויסגייענדיקער מוטער, האָב איך געזען אַז מיר זיינען פאַרמשפּט געוואָרן דאָ אַלע אויסצושטאַרבן. די פייגל האָבן געוווּסט אַז די מאַמע צאַנקט און זיי האָבן זיך געשטעלט אַרום איר און זי באַוויינט כמעט אויף אַ מענטשלעכן שטייגער. זיי האָבן געפּישטשעט ווי קליינע קינדער, און ווען גאָטס זיסע באַשעפענישן האָבן אויפגעהערט צו קומען צו אונדז אויף באַזוך, האָבן מיר שוין געוווּסט אַז עס קומט דער סוף צו אונדזער אומגליקלעכער מאַמען...

גאַנצע צוויי יאָר צייט האָבן מיר אַזוי געוווינט צוזאַמען מיט אונדזער געשטאָרבענער מאַמען אין דעם גרוב. מיר זיינען געווען געצוואונגען ביי דער מינדסטער באַוועגונג צו טרעטן מיט אונדזערע געשוואָלענע פיס אויף איר הייליקן לייב. טייל פּויערים האָבן זיך דערנענטערט צו אונדז און זיי האָבן געבראַכט אַביסל שפּייז, ברויט און מילך. מיר האָבן אויך געגנבעט רויע קאַרטאָפל און בוראַקעס פון די פעלדער. מיר האָבן עס געמוזט טאָן בשעת פינצטערע נעכט, מחמת ווען די לבנה האָט העל געשיינט, האָט די געשטאַפּאָ וואָס האָט אונדז געזוכט, אונדז געקענט גרינג געפינען. די פּויערים האָבן כסדר דערציילט אַז די געשטאַפּאָ ווייסט אַז יידן באַהאַלטן זיך אויס אין וואַלד, און אַז עס וועט שווער זיין פאַר אונדז צו קענען אַנטרינען פון זייער כסדרדיקן לויער אויף אונדזערע אָרעמע לעבנס...

לעבנדיק אין אַזאַ מוראדיקן פּחד געכאַפּט צו ווערן פון אונדזערע פאַרפאָלגער, האָבן מיר איבערגעלעבט אונדזערע פיינסטע מאָמענטן בשעת יענע נעכט ווען מיר זיינען געווען פאַרזונקען אין שלאָף פון דער טויטלעכער מידקייט, הונגער און קראַנקייטן. ווען אין דעם וואַלדיקן דרויסן האָט געשנייט אָדער געריגנט, און דער ווינט האָט געריסן די צווייגן פון די ביימער מיט אַ מין טיפּיש־פּוילישער רציחה, זיינען מיר געלעגן איבער דער מאַמעס ביינער, איינגענורעטע אין איר פוילנדיקן און רוסיש־גענעראַלסקן פּעלץ, און מיר זיינען געווען גליקלעך, מחמת אין אונדזערע מיטנאַכטיקע חלומות איז ממש די מאַמע אויפגעשטאַנען תחית המתים. אין גאַר איר אַמאָליקער און יוגנטלעכער שיינקייט האָט זי אויפגעלויכטן ווי זי פלעגט אויסזען ווען זי איז נאָך געווען אַ יונגע כלה...

פון די דערציילונגען פון אירע יוגנט־יאָרן; פון דער שיינער צייט פון איר כלה־שאַפט ווען זי האָט געבליט ווי אַ רויז; פון איר חתונה מיט אַ געראָטענעם חתן פון אַן אַנדערן נאָענטן שטעטל, וואָס איז שפּעטער געוואָרן אונדזער באַשערטער פאָטער; פון די אַלע גליקלעכע איבערלעבענישן פון די פריערדיקע יאָרן, האָבן אונדזערע פאַנטאַזיעס אויסגעמאָלן די חלומות וואָס מיר האָבן געחלומט אין דער זשעמלאַנקע בשעת די טרויעריקע נעכט פון אונדזער אומגליק. מיר האָבן בפירוש געהערט אונדזער מוטערס האַרציקן קול. מיר האָבן פאַרנומען איר אַמאָליקן געזאַנג פון פרייד און גליק. אַלע רירנדיקע און זיסע פאָלקסלידער פונעם שטעטל האָבן אונדזערע שוועסטערן און ברידער, וואָס זיינען מכלומרשט צוריקגעקומען פון זייערע שפּאַצירן, געיעגן נאָך האָזן און קוראָפּאַטוועס, און פון זייער קלייבן זומערצייט יאַגדעס, מאַלינעס און שוואָמען אין די וועלדער, געזונגען און אויסגעטאַנצט. אָבער דאָס האָבן זיי בלויז געקענט טאָן ביינאַכט בשעת אונדזערע חלומות, וואָס די געשטאַפּאָ האָט זיכער נישט געקענט הערן...

יאָ, עס האָבן אונדז פריינדלעך באַזוכט די מערסטע קרובים פון אונדזער אַמאָליקער גרויסער משפּחה. קיין איינציקער געשטאָרבענער קרוב איז נישט געבליבן ליגן אין זייערע קברים אויף די צעשאָסענע בית־עולמס. זיי זיינען אַלע צוריקגעקומען צו אונדז כדי אונדז צו פאַרווילן און צו דערפרייען די הערצער. אָט אַזוי צום, אַ דאַנק די דאָזיקע הימלעכע

חלומות האָבן מיר געהאַט די כוחות איבערצולעבן דעם חורבן. די טויטע קלעזמאָרים פון אונדזערע שטעטלעך האָבן פאַר אונדז געשפּילט די האַרציקע מעלאָדיעס, די זיסע פאָלקס־ניגונים, די באַטעמטע געזאַנגען. מיר האָבן זשעדנע אָנגערירט מיט אונדזערע ציטערנדיקע פינגער זייערע וואַרעמע יידישע פנימער.

מיר האָבן זיך ווי די קליינע קינדער וואָס מיר זיינען געווען אַמאָל, נאָך לאַנג פאַרן חורבן, ביינאַכט געשפּילט מיט די לאַנגע בערד פון אונדזערע זיידעס. מיר האָבן אפילו נאָך איצט גענוי געוווסט ווען עס איז פורים־צייט און ווען עס איז שמחת־תורה. און בשעת די דאָזיקע לאַנגע נעכט איז געווען ליכטיק אין אונדזער פינצטערניש, די יידן פון די קברים זיינען געקומען צו גאַסט צו אונדז. זיי האָבן ביי אונדז געטאַנצט און געזונגען. זיי האָבן געטראָגן די הייליקע תורה אין זייערע וואַרעמע אָרעמס. זיי האָבן געקושט גאָטס תורה ווי זיי האָבן געקושט זייערע זיסע אייניקלעך. זיי האָבן אויך פריינדלעך אויפגעוועקט אונדזער גוטהאַרציקע מאַמע. זי איז איצט נישט מער געווען געשוואָלן. אמת, זי האָט טאַקע לעצטנס פאַרלוירן אַ סך לייב פון איר גוף. אָבער זי איז געוואָרן אַזוי מין גרינג אַזש זי האָט לייכט מיטגעטאַנצט מיט אונדז. די מאַמע האָט געטראָגן די זעלביקע פּערלשנור אויף איר קלאָרן האַדז און די גאַנצע פינקלדיקע צירונג פון איר חופּה־נאַכט. און זי האָט זיך שטאַרק געפרייט מיטן גאָלדענעם דרשה־געשאַנק וואָס די מאַמעס, טאַטעס, פעטערס און מומעס האָבן איר געשאָנקען צו דער חתונה, און דער בדחן האָט כסדר אויסגערופן באַזונדער אַלץ וואָס די מחותנים און גאָר די קרובים האָבן זיי געשאָנקען צו דער חתונה...

מיר האָבן אויך געזען די טויטע קלעזמאָרים פון שכנותדיקע שטעטלעך און מיר האָבן געהערט זייער מחיהדיק שפּילן און זינגען ממש ביז טאָג ווען די היימישע פייגל האָבן אין דרויסן, צווישן די צווייגן פון די אַרומיקע ביימער אין די סעדער, איבערגעכאַפּט די מעלאָדיעס פון די קלעזמאָרים און זיי איבערגעחזרט מיט זייערע פייגלשע שטימעס...

איין מאָל האָט אפילו געטראָפן אַז אַזאַ שיינער הירש מיט שטאַרקע הערנער האָט אַריינגעשטעקט זיין קאָפּ אין אונדזער באַהעלטעניש און ער האָט אונדז לאַנג, זייער לאַנג אָנגעקוקט מיט אַזוי פיל סימפּאַטיע און רחמנות אין זיינע וואַרעמע און מענטשלעכע אויגן. און טרערן זיינען גערונען פון זיינע קלאָרע שוואַרצאַפּלען, אין זיין גאַנץ נפש איז געשטאַנען אַזאַ מין רחמנותדיק געוויין... יאָ, דער הירש האָט געוויינט ווי אַ יינגער ייד, ווי דער היימישער קלעזמער וואָס האָט אויך געהאַט אַ ראַזורע אין שטעטל און וואָס האָט געשפּילט אויף יידישע חתונות און אויף אַלערליי שמחות אין דעם לעבן פונעם שטעטל. ער איז אומגעקומען אין מאַידאַנעק מיט זיין גאַנצער משפּחה...

— און ווען מיין מאַן איז אויסגעגאַנגען מיט אַ סך יסורים, נישט האָבנדיק מער קיין כוח בייצושטיין די קראַנקייטן, האָב איך אים קובר געווען נעבן דער מאַמען. און ווי אַ געפאַנגענע חיה אין אַ קלאַטקע האָב איך אַזאַ איינזאַמע און נערוועזע געטראָטן איבער זייערע ביידנס קברים...

ווען דער פולער פרילינג איז געקומען און שיין געמאַכט דעם גאַנצן וואַלד האָב איך ביינאַכט געוואַגט זיך אַרויסצודראַפּען פונעם קעלער און איך האָב זיך מיט מיינע ביידע טייערע געזעגנט. איך האָב ממש געקושט די קאָרע פון די געליבטע ביימער נאָך וועלכע איך האָב געבענקט און געשמאַכט זיי ממש אָנצורירן ווי מיינע אומגעבראַכטע שוועסטער און ברידער... יאָ, איך בין אַרויס פון גרוב, פון דעם וואַלדגעדיכטעניש צו וועמען איך האָב געפילט אַזאַ שטאַרקע דאַנקבאַרקייט פאַרן באַשיצן מיך פון טויט, פון די שרעקלעכע דייטשע שלאַנגען...

איך בין געגאַנגען צום נאָענטסטן דאָרף ווו איך האָב געמאַכט קאַנטשאַפּט מיט אַ מילנער וואָס האָט געהאַט אַ מיל, אַ וויאַטראַק אויף אַ באַרג. בייטאָג ווען די פּויערים פון די דערפער זיינען געקומען צום מילנער מיט גאַנצע וועגן תבואה כדי צו מאָלן און שפּעטער צו באַקן ברויט פונעם קאָרנמעל, האָט דער מילנער מיך באַהאַלטן צווישן די שמיגעס, און ביינאַכט

שלמה שוואַרץ / שיקאַגאָ

# לידער

## אַ נייער שבט יידן

**א.**

זיי קומען זיך צונויף די שכנים, די געסט
פון די הינטערשטאָטישע היימען.
זיי קומען אין פוטערנע מאַנטלען
מיט וואָכעדיקע ריחות
און צוגעפּאַרבטע ליפּן,
מיטשלעפּנדיק די אַלטע באָבע
וואָס רעדט נאָך יידיש:
„אַזוי טאַקיש שיין".

זיי קומען ווי אַ נייער שבט
מיט די ראַדיאָס איינגעקנעפּלט
אין די אויערן:
מיט בערדלעך, ווי ציגן,
לויט דעם נייעם פאַסאָן —
היטלאָזע, קראַוואַטלאָזע,

מיט אויגן ווי וואַגשאַלן
און מיט פינגער וואָס באַוואונדערן
די גאָלדענע קליאַמקעס
און די זילבערנע בליך־לעמפּלעך
ווי אין די מוזייס...

פרויען שפּיגלען זיך
אין די פּאָלירטע נעגל זייערע.
מאַנסבילשע רייד מיט בענקשאַפט פון יאָרן.
די אימפּאָרטירטע ציכן אַזש פון פּאַריז
צערטלען די גלידער...
ווערטער טונקלען. אינהאַלט פלאָנטערט.
די שפּראַך פרעמד און גאָר ניט אייגנס...

**ב.**

די היכע קאָנטראַלטאָ דאַמע זינגט
פון ליבע און מוטערשאַפט...
איר לשון ווי איינגעקריצטע איניציאַלן

---

האָט ער מיך אַרויסגעצויגן פון דעם באַהעלטעניש און איך האָב זיך אין זיין שטוב געקענט אָפּוואַשן דאָס פּנים און דאָס שוואַרץ־געוואָרענע אַלטע לייב מיינס ווי ביי אַ זקנה, כאָטש איך בין נאָך געווען גאַנץ יונג. פון גאַנצע יאָרן נישט וואַשן זיך איז די הויט פון מיין לייב געוואָרן פאַרטרוקנט און האָט אָפּט געבלוטיקט.

דער מילנער האָט מיר געגעבן אַ שטיקל זייף מיט אַ האַנטוך און אויך עפּעס צו עסן: אַ טאָפּ מיט קאַשע, מיט געלן הירזש און מיט ראַזאָוואַנעם ברויט וואָס האָט מיר געשמעקט און געהאַט דעם טעם פון האָניק־לעקעך... איך האָב געפילט אַ שטאַרקע דאַנקבאַרקייט צום דאָזיקן פּויערישן מענטש וואָס האָט מיך אַזוי מענטשלעך באַהאַנדלט.

מיר האָבן דערנאָךביידע געלעבט ווי מאַן און ווייב. איך האָב נישט געהאַט צו וועמען זיך צו ווענדן און וווהין זיך צו קערן. מיין משפּחה האָבן די נאַציס אומגעבראַכט און גאָט האָט זייערע נשמות גענומען אין גן־עדן אַריין, כאָטש זיי האָבן אַזוי מוראדיק בעסער געוואָלט לעבן און געניסן דאָס לעבן אויף דער ערד. איז צו וועמען האָב איך זיך געזאָלט דערנענטערן נאָך אַזוי פיל יסורים, הונגער און פּחד פאַר די דייטשע חיות? מיט וועמען האָב איך געזאָלט חתונה האָבן? אפשר מיט אַ מלאך? גאָט האָט זיינע געטרייע מלאָכים נישט אַראָפּגעשיקט אויף דער פאַרשאָלטענער ערד כדי צו ראַטעווען אומגליקלעכע יידישע קינדער וואָס זיינען געטריבן און אומגעבראַכט געוואָרן ווי די חיות אין די וועלדער דורך די נאַצישע רוצחים און פּוילישע יעגערס פון די יידן. גאָטס מלאכים האָבן אויך נישט ליב געהאַט קיין יידן. זיי אַליין האָבן נישט פאַרמאָגט קיין יידיש באַרעמהאַרציק בלוט אין זייערע אייז־קאַלטע אָדערן...

פון ווייטע אַוואַנטורעס.
די זעכצן־יאָריקע
טאַנצט ווילד
אין צוזאַמענגלי און וווּנדערשפּיל
מיטן קאָליר פון יונגע יאָרן.

און אין קאָסטבאַרן טעלער
ליגט דער יידישער הערינג
אַ צעשניטענער מיט געזאַלצענע וווּנדן.
דער ראַבאַי שמייכלט אומפרום.
די באָבע דרימלט מיט דעם אַלטן שלאָף
אין די אויגן
און פּאַכעט איר: „ג ו ט ע נ אַ כ ט"
„אַזוי טאַקטיש שיין"
צו די נייע יידן
מיט די איינגעקנעפּלטע ראַדיאָס
אין די אויערן — — —

1986 — שיקאַגאָ

## דער גאָלדענער זייגער

ווען אינדרויסן הערשט
אַ ווייסער פייער,
אַן אויסטערלישער פייער
לויף איך
דורך די אָפענע קאָרידאָרן
פון קאָנדעמיניום
מיט פאַרשפּילעטע שטערן
מיט וואָלקנס ווי אין ראָזע מאַנטלען,
ווי לאָליטעס מיט גרינע בענדער
אין די רויטע האָר...

ציפערן און נומערן
אויף אַלע פאַרשלאָסענע טירן.
ווי אַ רענואַר
כ'מאָל אויס די געשטאַלטן
וואָס ליגן פאַרבהאַלטן
הינטער זיי...
טויכן אַרויס ווי ניי־באַשאַפענע
פון די בעטן, שוואַרצאַפּלען
מיט וווּנדערריי און מיט בלומען
אין די פאַרפרוירענע שלעסער
ווי אין דיזנילאַנד...

זיי לויפן מיר נאָך: אַ צווייטער, אַ דריטער,
מיט פריינדשאַפט
וואָס אָטעמט וואַרעמקייט,
מיט אַ גערויש וואָס געבוירט
שליסלען
צווישן די פינגער
צו עפענען באַנייטן טאָג
פאַר דעם ספּאַרטלער און לויפלינג.

אויפגעלעבטע סטרונעס לויפן מיט
אין די אויפגעוועקטע פרימאָרגנס:
יאָ, כ'ווייס, דער זייגער רעדט צו מיר
ברוסטיק, סך־הכלדיק —
דער זייגער מיט די צוויי גאָלדענע ווייזער,
יענער זעלבער,
וואָס מיין מאַמע האָט געשאָנקען דעם טאַטן
פאַר דער חתונה...

1986—שיקאַגאָ

## דער אומעטיקער שניי

דער אומעטיקער שניי
האָט געזוכט מיין שוועל
צו דערגרייכן,
די טיר צום זוניקן הימל.
פון די הייכן, וואָלקנס זיינען געלאָפן
און צעשאָטן זילבערנע קרעלן.

די מויערן מיט פנימער פאַרפוצטע
מיט שויבן גאָר אַנדערש
און מיט די קרעלן אַרום
ווי פאַרגרימירטע אַקטיאָרן.

דער ווינט וואָס ווייסט אַלע וועגן
טרייבט דעם זומער אין וויטן וואַנדער;
קעמט די שניי אין אַלע הויפן
און אין אַלע גאַסן.

שואל גוטמאַן / ניו־יאָרק

# ליבע און טראַדיציע ביי אַמעריקאַנער יידן

I

די פּראָבלעם: געמישטע חתונות צווישן יידן און קריסטן אין אַמעריקע, הערט נישט אויף צו באַשעפטיקן יידישע סאָציאָלאָגן, כלל־טוערס און פּשוטע יידן. בעת מיינע עפנטלעכע אַרויסטרעטונגען מיט רעפעראַטן אין פאַרשידענע אַמעריקאַנער שטעט — אפילו ווען כ'האָב גערעדט אויף טעמעס וואָס האָבן געהאַט אַ קנאַפּע שייכות מיט דעם ענין, האָט דער עולם נישט פאַרגעסן מיר צו שטעלן פראַגעס בנוגע דעם פענאָמען. מ'קען נישט לייקענען אַז ס'איז אַ ברענענדיק־אַקטועל פּראָבלעם פאַר וועלכער קיינער האָט ביז איצט נישט געפונען קיין לייזונג.

איז אָט נאָר וואָס דערשינען אַ שטודיע וואָס איז געבויט אויף אַן 18־חדשימדיקער אויספאָרשונג *). דער מחבר פון דעם בוך, ד"ר. עגאָן מייער, איז אַ פּראָפעסאָר פון סאָציאָלאָגיע אין ברוקלין קאָלעדזש—געבוירן אין בודאַפּעסט, און אין עלטער פון 12 יאָר—אין 1944—עמיגרירט קיין אַמעריקע; אין 1975 האָט ער באַקומען זיין דאָקטאָראַט אין סאָציאָלאָגיע פון ראָטגערס אוניווערסיטעט. פּראָפ. מייער און זיין פרוי זיינען דערצויגן געוואָרן ווי אָרטאָדאָקסישע יידן, און זיי

*) LOVE AND TRADITION
*Marriage Between Jews and Christians*
by Egon Mayer
Plenum Press New York & London
1985, 311 pp.

טרייבט צו זעלבסטמאָרד
שוואַכע פייגל פון די הייכן.

וועגן ווערן וויס,
ווייסער ווערט די נאַכט
ווי פאַראַיאָרן.
כ'האָב ווייסעביימער קוים דערקענט
מיט יאָרצייט ליכט
אין די האָר—

ווען דער אומעטיקער שניי
האָט געטראָגן טויטע פּאָעטן־קאָלעגן
צו זייער רו...

שיקאַגאָ — 1986

## דער אַלטזומער שטאַרבט

די גרינע געוועבן וואָס געלן איצט
פאַרפירן מיך צום שפּיצבאַרג
וואָס ליגט מיט רעגן אָנגעטרונקען
בעת דער אַלטזומער שטאַרבט

רויטער, פייערדיקער און בראַנדיקער
מיט די פלאַמען וואָס ווערן שאָטנס
אַראָפּגערונענע
כאַרג אַראָפּ.

אונטער די גרוי־אָנגעמערקטע הימלען
דער עפּלבוים אינעם גאָרטן
האָט זיך איבערגעביטן.
שטייט יתומדיק אין מיטן
אַן אויסגעטאָנענער אָן קאָלירן,
אָן עפּל,
זיינע בלעטער וועלקן ווי ניט דערזאָגטע
גרבאָטן.

און דער נאַקעטער ברוינער דרויסן
מיט פאַרמעקטע קלאַנגען, מיט אָטעם
פאַרפעלט;
די פעלדער און סעדער מיט ווונד־צייכנס,
אומפאַרהיילט, אָפּגעשיילט,
מאַניעט אַנטקעגן דעמערגרוי נאָכן שניט.
שיקאַגאָ—1986

האָבן אַ טיפֿן אינטערעס אין יידישער עקזיסטענץ.

פֿאַרשטייט זיך אַז די אויספֿאָרשונג וואָס מיר ווילן דאָ באַטראַכטן איז געמאַכט געוואָרן לויט די אָנגענומענע סאָציאַל־וויסנשאַפֿטלעכע מעטאָדן. די שטודיע איז געבויט אויפֿן יסוד פֿון אַנקעטעס און אינטערוויוען מיט הונדערטער געמישטע פּאָרלעך און מיט זייערע קינדער — ווי זיי נעמען אויף דעם קאָנפֿליקט צווישן ליבע און טראַדיציע; ווי זיי האַרמאָניזירן זייער צוגעבונדנקייט צו געירשנטע טראַדיציעס און צו זייערע משפּחות; ווי זייערע קינדער קוקן אויף זייער רעליגיעזער און עטנישער אידענטיטעט — באַטראַכטן זיי זיך ווי אָנגעהעריקע צו יידן, אָדער צו קריסטן, אָדער זיינען זיי פֿרעמדע איןביידע וועלטן.

מיר וועלן זיך נישט קענען אָפּשטעלן אויף אַלע טאַבעלעס, ציפֿערן און פּראָפּאָרציעס וואָס דר. מייער גיט אָן, כדי צו באַפֿעסטיקן זיינע אויספֿירן; מיר וועלן אויך נישט ציטירן זיינע אָריגינעלע פּסיכאָלאָגישע אַריינבליקן אין דער מענטאַליטעט פֿון די געמישטע פּאָרלעך — דאָס וואָלט פֿאַרנומען צופֿיל פּלאַץ. מיר וועלן זיך מוזן באַנוגענען מיט אַ פּאָר ציפֿערן און פּראָצענטן וואָס זיינען אומבאַדינגט נייטיק כדי אָפּצושאַצן די קאָמפּליצירטקייט פֿון דער פּראָבלעם.

פֿון די קנאַפּע זעקס מיליאָן יידן אין די פֿאַראייניקטע שטאַטן, אין 1980, האָבן 350,000 יידן חתונה געהאַט מיט נישט־יידן. זיי האָבן געבוירן צווישן פֿיר און 600,000 קינדער. עס איז פֿאַראַן אַן ערך אַ מיליאָן יחידים וואָס זיינען באַטייליקט אין געמישטע חתונות. דער מחבר האָט אינטערוויואירט געמישטע פּאָרלעך זינט 1975. צווישן 1977-1979 האָט ער געפֿאָרשט 450 פּאָרלעך איבער גאַנץ אַמעריקע: לאָס אַנדזשעלעס, ניו־יאָרק קליוולאַנד, דאַלאַס, און אַנדערע שטעט. ביי אַרום אַ פֿערטל פֿון די פּאָרלעך האָבן זיך די קריסטלעכע שותּפֿים מגייר געווען. צווישן 1981-1983 האָט ער געפֿאָרשט די קינדער פֿון די געמישטע פּאָרלעך.

עס איז וויכטיק זיך צו באַקענען מיט דעם וווּקס פֿון געמישטע חתונות. אָט איז דער פּראָצענט פֿון יידן וואָס האָבן חתונה געהאַט מיט נישט־יידן במשך דריי־פֿערטל פֿון הייַנטיקן יאָרהונדערט:

| | |
|---|---|
| 1920-1900 — | 2 פּראָצענט |
| 1930-1921 — | 3.2 פּראָצענט |
| 1940-1931 — | 3 פּראָצענט |
| 1950-1941 — | 6.7 פּראָצענט |
| 1955-1951 — | 6.4 פּראָצענט |
| 1960-1956 — | 5.9 פּראָצענט |
| 1965-1961 — | 17.4 פּראָצענט |
| 1971-1966 — | 31.7 פּראָצענט |

אָבער צוזאַמען מיטן וווּקס פֿון געמישטע חתונות איז אויפֿגעקומען, באַטאָנט דער געלערנטער, אַ קעגנזעצלעכע טענדענץ: דאָס זוכן וואָרצלען אין דער אייגענער עטנישער גרופּע. לאַנג נאָכדעם ווי מען האָט געהאַט אָנגענומען אַז עטנישקייט איז נישט רעלעוואַנט אין דער אַמעריקאַנער געזעלשאַפֿט, האָט מען אָנגעהויבן לויבן די מעלות פֿון עטנישע גרופּעס־פֿאַרבינדונגען און פֿון די קולטורעלע ירושות זייערע. די דאָזיקע היפּוכדיקע טענדענצן האָבן אַרויסגערוקט עטלעכע קשיות בנוגע געמישטע חתונות: פֿאַרוואָס פֿייערן מענטשן געוויסע סימבאָלן, ריטואַלן און טראַדיציעס וועמענס הויפּט־דאָקטרינען זיי האָבן אָפּגעוואָרפֿן? פֿאַרוואָס האַלטן אַזוי פֿיל יידן אָן געוויסע יום־טוב־פֿייערונגען, יידישע מאכלים, בעת זיי האָבן חתונה געהאַט מיט נישט־יידן? פֿאַרוואָס איז די טענדענץ פֿון געמישטע חתונות נישט באַגלייט געוואָרן מיט אַ דיס־אידענטיפֿיקאַציע לגבי דעם יידישן פֿאָלק? דערצו באַווייזן אַלע שטודיעס אַז דער פּראָצענט פֿון גרים איז געוואַקסן צוזאַמען מיטן וווּקס פֿון געמישטע חתונות. במשך די לעצטע 30 יאָר איז דער פּראָצענט אין די פֿאַראייניקטע שטאַטן פֿון גרים געשטיגן אויף 300 פּראָצענט, און אין אַ דריטל פֿון געמישטע חתונות האָט דער קריסטלעכער שותּף זיך מגייר געווען.

אין 1984 האָט אַ פֿאָרשונג פֿעסטגעשטעלט אַז בלויז 15 פּראָצענט פֿון 1300 אַמעריקאַנער יידישע קאַלעדזש־סטודענטן האָבן דערקלערט אַז זיי וועלן קיינמאָל נישט האָבן קיין ראַנדעוווּען מיט נישט־יידן (זייט 105). הייסט עס, אַז אפֿילו

פאַר סטודענטן אָפּשטאַמיקע פון פאַרוואָלצלטע יידישע היימען איז נישטאָ קיין אָפּהאַלט פון אָפטע באַגעגענישן מיט קריסטלעכע פרויען; און אפילו יידן וואָס קומען פון שטאַרק־רעליגיעזע היימען האָבן בלויז 30 פּראָצענט געענטפערט, אַז זיי וועלן נישט האָבן קיין ראַנדקעס מיט קריסטן.

דער דאָזיקער אויסגעפינס פירט דעם פאָרשער צו דער קאַרדינאַלער פראַגע, וואָס ווערט שוין אַ סך יאָרן דעבאַטירט צווישן יידישע דערציערס: צי וועט אַן אינטענסיווע יידישע דערציונג אָפּשטעלן, אָדער כאָטש רעדוצירן, געמישטע חתונות? דר. מייער האַלט אַז אויף דער פראַגע קען מען נישט געבן קיין זיכערן ענטפער, ווייל — ווי מיר האָבן שוין באַריכטעט — אויפן סמך פון דער 1984 פאָרשונג, האָבן בלויז 30 פּראָצענט יונגע יידן געענטפערט אַז זיי וועלן נישט האָבן קיין ראַנדעווועז מיט נישט־יידן. פון דער אַנדערער זייט האָט דער סאָציאָלאָג אויסגעפונען אַז אַ סך יידן וואָס האָבן חתונה געהאַט מיט קריסטן טיילן די טיפסטע יידישע ווערטן.

יעדער איינער וואָס קען די אַמעריקאַנער יידישע יוגנט וועט נישט באַשטרייטן די דאָזיקע הנחה, אַז אַ יידישע דערציונג איז נאָך נישט קיין גאַראַנטיע קעגן געמישטע חתונות. פון דעסטוועגן גלויבן מיר, אויפן סמך פון אונדזער אַרבעט מיט דער היגער יידישער יוגנט במשך צענדליקער יאָרן, אַז וואָס מער צידה לדרך מיר וועלן איר געבן, אַלץ וואַרשיינלעכער איז עס, אַז זי וועט דערפון ווערן באַווירקט. הלל'ס זאָג: לא עם־הארץ חסיד, מעגן מיר פאַראַפריזירן אַז אַ יידישער עם־ארץ קען זיין אַ האַרץ־ייד, אָדער אַ מעצענאַט, אָבער ראשית טאָר מען נישט איבערלאָזן דאָס האַרץ אויפן חשבון פון קאָפּ: דער עם־הספר טאָר נישט ווערן אין אַמעריקע אַן אומוויסנדיקער שבט; צווייטנס, דער יידישער יוגנטלעכער וואָס האָט אין דער קינדהייט און יוגנט איינגעזאַפּט אַ היפּשע דאָזע יידישקייט, אפילו ווען אין אַ געוויסן פּעריאָד פון זיין לעבן וואַרפט ער אָפּ אירע רעליגיעזע דאָגמעס און ריטואַלן, האָט שפּעטער, ווען די עמאָציעס און ליידנשאַפטן ווערן געצאַמטער, צו וואָס צוריקצוקומען און וואָס זיך צו דערמאָנען. גירסא דינקותא האָט אַ טבע זיך אָפּצורופן אין די רייפערע יאָרן פון אַ מענטשנס לעבן.

אָט האָט פּראָפעסאָר מאָריס רפאל קאָהען, דער פילאָסאָף־אַגנאָסטיקער, צוזאַמען מיטן רעליגיעזן געלערנטן דר. חיים טשערנאָוויץ, זיך באַמיט צו שאַפן אַן ענציקלאָפּעדיע וועגן תלמוד, ווייל ער האָט געוווסט אַז דער תלמוד איז נישט בלויז אַ רעליגיעז הלכה־ווערק, נאָר אויך אַן אייגנאַרטיקער אויפטו אין דער געשיכטע פון ציוויליזאַציע.

II

דר. מייער סקיצירט אין זיין שטודיע דעם אויפקום פון דער עטנישער באַוועגונג אין אַמעריקע אין די 60קער יאָרן, און באַטאָנט, אַז אין דער זעלבער צייט איז ביי אַמעריקאַנער קריסטן אַנטשטאַנען אַ נייער קאָמפּאָנענט אין אימאַזש וועגן יידן: דער ישראלדיקער פּיאָנערישקייט־העלדישקייט־פּאָרטרעט האָט פאָרגעשטעלט אַ פּאָזיטיוו בילד פון יידן און יידישקייט. דאָס, מיינט ער, האָט באַווירק די געענדערטע באַציונג מצד קריסטן צו געמישטע חתונות. די גאַלאָפּאָפּשטימונג, אין 1983, האָט אויסגעפונען אַז דער פּראָצענט אַמעריקאַנער קריסטן וואָס אַפּראָבירט געמישטע חתונות איז געשטיגן פון 59 פּראָצענט אין 1968, ביז 77 פּראָצענט. אַ צאָל קריסטן באַטראַכטן יידן ווי קולטור־העלדן פאַר זייער געלערנטקייט, און זייערע אויפטוען אין ליטעראַטור, קונסט, פילמען, און זשורנאַליזם.

אין אַן אויספאָרשונג וועגן די קינדער פון געמישטע פּאָרלעך האָט זיך אַרויסגעוויזן, אין 1983, אַז 46 פּראָצענט פון 16־יעריקע און עלטער, באַטראַכטן זיך ווי יידן; 32 פּראָצענט — ווי קריסטן, און 22 פּראָצענט האַלטן זיך פאַר מענטשן וואָס האָבן נישט קיין שום רעליגיעזע אידענטיטעט. דאָס, מיינט ער, דעמאָנסטרירט די רעלאַטיווע אָנזעעוודיקייט פון

דער יידישער אין פאַרגלייך מיט דער קריסטלעכער ירושה, און אַז די ראָלע פון יידישקייט איז ביי זיי שטאַרקער ווי וועלכע ס'איז אַנדערע עטנישע, אָדער רעליגיעזע אידענטיפיקאַציע (זייט 163). די דאָזיקע אַנקעטע, האַלט ער, וואַרפט אָפּ די אָנגענומענע מיינונג אַז געמישטע חתונות זיינען די לעצטע סטאַציע אין יידישן קיום.

יידישע פאַמיליעס און דער יידישער ציבור, דערמאָנט ער אונדז, האָבן ביז די 1950־ער יאָרן זיך אָפּגעזאָגט פון יענע וואָס האָבן חתונה געהאַט מיט קריסטן, און דאָס האָט, לויט אים, פאַרזיכערט די עווענטועלע אַסימילאַציע פון געמישטע פּאָרלעך. אָבער דער געוואַלדיקער וווּקס פון געמישטע חתונות זייט 1950, האָט געצוווּנגען יידן צו ווערן טאָלעראַנטער. דערצו האָט די טענדענץ וואָס יידישקייט האָט באַקומען די אויבערהאַנט ביי די געמישטע פּאָרלעך, דערמוטיקט די דאָזיקע פאַמיליעס אָנצוהאַלטן זייערע באַנדן מיט דער יידישער עדה. ווי אַ פּועל־יוצא זיינען ראַביים געוואָרן טאָלעראַנטער צו נישט־יידן וואָס ווילן זיך מגייר זיין. עס האָט דערמוטיקט די רעפאָרם־יידן אָנצונעמען דראַמאַטישע מאָסמיטלען צו אינקאָרפּאָרירן נישט־יידן אין דעם יידישן ציבור.

דר. מייער שטעלט זיך אָפּ אויף דעם פאָרשלאַג פון ראַביי אַלעקסאַנדער שינדלער, אין 1978, אַריינצונעמען אין יידישן קהל די קריסטן וואָס האָבן חתונה מיט יידן — אַ פאָרשלאַג וואָס האָט איבערגעקערט אַ 1600־יאָריקע טראַדיציע אין יהדות; און וואָס איז ענטוזיאַסטיש אָנגענומען געוואָרן מצד דער רעפאָרם־באַוועגונג. אין 1983 האָבן די רעפאָרם־יידן באַנייט און מפרסם געמאַכט זייער שטעלונג אַז פאַר זיי איז אַ קינד פון אַ יידישן פאָטער אָדער מוטער אַ ייד — ניט געקוקט אויף דער הלכה וואָס פּסקנט אַז נאָר קינדער פון יידישע מאַמעס קען מען פאַררעכענען ווי יידן.

דער דירעקטאָר פון די רעפאָרם־יידן שאַצט אָפּ אַז פון זיבן טויזנט ביז אַכט טויזנט קריסטן זיינען זיך יערלעך מגייר. אָרטאָדאָקסישע רבנים האָבן, פון 1962־1965, מגייר געווען אַרום טויזנט אַמעריקאַנער נישט־יידן; קאָנסערוואַטיווע ראַביים שאַצן אָפּ אַז יערלעך זיינען זיך מגייר ביי זיי צווישן 3000 און 4000 קריסטן.

אַן ערך אַ דריטל פון געמישטע חתונות צווישן יידן און קריסטן פאַרענדיקן זיך מיטן גיור פון קריסטלעכן שותף צו יידישקייט. מערסטע פון די גרים זיינען פרויען. אין 43 פּראָצענט פון די געמישטע חתונות פאַרבלייבן די שותפים אין זייער פריערדיקער רעליגיעזער און עטנישער אָנגעהעריקייט. פון דעסטוועגן, באַטאָנט דער מחבר, איז די וואַקסנדיקע צאָל גרים די לעצטע דרייסיק יאָר אַ מערקווערדיקע טענדענץ אין ליכט פון דער יידישער היסטאָרישער דערפאַרונג במשך 1600 יאָר. עס איז אַן עדות פון דער פאַרגרעסערטער ווערדע פון יידן און יידישקייט אין די אויגן פון קריסטן, און אַ צייכן פון די רעליגיעזע קאָנסעקווענצן אין אַן אָפענער און עגאַליטאַרער געזעלשאַפט.

לויט די אינטערוויוען וואָס דר. מייער האָט געהאַט מיט די גרים, איז זייער הויפּט־מאָטיוו דער ווונטש צו טיילן אַ בשותפותדיקן רעליגיעזן לעבנס־סטיל מיטן חתונה־שותף, און צו פאַרזאָרגן זייערע קינדער מיט אַ בינדנדיקער רעליגיעזער טראַדיציע. נאָך אַ סיבה פאַר גיור איז דער ווונטש צו איבעראַנדערשן איר סאָציאַלע אידענטיטעט אַזוי אַז עס זאָל האַרמאָנירן מיטן מאַנס און די קינדערס רעליגיע. די דאָזיקע פאָרמולע אַרבעט לטובת דעם יידישן שותף אין מערסטע געמישטע חתונות.

נישט געקוקט אויף דעם וווּקס פון גיור איז דער מחבר מודה, אַז דער וועלטבאַנעם פון רוב אַמעריקאַנער יידן איז אַ סך מער וועלטלעך ווי רעליגיעז, אַ סך מער אַ מאָזאַיק פון איינשטעלונגען, ווי אַ סכום ריטואַלן — און אַזוי באַשטעטיקן מערסטע פאָרשונגען. די באַנדן וואָס צעמענטירן דעם יידישן קאָלעקטיוו זיינען — אַחוץ רעליגיעזע פאָרמאַליטעטן — מורא פאַר אַנטיסעמיטיזם. אַ טיפע זאָרג פאַר דער זיכערקייט פון ישראל, אַ ווונטש צו לעבן צווישן און זיך צו אַסאָציאירן מיט יידן. גרים זיינען אין דעם פּרט אַנדערש:

זיי דעפינירן יידישקייט מער אין רעליגיעזע ווי אין עטנישע טערמינען; פאַר זיי איז יידישקייט אין תוך אַן אמונה, אַזוי ווי זייער פריערדיקע רעליגיע. די דאָזיקע כאַראַקטעריסטיק פון גרים, וואָלטן מיר צוגעגעבן, איך אויך חל אויף אַ סך אַסימילירטע יידן ביי וועמען יידישע קולטור אין אַלע אירע עמאַנאַציעס איז אַ סינאָנים פאַר רעליגיע.

## III

דער פענאָמען פון געמישטע חתונות אין דער אַמעריקאַנער תפוצה איז נאָך צו יונג אַז מען זאָל קענען ענטפערן אויף אַ סך פראַגעס וואָס באַאומרויקן יידן — ספעציעל ווי באַווירקט דאָס די קינדער פון די געמישטע פאָרלעך. כדי אויסצוגעפינען דעם קינדס צד האָט דער מחבר דורכגעפירט אַ פאָרשונג צווישן 1981-1983. אין 1982 האָט דר. מייער אַרויסגעשיקט אַן אַנקעטע צו 394 קינדער פון געמישטע חתונות. ער האָט באַקומען 117 ענטפערס, וואָס האָבן רעפּרעזענטירט קינדער פון 70 פאַמיליעס. 55 ענטפערס (47 פראָצענט) זיינען געווען פון מענער; 62 ענטפערס (53 פראָצענט) פון פרויען. די גרופע איז באַשטאַנען פון מענטשן אין עלטער פון 16 ביז 46 יאָר; אָבער מערסטע זיינען געווען אין מיטן די צוואַנציקער יאָרן. 55 פראָצענט פון די ענטפערס זיינען געווען פון פאַמיליעס מיט אַ יערלעכער הכנסה פון פופציק טויזנט דאָלער, אָדער מער. 32 פראָצענט זיינען געווען פאַרהייראַט; 68 פראָצענט — נישט.

42 ענטפערערס (36 פראָצענט) האָבן באַריכטעט אַז זייערע קריסטלעך־געבוירענע עלטערן האָבן זיך מגייר געווען, און 75 (64 פראָצענט) האָבן דערקלערט אַז זייערע קריסטלעכע עלטערן האָבן זיך נישט מגייר געווען; דריי־פערטל פון די ענטפערערס האָבן קריסטלעך־געבוירענע מאַמעס און יידיש־געבוירענע טאַטעס. די גרעסטע מערהייט קינדער פון עלטערן וואָס האָבן זיך מגייר געווען, האָבן זיך אידענטיפיצירט ווי יידן. 16 פראָצענט האָבן געענטפערט אַז זיי אידענטיפיצירן זיך נישט מיט קיין שום רעליגיע. אָבער קיינער האָט נישט געזאָגט אַז ער אָדער זי באַטראַכט זיך ווי אַ קריסט.

די ענטפערס סוגעסטירן אַז אין פאַמיליעס פון גרים איז דאָ אַ גרעסערע וואַרשיינלעכקייט אַז די קינדער וועלן זיך אידענטיפיצירן ווי יידן. בעת אָן גיור קענען זיך געמישטע חתונות ענדיקן מיט אַ ירידה אין שייכות צו יידישער אידענטיפיקאַציע, אין שפעטערדיקן דור. פון אַנדערע ענטפערס קען מען אָפּלערנען אַז קינדער פון יידישע טאַטעס, גיכער ווי פון יידישע מאַמעס, וועלן זיך וואַרשיינלעך אידענטיפיצירן ווי יידן. דריי־פערטל פון די קינדער פון גרים האָבן באַקומען אַ יידישע דערציונג, און אַ גרויסע מערהייט פון די דאָזיקע קינדער האָבן געפייערט ראש־השנה, יום־כיפור און פסח.

ווי אַ פועל־יוצא פון אַלע זיינע פאָרשונגען קומט פּראָפּ. מייער צו פאָלגנדיקע אויספירן: אַלע געמישטע פאָרלעך ראַנגלען זיך עמאָציאָנעל און פּראַקטיש מיט די אונטערשידן אין זייערע ירושות; זיי שטרעבן צו האַרמאָניזירן זייער ליבע פון איינעם צום אַנדערן מיט זייערע געירשנטע אַנדערשדיקע טראַדיציעס. ער האַלט אַז געמישטע חתונות קען מען צעטיילן אין פיר קאַטעגאָריעס: 1) די וואָס זיינען זיך מגייר; 2) אַסימילאַטאָרישע פאָרלעך; 3) אינטעגרירנדיקע, און 4) די אָפּוואַרפערס. די ערשטע גרופע באַשטייט פון אַרום 33 פראָצענט געמישטע פאָרלעך, און דאָ איז דער קריסטלעכער שותף זיך מגייר. די אַסימילאַטאָרישע גרופע באַשטייט פון אַרום 20 פראָצענט, און דאָס גייט דער שותף איבער צום קריסטנטום. די גרעסטע פּראָפּאָרציע, וואָס באַשטייט פון אַרום 43 פראָצענט — די אינטעגראַציאָניסטישע — האַלט אָן אַ געוויסע פאַרבינדונג מיט זייערע פריערדיקע טראַדיציעס, וואָס זיי פּרובירן סינטעזירן אין אַן איינגאַרטיקער קאָמבינאַציע געשאַפן פון זיי אַליין. די איבעריקע 15 פּראָצענט פון געמישטע חתונות באַשטייען פון פאָרלעך וואָס וואַרפן אָפּ זייערע רעליגיעזע אָדער פאָלקישע אידענטיפיקאַציעס. אויב אַזוי הייסט עס אַז די ערשטע און דריטע גרופע — גרים און

אינטעגראַציאָניסטן, וואָס שטעלן מיט זיך פֿאַר 76 פּראָצענט פֿון די געמישטע פֿאַרלעך — ווייזן אַז די סכנה פֿון געמישטע חתונות, וואָס קענען פֿירן צום אונטערגאַנג פֿון אַמעריקאַנער יידנטום איז איבערגעטריבן. (זייט 283).

דאָ מוז דער שרייבער פֿון די דאָזיקע שורות מחולק זיין מיטן מחבר. ערשטנס, איז דער „באַרויקונגס־פּיל" (טראַנקווילייזער) פֿון די 76 פּראָצענט נאָך נישט קיין ראיה אַז דאָס שפּיגלט אָפּ דאָס אמתע בילד ה י י נ ט און ספּעציעל מיט אַ דור שפּעטער; די צאָל געמישטע חתונות שטייגט נאָך אַלץ; צווייטנס, אויב אונדזער אַמעריקאַנער יידישקייט זאָל באַשטיין פֿון פֿייערונג פֿון עטלעכע יידישע יום־טובֿים קען חלילה דאָס אַמעריקאַנער יידנטום פֿאָסיליזירט ווערן אין אַ נייעם קאַראַאימער שבט וואָס וועט האָבן אַ קנאַפּע שייכות מיט דער היסטאָרישער יידישקייט. ס'איז אויך אַ שוואַכע טרייסט די דערקלערונג פֿון דר. מייער, אַז אויב די אָפּשטאַמיקע פֿון אַזעלכע געמישטע פֿאָרלעך זאָלן מיט עטלעכע דורות שפּעטער זיך אינגאַנצן אַסימילירן וועט מען עס דאַרפֿן דערקלערן נישט אויפֿן סמך פֿון געמישטע חתונות, נאָר ווי דעם רעזולטאַט פֿון קאָמפּליצירטערע סיבות.

אַוודאי איז דער מחבר געדעכט מיט זיין אַ־יינבליק אַז ליבע באַזיגט נישט אַלע אַנדערע געפֿילן, ווי: צוגעבונדנקייט צו די טראַדיציעס פֿון פֿריערדיקע דורות; אַז ליבע איז אַן עמאָציע וואָס טרייבט מענער און פֿרויען צו זיך־אַנטדעקונג, צו זעלבסט־אויסדרוק, און זעלבסט־אויסבעסערונג; אַז דער מענטש קען נישט באַפֿרידיקט ווערן בלויז מיט סעקסועלע און עמאָציאָנעלע באַנדן. פֿאַראַן אַ סך סובטילע, אָריגינעלע אָבסערוואַציעס אין דער שטודיע. נאָר אויב מיר קענען זיך נישט באַפֿרייען פֿון דעם זאָרג וועגן געמישטע חתונות, ווייל קיינער האָט נאָך נישט געפֿונען קיין לייזונג צו דער דילעמע, דאַרפֿן מיר, צום גליק, געדענקען, אַז גלייכצייטיק מיטן וווּקס פֿון געמישטע חתונות, זיינען אויך אויפֿגעקומען אין אַמעריקאַנער יידנטום פּאָזיטיווע פּראָצעסן, צענטריפּעטאַלע פֿאַקטאָרן וואָס דעמאָנסטרירן אַ רעוויטאַליזירונג פֿון יידישער קולטור, און יידיש־געזעלשאַפֿטלעכע טעטיקייטן אין היגן יידישן קיבוץ. עס איז אויפֿגעבויט געוואָרן אַ נעץ פֿון יידישע טאָג־שולן; עס וואַקסט די מחנה פֿון אַמעריקאַנער־געבוירענע יידישע געלערנטע און אינטעלעקטואַלן — רעליגיעזע און וועלטלעכע. עס קומט אויף אַן אַמעריקאַנער יידישע ליטעראַטור אויף ענגליש וואָס איז יידישלעך. עס וואַקסט די צאָל יודאַאיקאַ און יידיש־לימודים אין די קאָלעדזשעס, און אַ סך אַמעריקאַנער יונגע יידן באַטייליקן זיך אין יידישע אַקטיוויטעטן.

פּראָפֿ. מייער האָט מיט זיין ווערק אַוועקגעשטעלט אַ צענטראַל פּראָבלעם אין אַמעריקאַנער יידנטום, און אונדז באַקענט מיט אַלע אירע אַספּעקטן; ער האָט פֿאָרמולירט טענטאַטיווע שטעלונגען צום שווערן, קאָמפּליצירטן פֿענאָמען. זיין שטודיע איז אַ וויכטיקער בייטראָג צו דער פֿאַרפֿעסטיקונג פֿון יידישקייט אין ג־עסטן יידישן קיבוץ.

---

## צו אונדזערע לייענערס:

מיר בעטן אייך איינצוצאָלן דעם חוב פֿאַר אייער יערלעכן אַבאָנימענט פֿאַרן „חשבון" אונדזער זשורנאַל שטיצט זיך דורכויס אויף אונדזערע לייענערס. אַבאָנימענט: $5.00 אַ יאָר.

די פֿאַרוואַלטונג

א. לוריא / ניו־יאָרק

# ווי שיין ס'איז דער בוים

## די סאָסנע

אין יענעם וואַלד
נאָך שטייט די סאָסנע ביז אַצינד —
און הויך,
און שטראָם,
און שטענדיק גרין —
ווי כ'האָב געלאָזן זי אין יענע טעג,
אין יענע טריבע טעג,
אין אונדזער טויבן העק.

איר שטאַם מוז ברייטער זיין,
צעצווייגטער אויך,
די קאָרע האַרט און פּאַלביק אין דער נידער.
נאָר זי,
זי ציט זיך אַלץ אַרויף
און שטראַלט מיט זיך
דעם גאַנצן וואַלד אַריבער.

זי האָט מיך אַזש אַהער,
אין וועלטן־עק,
מיט איר צעטריפטן פעך פאַרשמעקט
וואָס אויפן שטאַם
ווי טראָפּנס זון זיך גליווערט,
און מיך
אויף ס'ניי
פאַריינגערט און פאַרפלעפט
מיט אירע
שיינע
אויסגעטעאַקטע גלידער.

## וואַלקנס

וואָלקנס ציען, וואָלקנס שווימען
אין די הויכע פרייע הימלען,
וואָלקנס איילן קאַראַוואַנען
איבער גרענעצן און ימען.
אַלע וועגן זיינען אָפן
פאַר די וואָלקנס אין אין־סופֿ.
וואָלקנס
שוועבן,
שוועבן,
שוועבן
צו די היימיש־אַלטע ברעגן.

ווייט דאָרט, לעם אַ טייך אין לאָזע
שטייט מיין היים וואָס כ'האָב פאַרלאָזן.
דאָרטן אין דער גרינער ווילדקייט,
הערט נאָר,
הערט,
ווי ס'זינגט די שטילקייט.
אויף די סטאַוון אין די קווייטן
פירן כּישוף וואַסער־מיידן.
ווינטער שיטן דאָרטן שנייען —
ווי זיי שטילן מיינע ווייען.
די בערעזע וויגט די צווייגן
רופט אַהיים מיך פון דער ווייטן.
וואָלקנס, וואָלקנס, אינעם שוועבן
נעמט מיין טרער צו יענע ברעגן.

## האַרבסט

אַזאַ מין האַרבסט!
אַ טאָג אַזאַ מין!
אַ טאָג פון טויזנט אַ געשענקטער,
אַ טאָג פון טויזנט אַ פאַרגעדענקטער.

איך לאָז זיך גיין ווי שטענדיק היינט
אין גאַס,
און ס'איז די גאַס ווי נעכטן דאָ געווען,
און אַלץ אַרום ווי פריער ס'איז געווען,
אין גאַרניט־גאָרניט איז, דאַכט זיך,
דאָ געשען.

דאָך עפּעס שענערס איך זע נאָר דאָ,
נאָר איצט.
דאָך עפּעס גרעסערס מיר טוט אַדאָ אַ בליץ,
און מיך פֿאַרשיכּורט,
און מיך פֿאַרדרייט,
און פֿילט מיך אָן מיט יונגער פֿרייד.

אָט קומט אַ יונג,
און הויך,
און שלאַנק,
און ווינטיק,
זיין טשוב און באָרד — אַ סטויג,
אַ ווילדער, היי
זיין קאָפּ אין הימל,
און וואָס דאָרט טוט זיך — נו, פּרווו דערגיי:
ער וואַרפֿט איצט אַלטע וועלטן אום,
און שפּאָגל נייע
ער בויט אויף זיי.

מיט אים אַ מיידל — האַנט־אין־האַנט —
איר גאַנצער שטעל,
איר גאַנצער גאַנג,
איר יעדער פֿינטעלע און שטריך
דעם זין פֿון לעבן טראָגט אין זיך.
זי איז די ווייב,
זי איז דער פֿריינד,
וואָס אונדז באַשירעמט און באַשיינט.
פֿון אַלע די,
וואָס איר דערנעבן,
האָט זי פֿאַרדינט, איז ווערט צו טראָגן
די קרוין פֿון מוטער פֿונעם לעבן.

אַרום,
אַרום,
אין דער אַלייע
דאָ קליינע קינדערלעך זיך פֿרייען.
זיי בראָדזשען־אום אין בלעטערפֿאַל
אין הורבעס שאָרכנדיקע בלעטער,
און זייער זינגען,
און זייער שפּרינגען,
און זייער חנעוודיקער לאַכן
אַ טויטן לעבעדיק זיי קענען מאַכן.

אָ, גאָט, מיין גאָט,
אין דעם געשענקטן טאָג דעם העלן,
אַליין אַ בוים מיט פֿרוכט באַלאָדן,
וואָס קען איך וועלן?
וואָס קען איך קלאָגן?
איך האָב דערגרייכט צום סוף פֿון גאַנג,
און בענטש זיי מיט מיין רעכטער האַנט.

**ישׂראל גובקין**

## דער ווידערקול

(אָנדענק שושנה אָרנשטיין,
חלוצה, לערערין, זינגערין)

בערג זענען געשטאַנען אַרום
ווי פֿעלזיקע ווענט.
זי האָט אויפֿגעהויבן
זון־פֿאַרברוינטע הענט
מיט געזאַנג פֿון טאָל:
הידד! אַרבעט לעבן זאָל!

דורך יאָרן, שוויס און מי
געוואָרן זיינען שפּיצן —
פֿלאַך און אָפּגעריבן;
שאַלנדיק ליד, אָבער,
איז המשכדיק געבליבן.

ווויל איז דער,
וואָס נאָך טעג און נעכט
פֿון פּיין, צער און ווי,
איבערגעלאָזט האָט נאָך זיי
איר יוגנט־פֿלאַמיקן זינג־געשריי:
אַ ווידערקול פֿון טאָן און קלאַנג,
אַ ווידערקול —
פֿון נצח־שאַלנדיק געזאַנג.

שמואל איזבאַן / ניו־יאָרק

# אַ טאָג פון בזיונות *)

(דערציילונג)

## ח.

טודרוס איז געריטן פּאָרויס און אַ שוויס האָט אים אַרויסגעשלאָגן אויפן שטערן. די ווילע יונגען האָבן זיך געהאַלטן ביי די בייכער פון געלעכטער און ביי אים האָבן פון ערגערניש די הענט גענומען שוויצן. ער איז אַרויס פון דער שוחטים־גאַס. דער אייזל האָט פּאַמעלעך געטאָפּטשעט אין דער בלאָטע, · אָבער טודרוס האָט אים מער נישט אונטערגעיאָגט. זיין כעס האָט געברענט אויף די שלעגער־יונגען, זיי וועלן האָבן אַ ציגענע פּגירה, האָט ער זיך געטרייסט, פאַר דעם שפיכת דמים וואָס זיי האָבן אים פאַרשאַפט.

הינטער דער שוחטים־גאַס איז פאַרביי געריטן אַ קליינע בויד איבערגעדעקט מיט אַ שוואַרצער פלאַכטע. אַ ספרדישער זקן אין אַ געשטרייפטער אַבאַיע, מיט הזריקע פיס פאַרלייגט אונטער זיך, האָט געהאַלטן אויף ביידע הענט אַ פלאַכן הילצערנעם טעלער מיט נאַש־מאכלים פון אַ געבראָטענער קוקורוזע, אַ קאָטלעט געמאַכט פון אַרבעס, ביז אַ געפעפערטן פּאַלאַפעל. טודרוס האָט דערשפּירט אַ האַרץ־נאָגעניש. ער האָט אַ רגע געקוקט אויפן טעלער גלייך ער וואָלט זיך געישובט צי די פּאָטראַוועס זיינען ריין און געקויפט אַ פאַלאַפעל. ווי נאָר ער האָט געטאָן אַ ביס, האָט ער געמאַכט אַ זויערע מינע. די צונג האָט געברענט, די אויגן זיינען אים פאַרלאָפן. ער האָט אַרויסגעלאָזט אַ ברום און אויסגעשפּיגן. דערנאָך האָט ער אַוועקגעוואָרפן דעם פאַלאַפעל און איז געריטן ווייטער.

ווי שטאַרק ס'האָט אים וויי־געטאָן דער בזיון, האָט ער אַצינד נישט געוואָלט ליידן קיין פאַרדרוסן. זיי האָבן מיר נאָך נישט אָנגעפייפט אין קיטל — האָט ער צו זיך גערעדט — כ'על רופן דעם אַרכיטעקט, כ'על שיקן נאָך דעם קבלן. זיי, וואָס דאַרפן מיר צושטעלן אַ פאַרטיקע געביידע, וועלן מיר אָפּגעבן דין וחשבון! צו וואָס האָב איך זיך פאַרטשעפּעס מיט יענע מחוצפים? ס'איז געזינטער, אַז אַ בעל־הבית היט זיך דעם כבוד און רעדט נישט מיט די שלעגער־יונגען.

אויפגעהייטערט פון דעם באַשלוס, האָט ער ווידער אַ שטויס געטאָן דעם אייזל, הגם ער האָט זיך ׳ געקווענקלט וווהין ווייטער צו רייטן. דער קאָפּ האָט גערוישט. אַלע מחשבות האָבן געזשומעט, זיך געדרייט, געטענצלט. בלויז איין געדאַנק איז געבליבן הענגען ווי אַ ווערעמל אויף אַ האָקן: אַ פאַרלאַנג זיך צו טרעפן מיט רויזען. אין מוח איז געווען אַ ויתרוצו. דער שטאָלץ האָט זיך געראַנגלט מיט דעם באַגער, דער ווילן האָט זיך געשלאָגן מיט דער וואָרענונג, אַז ער דאַרף שאַנעווען זיין נאָמען. און ווי דער טומל אין זיינע געהירן האָט נישט אויפגעהערט, האָט ער מיט אַ מאָל דערזען ווי פון וועג קומט אָן דבורה די רייפּערקע, אַ ברייטע צעוווירענע יידענע, איר לייב אָנגעשטאָפּט ווי מיט פּוך. זי האָט געטראָגן אַ געל קלייד, באַשפּרענקלט מיט ווייסע בלימעלעך. אויף די פיס אַ פּאָר מאַנצבילשע שטיוול. איר צעגאָסן פּנים האָט זיך געשמאָלצן פון פרייד.

וואָס נענטער די רייפּערקע איז צוגעקומען, אַלץ שאַרפער האָט טודרוס זי באַטראַכט פון קאָפּ ביז פיס. זי איז שווערלייביק אָבער זי קומט מיטן ווינט אין די פּאָלעס... — האָט ער געקלערט — פון אַזאַ גוף קען מען אויסהאַקן אַ צוויי פאַרשוינטעס און ס'עט נאָך בלייבן גענוג פלייש אויסצוקנעטן אַ בתולה פאַר אַ צולאָג... ער האָט געוואָרפן אַ בליק אויף איר צעפאַלדעוועטן נאַקן און גראָבע פיס. דערנאָך האָט ער אַ קוק געטאָן אויף זיין צויסגעדאַרטן אייזל און ס'איז אים איינגעפאַלן, אַז ביים אויספורעמען די לעבע־

*) סוף פון פאַריקן נומער

דיקע באַשעפענישן זיינען מלאכים טייל־מאָל צו קאַרג און טייל מאָל צו פאַר־שווענדעריש . . .

דבורה האָט זיך אַ שטעל געגעבן פאַר אים מיט די הענט פאַרלייגט אויף די היפטן. זי האָט אַ פאַרחידושטע אויסגע־רופן:

— ס׳קאָצל קומט, ר׳ טודרוס מילגרוים! איר רייט מיר אַקעגן ווי פון הימל אַראָפּ־געשיקט... כ׳האָב זיך שיער נישט אַרויס־געכאַפּט: מ׳טראַכט פון אַ גלח און ס׳באַ־וויזט זיך דער מלאך... טפו, כ׳וועל זיך בעסער די צונג אָפּבייסן — און זי האָט אָנגעוויזן אויף דער צעווייקטער ערד — אַלץ וואָס ס׳האָט אונדז געפעלט: טבריה זאָל דערטרונקען ווערן... גלויבט דעם ליבן נאָמען וואָס די סכנה איז פאַרביי. איר קלערט מן הסתם ווי כ׳קום דאָ אַהער? כ׳וועל אייך פאַרשפּאָרן די שאלה. כ׳בין געווען אויפן וועג צו אייער הויז, איז מיר איינגעפאַלן אָפּצוטרעטן ביי אייער נייעם מויער. כ׳זע, איר קומט פון דאָרט . . .

כאָטש ס׳האַרץ האָט ביי טודרוסן אָנגע־קוואַלן ביים דערזען די יידענע, וואָס איז אין שטאָט אַלץ מיט אַנאַנדער, אַ רייפּער־קע, אַ שדכנטע אַ רכילותניצע און רודף־שלומניצע, האָט ער פון דעסטוועגן גע־מאַכט דעם אָנשטעל פון אַ תם.

— צו וואָס זייט איר געגאַנגען מיך זען, דבורה?

דבורה האָט אויף אים ווילעריש אַ קוק געטאָן. די אַלטע מעשה! — האָט זי גע־טראַכט — ער חלשט נאָך דער מויד, אָבער ר׳שפּילט דעם שעמעוודיקן חתן מיט די כשרע תפילין־הענטלעך... וויפל האָט זי זיך שוין אָנגעזען אַזעלכע בכבודיקע בעלי־בתים מיט דעם טריפענעם בלוט אין די אָדערן? פאַרדינט האָט ער פון איר אַצינד אַ גאָב, אָבער די צונג ביי אַ רייפּערקע טאָר נישט זיין גליטשיק... אין דבורהס קוק איז געווען אַ מין פאַרשייטע אָנצוהערעניש. זי האָט פאַרשנירלט די ליפּן.

— צו וואָס שפּילן זיך אין באַהעלטע־ניש, ר׳ טודרוס מילגרוים? לאָמיר אַרויס מיט לשון. איר ווילט כ׳זאָל אייך צוריק־ברענגען רויזען?

— זי האָט נישט געדאַרפט אַנטלויפן — האָט טודרוס אַ ברום געטאָן.

— אַ דינסטמיידל אַנטלויפט נישט סתם נישט מיר, נישט דיר, סיידן דער בעל־הבית וויל זי פאַרשעמען.

ביי טודרוסן האָבן די שלייפן אַ ציטער געטאָן.

— ווער האָט זי געוואָלט פאַרשעמען?

דבורה האָט צוגעלייגט אַ פינגער צו די ליפּן.

— פּוטיפרע האָט נישט אָפּגעדעקט איר לייב און יוסף הצדיק איז נישט אַנטלאָפן... לאָמיר נישט ריידן פון די מאַנצבילשע לוסטן. יעדער זכר האָט זיינע שוואַכע מינוטן. רויזע איז אָנגעקומען צו אייך ווי אַ קעכין, אַ וועשערין, אַ ראַמערקע און זי׳ט נישט געדאַרפט אָנהייבן די פאַר־שייטע געענגלעך... כ׳האָב איר געזאָגט אויס־גערעדט: ביסט אַ געראָטענע מויד — האָב איך געזאָגט — מאַנצבילן ווערן פאַר־בלענדט פון דיין לייב, טאָ מאַך נישט די טריפהנע שטיק . . .

טודרוס האָט נישט פאַרטראָגן וואָס איר קול ווערט העכער, אירע בליקן חוצפּה־דיקער. ער האָט זיך אָנגערופן:

— ס׳האָט נישט געהאַלטן ביי קיין טרי־פהנע שטיק. בנאמנות, דבורה.

— ס׳האָט יאָ געהאַלטן, נישט געהאַלטן! ר׳קענט נישט די צפתער טעכטער? ווי זאָגן די טבריהר לומדים: אַ געפרוירענע מויד אין צפת איז הייסער פון געקאָכטן קוואַס... כ׳האָב זי באַצייטנס געוואָרנט. נאָך איידער כ׳האָב זי אַריינגעפירט אין אייער הויז, האָב איך מיט איר געלערנט: רויזע, זאָלסט נישט מאַכן קיין חנדלעך צום בעל־הבית. ביסט אַ מויד אַ ברען און דער יצר־הרע שלאָפט נישט ביים אַלמן. זאָלסט ראַמען, קאָכן, וואַשן, אָבער שטיפערייען זאָלסטו פּראַווען מיט דיינס גלייכן... געזונט זאָלסטו מיר זיין, רויזע קרוין! אויב ס׳איז דיר חלילה באַשערט פאַרפירט צו ווערן, זאָל די עבירה פאַלן אויף איינעם פון די נגידישע זינדלעך, אַ זיידענער יונגערמאַנטשיק מיט אַ געהאַקט צינגל. . .

און די רייפּערקע האָט אַרויסגעלאָזט אַ קוויטשיק געלעכטערל.

— וואָס האָט זי אייך אָפּגעטאָן, ר' טודרוס מילגרוים?

זי האָט נישט אויפגעהערט צו לאַכן און טודרוס איז געוואָרן צעטומלט. אויב ער וועט נישט אָפּשטעלן איר מענה־לשון, וועט די רכלותניצע פון אים האָבן ס'אמתע געגאַר. ס'איז היינט פאַר אים אַ טאָג פון בזיונות, איז אים דורכגעלאָפן אין מוח.

— זי האָט גאָרנישט אָפּגעטאָן, דבורה — האָט ער געלאַסן געזאָגט — כ'וויל זי צוריק.

— איר ווילט זי צוריק, האַ? נישט קיין עוולה. אַז אַ כשרע בהמה, להבדיל, פאַרשווינדט פון שטאַל לאָזט מען זיך אַרויס זי זוכן, ווי שוין אַ געטרייע דינסט? ווען ס'ווענדט זיך אָן מיר, וואָלט איך נישט פאַרגאָסן קיין טרערן אויף אַזאַ פאַרלירעכץ.. ס'פעלן דינסטן אין טבריה? צען פאַר איינע! ווען זי איז נעכטן פאַרנאַכט געקומען צו לויפן מיט אַ פאַרוויינט פנים, האָט מיך אַרומגעכאַפּט אַ רחמנות. טרערן ביי אַ יתומה צעברעכן מיין האַרץ. כ'בין צוגעשטאַנען צו איר זי זאָל מיר אַלץ דערציילן, אָבער אירע ליפּן זיינען געוועזן שטום. כ'האָב געפרעגט: פאַרוואָס זאָלסטו פאַר מיר פאַרהוילן דעם אמת, רויזע? בין איך דען נישט אַלעמאָל געווען צו דיר געטרייער פון דיין צפתער מומע? די מויד איז געוואָרן רויט און טויט. איר פנים האָט געפלאַקערט ווי אַ העליש פייער. זי האָט גענומען אַזוי לאַנג דרייען מיט דער צונג ביז זי האָט אַרויסגעפּלאַצט...

טודרוס האָט אַ צערודערטער אַ פּרעג געטאָן:

— וואָס האָט זי געזאָגט?

— זי האָט נישט געזאָגט נאָר געשריגן, אַז אַלע באַנסבילן זיינען פאַרדאָרבן, אַז די גוטע זכרים ליגן אויפן בית־עלמין... זי האָט געגוואַלדעוועט און איך האָב זי באַרויקט: אַז מ'זעט נאָר אַ פּאָר שמוציקע טראָפּנס אין ים, טאָר מען זיך דאָרט נישט באָדן? נישט אַלע מאַנסלייט זיינען רוצחים, אָבער זי ווידער דאָס זעלבע: אַן אָרנטלעכער מאַן, עפּעס רעכטס וועט זיך אויף איר נישט אומקוקן... איך טענה צו איר: בהמה, זיי נישט געפאַלן ביי זיך... ווען איך האָב דיין טריפהנעם קוק, דיינע באַטעמטע ליפּן און דיינע יאָרן, וואָלטן די בעלי תאווהניקעס מיך אויך אויפגעפרעסן מיט די אויגן. און דו קלאָגסט גאָר? כ'וויל דעם אמת, רויזע. האָסט דיין בעל־הבית אויפצגערייצט?

— וואָס האָט זי געזאָגט, דבורה? — איז טודרוס געוואָרן אומגעדולדיק.

— זי האָט געזאָגט: ער האָט מיר געמאַכט בלויע צייכנס אויף די אָרעמס, דער שיינער ייד! ווער? האָב איך אויף איר געשריגן, ביסט פון זינען געריררט? ר' טודרוס מילגרוים? בייס דיר אָפּ די צונג! כ'האָב אויסגעבייטלט אַלע מיינע בייזע הלומות אויף איר קאָפּ. רויזע האָט געשווירן מיט טויטע שבועות, אַז זי זאָגט דעם אמת... כ'בין שיער נישט געפאַלן אין חלשות. כ'האָב זי אויסגעזידלט און באַפוילן זי זאָל גלייך צוריקלויפן און אייך איבערבעטן. זי איז אַוועק. אַ שעה שפּעטער איז זי צוריקגעקומען מיט אַן אַראָפּגעלאָזטן קאָפּ... וואָס האָט זי אייך אָפּגעטאָן, ר' טודרוס מילגרוים?

— זי'ט גאָרנישט אָפּגעטאָן. כ'וויל זי צוריק.

דבורה האָט אַ פּאַטש געטאָן מיט די הענט.

— וואָס האָט זי דען געקענט אָפּטאָן? כ'האָב אין איר אַריינגעשריגן: ווי דערוועגסטו זי אַזוי צו ריידן וועגן ר' טודרוס מילגרוים? דו מיינסט האָסט צו טאָן מיט אַ לעשטש? אַ רמאַי? דיין בעל־הבית איז אַ געאַכפּערטער מאַן אין שטאָט, אַ בן־תורה, אַ בעל־צדקה מיט אַן אָפענער האַנט, און זי האַלט זיך ביי ס'איריקע: כ'גיי טאַקע דינען אין פרעמדע הייזער, זאָגט זי, אָבער מ'האָט מיך נישט געקויפט אויפן פישמאַרק. מיך האָט אויך אַ מאַמע געהאַט... אויב כ'געפעל אים אַזוי שטאַרק, וויל איך אים פאַר מיין מאַן! ווי געפעלט אייך אַזאַ העזה? פון איר מויל זאָלן קומען אַזעלכע דיבורים? כ'האָב געמיינט, מיינע אויערן זיינען פאַרשטאָפּט געוואָרן... ס'האָט מיר אָנגעהויבן שווינדלען פאַר די אויגן... קען מען אַזוינס גלייבן?

טודרוס האָט פאַרלוירן די סבלנות. פון כעס האָט ער זיך אַ וויג געטאָן אינעם זאָטל. אין זיין קול איז געווען אַ געבייזער.

— מ׳קען גלייבן, מ׳קען גלייבן... ברענגט זי צוריק, דבורה.

ער האָט אַ קיצל געטאָן דעם אייזל, גרייט אָפּצורייטן. די רייפּערקע האָט אים פאַרהאַלטן מיט אַן אויספאָרווערישן בליק. אין דעם אויסגעצויגענעם קוק איז געווען סיי חניפה, סיי אומצוטרוי. איין פאַרלאַנג האָט זי אַצינד געהאַט: וואָס גיכער צונויפפירן דעם זיווג. אפילו ווען די בכבודיקע בעלי־בתים פון טבריה וועלן מאַכן פון אים אַ לייטיש געלעכטער, וועט טודרוס דער תקיף אויף אויספירן ס׳זייניקע. אַן אויפגעהייטערטע האָט זי אַ זאָג געטאָן:

— כ׳וועל זי צוריקברענגען, ר׳ טודרוס מילגרוים. נאָך היינט נאָך מיטאָג וועט רויזע זיין ביי מיר אין שטוב. קומט נישט צו שפּעט. כ׳וויל אַן אָפּענעם שמועס...

טודרוס האָט מיט רוגזה אַ פּאַטש געטאָן דעם אייזל אין הינטער־חלק און אָפּגעריטן אין גרויס איילעניש.

דבורה די רייפּערקע האָט אונטערגעהויבן דאָס געבלימלטע קלייד ביז איבער די שטיוול־כאַלעוועס און אַריבערגעשפּרונגען אַ ריוו מיט רעגן־וואַסער. זי האָט זיך געטראָגן פאַרויס איבער דעם בלאָטיקן וועג מיט דעם אימפּעט פון אַ שטורעמווינט. אַלץ איז ביי איר געווען אויסגעלייגט אויף דער האַנטפלאַך. דער פרומער נגיד איז פאַר איר געווען אַן אָפענע קאָרט. זייער איבערשמועס איז געווען אויף איין פוס, אָבער אַלץ איז אַרויס ווי בוימל אויפן וואַסער: זיינע מצוות און זיינע חטאים, זיין שטאָלץ און זיין חרפה, די פרומע ריידלעך און די טריפהנע גלוסטעניש... דער בלויער הימל איז פאַר דבורהן היינט געווען ליכטיקער ווי אַלע מאָל. די לינדע לופט פרישער און די פרייד אין האַרצן גרעסער.

זי האָט געשניפּלט מיט די נאָזלעכער און די ריינע ריחות פון באַשאַף זיינען זיך צעגאַנגען אין אירע אברים מיט אַ לויטערער דופּטיקייט. דבורה האָט געוווסט, אַז רויזע איז אים אַריין אין בלוט. ער האָט זיך צוגערירט צום פייער און זיך אָפּגעברענט די פינגער. ס׳איז מסתמא פון אויבן געווען באַשערט... די דורכגעטריבענע מויד ווייסט וואָס זי וויל און דער פיקס האָט דערשמעקט זיין פאַנג... דער ביסן זאָל אים נאָר נישט פאַרשאַטן! וועלכער אַלמן ווערט נישט געשטרויכלט, ווען אַ לעבעדיקע מויד, בלוט און מילך, דרייט זיך אַרום אין הויז? נאָר אַ מאַנסביל אַ חלוש פאַסט תעניתים ווען ר׳איז עלנט. טודרוס מילגרוים איז געבליבן ביי די פולע כוחות. אַלץ, וואָס מ׳האָט אויף אים צוגערעדט, איז אמת. די עלטער האָט ניט אויסגעלאָשן זיינע לעכצענישן נאָך אַ פאַרוועטער פרי...

אין האַלבן טאָג איז רויזע שוין געווען אויסגעשטראַלצט ווי אַ כלה, גרייט צו דער זיווג. דבורה האָט אויפגעראַמט איר שטוב, אַרויפגעלייגט אויפן טיש אַ געבלימלטן טישטעך און צעשטעלט כיבוד. פאַר איינוועגס האָט זי געהאַט אָפּגעטרעטן ביי טודרוסעס זין און אַן דעם טאַטנס וויסן זיי איינגעלאַדן צו דעם צונויפטרעף. טודרוס האָט צעקעמט די באָרד און אָנגעטאָן דעם אַטלעסענעם שניט־ראָק, וואָס ער פלעגט טראָגן נאָר דענסטמאָל, ווען ער איז געגאַנגען שליסן אַ נייעם מסחר אָדער אונטערשרייבן אַ קאָנטראַקט. די רייפּערקע האָט געהאַט בדעה צוערשט איבערצולאָזן טודרוסן מיט רויזען אויג אויף אויג, אָבער ס׳איז איר איינגעפאַלן פריער אַליין צו האָבן מיט דער מויד אַ גיכן שמועס, יענע זאָל זיך נישט אַרויסכאַפּן פאַר אים מיט אייטעלע רייד.

טודרוס מילגרוים איז אַריינגעקומען אין הויז מיט אַ העוויה, וואָס האָט געהאַט מער צעגערניש ווי דערוואַרטונג. דבורה, וואָס איז פריער אַרויס פון עס־שטוב, האָט אויסגערעכנט, אַז ווען טודרוס וועט זיך באַווייזן, זאָל ער צוערשט טרעפן רויזען אַליין. ער איז אַריבער די שוועל און געבליבן אַ פאַרבליפטער. רויזע איז געשטאַנען ביים פענצטער און געקוקט אויף אים מיט אַ פרעמדלעכן, קילן בליק גלייך זי וואָלט אים נישט דערקענט. אין איר אויגן איז געווען אומצוטרוי, געמישט מיט לייכטער שרעק. אָבער ער האָט זיך פאַרשטאַנען אויף איר פאַרפירערישן כוח. זי איז אַן אמתע יפת תואר, וואָס קען אויפרודערן ס׳בלוט, האָט ער באַ־

שלאָסן, און איר שרעקעוודיקייט פאַסט זיך גוט צום שפּיל...

טודרוס האָט זי אָפגעמאָסטן מיט אַ מאַנסבילשער געניטשאַפט. אירע ברוינע האָר זיינען געווען פאַרקעמט, נישט אויף איר שטייגער מיט קריינדלעך און לעקעלעך, נאָר אין פאַרפלאָכטענע צעפ. דאָס זאַפטיקע מויל האַלב צעעפנט, דאָס גלייכע נעזל ווי אַ געשניצט ביינדל, האָט חנעוודיק צעטיילט איר ווייס, ליכטיק פנים. פון אירע אויערן־לעפלעך זיינען אַראָפּגעהאָנגען באַגילדטע רייפן ווי עס טראָגן די אַראַבישע וואָרזאָגערינס. טודרוס האָט באַמערקט, אַז דאָס בלויע קלייד איז אָנגעמאָסטן אויף איר געשניטענער פיגור, לויז איבער די אַקסלען און ענג אַרום די היפטן. אַ דינער פאַסעק האָט אַרומגענומען איר ווייכן איינשניט. קען עס זיין, אַז פאַר אים האָט זי זיך אַזוי אויסגעשטראָצלט? האָט ער זיך געוווּנדערט. זי האָט געטראָגן שוואַרצע זיידענע זאָקן און נייע שיך אויף הויכע קנאַפל ווי אַן אמתע כלה־מויד, גרייט צום ערשטן טאַנץ.

ער האָט זיך דערנענטערט צו איר און די שלייפן האָבן גענומען האַסטיקער קלאַפּן. אויס באַוואָרעניש האָט ער געוואָרפן אַ בליק אויף דער פאַרמאַכטער טיר פון צווייטן חדר. דאָס האַרץ האָט ביי אים אַ פלאַטער געטאָן. זיין האַנט האָט לייכט אָנגערירט איר אָרעם.

— פאַרוואָס קומט מיר אַ ברוגז, רויזע?

זי האָט אַרונטערגעלאָזט די אויגן און אָפּגעטראָטן אויף אַ פאָר שריט. זי האָט אויסגעדרייט דעם קאָפּ און ווידער זיך געוואָלט דערווייטערן. זיינע אויגן האָבן זי דורכגעשפיזלט. זי האָט געפרעגט:

— וואָס קוקט איר אַזוי אויף מיר?

ביי טודרוסן האָבן די ליפּן זיך צעבלאָזן. ער האָט אַ מאַך געטאָן מיט אַ האַנט, אַ צייכן זי זאָל זיך נישט רירן פון אָרט.

— שטיי רויק, רויזע. רייד גאָרנישט און מאַך נישט קיין שריט. כ׳וויל בלויז קוקן אויף דיר...

זי האָט שווייגנדיק געפאָלגט. ער איז צוגעקומען נענטער און ווידער אָנגערירט איר אָרעם. זי האָט זיך נישט געווערט. די מויד האָט אַ געשמדטן האַלדז, איז אים איינגעפאַלן, זי פּרובירט מיך אויס... וואָס מער איך דערקען זי, אַלץ שלויער זעט זי אויס. פאַרוואָס האָט די רייפּערקע אונדז איבערגעלאָזט אַליין? די מכשפה וויל דאָ פאַרקאָכן די אמתע קאַשע? טרעט בעסער אָפּ, טודרוס. דאָס אַלץ וואָס דיר פעלט! — האָט אַ קול אים געוואָרנט — קענסט כאַפּן דעם רעכטן אָפּשניט. מ׳האָט דיך אַריינגענאַרט אין אַ נעץ, דו ווייסט אפילו נישט ווער עס לויערט אויף יענער זייט וואַנט...

זיין גלוסטעניש איז געווען שטאַרקער פון דער וואָרנונג. רויזע האָט זיך נישט דערווייטערט און ער איז נישט אָפּגעטראָטן. די רעכטע קני האָט ביי אים געציטערט. דאָס האַרץ האָט געפויקט. צווישן דער קווענקלעניש און דעם הייסן באַגער האָט ער צוגעצויגן זיין קאָפּ צו אירע האָר. אַ דופטיקער ריח ווי אַ פרישע ווינטל האָט אַ פלייץ געטאָן איבער זיין פנים. פאַרוואָס שטייט זי מיט אַראָפּגעלאָזטע אויגן ווי אַ כשרע צנועה? פאַרוואָס שטופּט זי אים נישט אַוועק? טרעט אָפּ, נואף! — האָט ער זיך געמאַכט אַ פאָרוואורף. ער האָט געוואָלט צוריקטרעטן און נישט געקענט. זיין אָטעם האָט שווער געסאָפּעט. ער האָט צענומען די באָרד אין צוויי חלקים. די ליפּן זיינען צוגעפאַלן צו איר באַק און ער האָט איר אָפּגעגעבן אַ האַסטיקן קוש.

רויזע האָט פּאַמעלעך אויסגעדרייט דעם קאָפּ. זי האָט שווייגנדיק אים אָנגעקוקט אַ לענגערע ווײַלע. אין אירע אויגן איז נישט געווען קיין פאָרוואורף. זי האָט זיך צעשמייכלט און אַ זאָג געטאָן:

— ס׳איז אַ געגנבעטער קוש, בעל־הבית...

ער האָט זיך אָפּגערוקט און ווידער אַ בליק געטאָן צו דער טיר. ס׳האָט זיך אים אויסגעדאַכט, אַז דבורהס שפּיזלדיקע אויגן קוקן אַריין דורכן שליסל־לאָך. אַ פאַרשעמטער האָט ער געשטעלט טריט הינטערוויילעכץ. רויזע איז אים נאָכגעגאַנגען. אַצינד האָט זי זיך געשטעלט פאַר אים דרייסט און אַרויסרופעריש. זי האָט געזאָגט:

— ס׳איז אַרויסגעוואָרפענע צייט, בעל־הבית. מיט מיר שפּילט מען זיך נישט. כ׳בין אַ יתומה, אָבער קיינער האָט מיך

ניט אונטערגעוואָרפן הינטער יענעמס טיר. מיך האָט אויך אַ מאַמע אויסגעטראָגן... כ׳האָב שוין דורכגעמאַכט מיט מאַנסלייט קאַלטס און וואַרעמס. אַלץ וואָס כ׳האָבן דבורהן דערציילט איז אמת. אויב איר ווילט מיך קושן, באַשטיי איך, איר זאָלט דאָס טאָן פאַר אַלעמען אין די אויגן.

— פאַרשטייסט נישט קיין שפּאַס, רויזע?

— פון אַזאַ שפּאַס ווערט מיר דערווידער. אַן ערלעכער ייד פירט נישט קיין ליבע מיט זיין דינסט אין באַהעלטעניש. און אַז איר האָט מיר נעכטן געמאַכט בלויע צייכנס אויף די אָרעמס, איז דאָס אויך געווען אַ שפּאַס? ווען כ׳זאָל דאָס דערציילן די טבריהר צדיקים, וועט איר זיין ס׳געגנאַר ביי דער גאַנצער שטאָט...

זי האָט אים דרייסט געקוקט אין די אויגן אַריין.

כ׳וויל וויסן איין זאַך: געפעל איך אייך, שטעלט מיט מיר אַ חופה! איר האָט געקענט זיין מיין טאַטע, אָבער ס׳וואָלט געווען אַ סכנה, כ׳זאָל זיין אייער טאָכטער. כ׳בין אויך אַ יידיש קינד און כ׳באַדאַרף אַ מאַן. עסט מיך נישט אַזוי מיט די אויגן. כ׳וויל אַ גלייכן ענטפער. וויפל ליבשאַפט פילט איר צו מיר?

טודרוס איז געווען פאַרבליפט פון אירע דרייסטע רייד. דער כעס וואָס האָט געשפריצט פון אירע אויגן, האָט איר צוגעגעבן אַלע יבן חנען. זי האָט געהאַט געגעבן אַלע זיבן חנען. זי האָט געהאַט אַ פאַרלאַנג זיך צו פאַרענטפערן.

— אַ מאַנסביל קען אַמאָל אַרויסווייזן אַ שטומע ליבשאַפט אויך, רויזע. ס׳שטעקט אין דעם שכל.

— ליבשאַפט מעסט מען נישט מיט קיין שכל. די חכמים און די נאַראָנים פאַלן אַריין אין איר נעץ...

טודרוס האָט אָנגערירט איר האַנט מיט די שפּיצן פינגער און ס׳האָט זיך אים אויסגעדוכט, אַז זי האָט פון דעם באַריר אַ לייכטן ציטער געטאָן. איר קאַלטער בלייק האָט אויפגעלויכטן, אירע פינגער אין זיין האַנטפלאַך זיינען געוואָרן וואַרעמבליק האָט אויפגעלויכטן. אירע פינגער ווייך קול:

ביסט קלוג, רויזע. כ׳האָב הנאה פון דיינע שטאָלצע רייד... אָבער דו האָסט נעכטן נישט געטאָרט אַנטלויפן.

—צו מיר דאַרף מען זיין איידל.

— דו פאַרשעמסט מיך, רויזע, בנאמנות. צי האָב איך דען געטאָן עפּעס אַזוינס, אַז דו זאָלסט פאַרלירן דעם דרך ארץ צו מיר?

זי האָט אַ לאַך געטאָן.

— דרך ארץ? ס׳זעט אויס, אַז אַ בכבודיקער מאַנסביל מוז צוערשט אָפּטאָן אַ געמיינע זאַך, אַז ער זאָל אַרויסרופן צו זיך דרך ארץ...

— וואָס זיינען דאָס פאַראַ דיבורים, רויזע? האָב איך דען געוואָרפן אַן אומחן אויף דיר? האָב איך זיך באַקלאָגט אויף דיינע געקעכצן? פון ערשטן טאָג ווי דו ביסט געקומען, האָב איך דיך באַהאַנדלט נישט ווי אַ דינסט נאָר ווי אַ געטרייע בת יחידה. און צוליב וואָס איך בין היינט געקומען אַהער, ווייסטו?

ווי אַזוי זאָל איך וויסן? כ׳ווייס איין זאַך. אויב איך בין ביי אייך ווי אַ געטרייע בת יחידה, וואָלט איר באַדאַרפט זיך אויפפירן ווי אַן איידעלער טאַטע — און זי האָט ווילעריש אים געדראָט מיט אַ פינגער — איר זייט נישט פון יענע, וואָס ריכטן אָפּ תעניתם אין מיטן וואָך. אַזעלכע ווי איר האָבן ליב צו פאַרפאַסטן מיט אַ פאָלקע פון אַ גאַנדז... און דינסטמיידלעך זיינען געגליכן צו נאַרישע גענדז.

טודרוס האָט זיך נגעקוואָלן. פאַר אַזאַ זאָגעכץ איז זי ווערט מ׳זאָל איר אויסקושן יעדעס ביינדעלע. אין איר ליכטיק, באַטעמט פנים האָבן זיך געשפּיגלט אַלע לוסטיקע חנדלעך, וואָס די פאַרפירערישע מויד האָט פאַרמאָגט. זיין קול איז געוואָרן צוגעלאָזענער.

כ׳בין שוין נישט קיין יונגערמאַן, רויזע. כ׳האָב אויסגעגעבענע קינדער כ׳האָב שוין אייניקלעך, אָבער כ׳האָב נאָך נישט אויסגעלעבט מיינע יאָרן. אַזאַ כוח גברא ווי איך פאַרמאָג, אויף אַלע זכרים אין מיין עלטער געזאָגט געוואָרן!

— דעריבער גלוסט זיך אייך מיט מיר צו שפּאַסן?

ביי טודרוסן האָט איצט אויף אַן אמת אויפגעוואַכט אַ חשק צו שטיפעריען.

— דאָס לעבן אָן שפּאַס איז ווי ליבע אָן אַ קוש... — האָט ער געלאַכט — האָסט געהערט דאָס ווערטל? כ׳קען דאָס ווייבער־פאָלק און כ׳ווייס אויך וואָס דו באַגערסט. ס׳איז נישט קיין עוולה, רויזע. דאָס בעסטע פערד מוז האָבן אַ בייטש און די ערלעכסטע נקבה — אַ מאַן.

זי האָט צוגעלייגט אַ פינגער צו אירע ליפּן.

— אַזאַ לשון פּאַסט נישט פאַר אייך, בעל־הבית. איר אַליין זאָגט, אַז ר׳זענט אַ ייד אין די יאָרן, אָבער ריידן רעדט איר ווי אַ חדר־ייִנגל. מיר ביידע ווייסן צו וואָס דבורה האָט אונדז דאָ צונויפגעפירט. כבין געקומען אַהער וועגן תכלית און כ׳וויל מער נישט הערן קיין פאַרהוילענע רייד.

זי האָט געמאַכט אַ לייכטן שריט אויף צוריק און באַלד דערנאָך אַ שריט פאָרויס. זי האָט אים ווידער אַריינגעקוקט אין די אויגן. איר שעלמישער בליק האָט אים אויפגערייצט.

— וואָס איז דיין באַגער, רויזע?

— אַ חופּה.

זי האָט האַסטיק אַ טרייסל געטאָן מיטן קאָפּ און די רייפן־אוירינגען האָבן זיך צעוויגט. זי האָט אַ לאַכעדיקע זיך גענומען דרייען אין אַ ראָד. טודרוס איז געווען אַנטציקט. ער האָט נישט אַראָפּגענומען די אויגן פון איר לייב. אין אירע געמאָסטענע באַוועגונגען איז געווען דער פויער־רייץ פון אַ פרוי, וואָס סיי זי ווינקט צו דעם מאַנס בכבודיקייט און סיי זי צוימט זיינע גלוסטענישן.

ער האָט געשאַרט מיט די פיס און געשטרעקט די הענט צו דערלאַנגען איר טאַליע. זי האָט אים קונציק אויסגעמיטן מיט באַוואָרעניש. זיין גוף איז פּלוצים געוואָרן שווערער, אומגעלומפּערטער און ער האָט מיט אַ סאָפּענדיקן טעם זיך געדרייט אַרום איר ווי אין אַ קרייז. זי איז אַרויס פון זיין מחיצה און דאָס יאָגעניש איבער דער שטוב האָט אויסגעזען ווי אַ צערייצט שפּיל. פון דעם שפּיל איז געוואָרן אַ פאַרבלענדעניש, אַ בייזע תאווה. אין אַ שיינעם מעמד געפין איך זיך אַצינד, האָט ער געטראַכט, ווי לעכער־לעך מוז איך אויסזען מיט מיין לויפעניש נאָך איר...

רויזע איז געבליבן שטיין אין אַנדערן עק שטוב. איר קילער בליק האָט אים געצוימט ווי מיט אַ בייטש, אָבער זי האָט מער נישט געקענט אויסלעשן זיינע אויפגעוואַכטע באַגערן. דאָס פייער אויף אירע ליפּן האָט אָנגעצונדן זיינע שלייפן. דאָס בריעניש פון איר לייב האָט צעקאָכט זיינע אָדערן. ער איז מער נישט געווען אָנמעכטיק. מיט אַ פּאָר פלינקע שריט איז ער ווידער געווען נעבן איר. איר האַלדז איז אַצינד געווען טיפער אָפּגעדעקט און פאַר זיינע אויגן האָט אַ בלענד געטאָן די ראָזלעכע העלקייט פון די האַלב־אָפענע בריסטן. ער האָט זיי אַריינגענומען אין זיינע אָרעמס און געשעפּטשעט:

— אַזוי ווי דו פאַרלאַנגסט, רויזע. וועסט האָבן אַ חופּה.

ז.

דבורה די רייפערקע האָט באַזאַכט אַריינגעשטעקט דעם קאָפּ אין דער האַלב־אָפענער טיר, אָבער טודרוס איז נישט געווען פאַרשעמט. ער האָט פעסט געהאַלטן רויזעס האַנט אין זיינער און דרייסט אַקעגן געגאַנגען דער רייפערקע. דבורהס פּנים האָט געשיינט מיט דער מינע פון אַן אַלצוווייסערין, וואָס פאַר איר האָבן סודות קיין האַפט נישט. זי האָט ברייטער צעעפנט די טיר. זי האָט געהאַט אַ בשורה אויף די ליפּן:

— מיר האָבן געסט!

טודרוס האָט פון גרויס חידוש אויסגעבאַלט די אויגן. ער האָט דערזען אויף דער שוועל ביידע זין און זיין מראה האָט אויפגעלויכטן. זיי האָבן זיך מיישב געווען, איז אים איינגעפאַלן, דער טאַטע איז ביי זיי מער נישט קיין זקן ממרא... די רכילותניצע דבורה האָט, אָן זיין וויסן, זיי אַהער גערופן און ס׳איז גוט וואָס זיי זיינען געקומען אים אָפּגעבן מזל־טוב. ער האָט אויסגעשטרעקט צו זיי די הענט, אָבער די זין זיינען געבליבן שטיין ווי פאַרגליווערט.

מיכאל, דער עלטערער, האָט מיט גרינגשעצונג אַ קוק געטאָן אויף רויזען און אַוועקגעדרייט דעם קאָפּ. דער ייִנגערער

זבולון האָט פאַרקרימט די ליפּן. ער האָט אַ ברום געטאָן:

— ס'אַ בזיון, טאַטע.

אָן אויפגעקאָכטער האָט טודרוס זיך אַ ריס געטאָן פון אָרט. אַ חשק אָנצוכאַפּן ביידע בנים און זיי אויספּאַטשן האָט אים באַזוועלטיקט. ס'האָט זיך אים געוואָלט זיי פּאַטשן פאַר דער בושה, וואָס זיי האָבן רויזען פאַרשאַפט. ער האָט זיך צוגעבויגן צו זבולונען.

— זאָג נאָר דו, בן סורר ומורה! איך האָב דיך נישט גערופן אַהער זיך שואל עצה צו זיין מיט דיר. מיין טאַטע, וואָס האָט אויסגעהאַלטן האַלב טבריה, געלאָזט שרייבן ספרים, געפראַוועט דריי סיומס. ער האָט ביי מיר אויך נישט געפרעגט קיין עצות. ער האָט מיך געפּאַטשט ווען כ'האָב אַלס חתן פאַרלאַנגט אַ נייע זשופּיצע. און דו קריכסט דאָך גאָר פון דער הויט. דרך ארץ, יונגאַטש!

טודרוס האָט אַריינגעכאַפּט אין ביידע הענט זיין האַרטע געקרייזלטע באָרד און מיט איין דריי געמאַכט פון איר אַ צעקנאָדערטן קאָלטון. דאָס פּנים האָט געפלאַמט פון רוגזה. די ברעמען האָבן זיך געהויבן ווי בייטשן. ער האָט זיך אַ קער געטאָן צו מיכאלן.

— און דו, בכור מיינער, דיר פאַרשאַף איך אויך בזיונות? ביי מיין נאמנות, כ'וועל אייך ביידן פאַרלייקענען. אויס בנים מיינע! נאָך היינט לאָז איך איבערשרייבן די צוואה! קיין צעבראָכענעם פּיאַסטער וועט איר נאָך מיר נישט ירשענען!

דבורה איז צוגעלאָפן אים איינשטילן, אָבער ער האָט זיך אַרויסגעריסן פון אירע הענט. ער איז צוגעגאַנגען צום פענצטער און אַוועקגעשאַרט דעם פאָרהאַנג. דאָס ליכט פון דער זון האָט אַ פלייץ געטאָן אויף די שויבן און אים אויף איין רגע פאַרבלענדט. פון צערודערטקייט האָט ער נישט געזען ווי הינטערן פענצטער האָט זיך אָפּגעשטעלט אַ וואָגן, פאַרדעקט מיט אַ בויד און אַ יידענע מיט אַ טשעמאָדאַן איז פון דאָרט אַרויסגעקראָכן.

דבורה האָט דערהערט דעם סקריפּ פון די רעדער אין דרויסן. זי האָט געגעבן איין פלינקן בליק צום פענצטער, דערנאָך האָט זי פאַרבראָכן די הענט און אַרויסגעלאָזט אַ קרעכץ.

— ווי איז מיר, די מומע הענע פון צפת!

נאָך איידער זי האָט צוגעשפּרייזט צו דער טיר, איז פון גאַס אַריינגעפאַלן אַ הויכע, אויסגעצערטע פרוי אין אַ צעקנאָדערט קלייד מיט אַ קאָלירטן שאַלטוך איבער די אַקסלען. זי האָט געהאַט אַ פּאָר גרויע, טרויעריקע אויגן. איר טיפער שייטל איז געווען אַראָפּגערוקט איבערן שטערן. זי האָט געהאַט אַ העוויה גלייך זי וואָלט זיך נישט באַוויזן ערב אַ שמחה, נאָר געקומען אויף קבר אבות. זי איז צוגעשפּרונגען צו רויזען. זי האָט געוואַלדעוועט:

— פון צפת אָן בין איך אין דעם מבול געפאָרן ביז אַהער! דערצו האָב איך אַ האַלב לעבן געדאַרפט ציטערן איבער דיר, אָפּהיטן דיך פון אַלע שלעק און פורעניותן, אַז דו זאָלסט מיר אַזוינס אָפּטאָן? דיין מאַמע וועט זיך זיבן מאָל איבערקערן אין פינצטערן קבר ווען אַ מלאך זאָל איר אָנזאָגן ווער ס'גייט דיך פאַרקנסן... און איך ווו בין? — האָט זי מיט אַ דאַרער פויסט זיך געקלאַפּט אין האַרצן אַריין — פון מיר דאַרף מען אַלץ אויסבאַהאַלטן? רויזע, ביסט משוגע געוואָרן! מיט וועמען גייסטו זיך פאַרשלייערן? מיט אַ כשרן אַלמן צי מיט אַ ווייבערניק, אַ נואף? ווער קען נישט טודרוס דעם ווייבער־יעגער, וואָס פוצט זיך אין דער זשופּיצע פון אַ צדיק? אָט דער בעל־תאווהניק ליגט דאָך ביי אַלעמען אין די מיילער! און דאָס אַלץ מוז געשען, ווייל דבורה די רייפּערקע וויל פאַרדינען שדכנות־געלט? קום שוין אַהיים, אָפּגעציטערטע יתומה מיינע! שוין צוריק, קיין צפת, איידער דו גייסט זיך און מיך אומגליקלעך מאַכן!

זי האָט אָפּגעמאָסטן דבורהן מיט אַ ווידערווילן, דערנאָך ווידער אַריבערגעפירט די צעקאָכטע אויגן אויף דער איבערגעשראָקענער רויזע און געשריגן:

— וואָס גלאָצסטו אַזוי אויף מיר ווי אַ גולם? מאַך נישט אַזאַ קעלבערן פּנים! ער'ט דיר סיי ווי אָנפּייפן אין דער פּאַטשיילע. און דו אַליין ביסט שוין אויך

מאיר חרץ / ירושלים

# לידער

## די קללה פון מײַן באָבען

די קללה פון מיין באָבען גייט מיר נאָך ביז היינט,
ווייל נישט געוואָלט האָט זי דאָך פאַר אַ שנור מיין מאַמען האָבן
און נישט געוואָלט אויך מיך, איר אייניקל, און האָט מיך פיינט
ביז היינט צו טאָג דאָרט אין גן־עדן פון די ראָבן.

פון דאָרטן, פון גן־עדן אירן, ווו זי האַלט
איר סידור און די תחינה און די ברילן,
זי עפנט אויף אַ טירל און סע ווערט מיר קאַלט
און סע שוידערט מיך פון איר בייזן ווילן,

וואָס גייט מיר נאָך אויף יעדן טריט און שריט
און שטרויכלט מיך און קרומט מיר אויס די וועגן
און גנבעט זיך אַריין אין די סטראָפעס פון מיין ליד
און הערט נישט אויף צו שאַרפן אירע נעגל.

און שפּעט ביי נאַכט, ווען פון ערשטן שלאָף
סע וועקן אויף מיך מיינע אייגענע געשרייען,
זיי בילדן ווידער פאַר די לידער מיינע שטאָף
און, זעלבסטפאַרשטענדלעך, נישט אויף זיך צו פרייען.

ירושלים, 22סטער נאָוו., 1984

---

נישט פון די כשרע לעמעלעך, רויזע...
וועסט שוין ביי מיר נישט אויסקוקן ווי
אַ צנועה אפילו אין דיין חופּה־שלייער.
טודרוסן איז מיט אַמאָל ענג געוואָרן
אין דעם געראַמען חדר. ער האָט געוואָלט
אַרויסלאָזן אַ געשריי, אָבער זיין האַלדז
איז געווען פאַרקנוילט. ער האָט געוואָלט
ביילן אַ פויסט, אָבער די האַנט איז ווי
פאַרגליווערט געוואָרן. ס'איז דיין טאָג
פון בזיונות, האָט ער געהערט ווי אַ שפּאָ־
טיש קול רעדט צו אים, און ווער וועט
באַצאָלן פאַר צער, ריפוי, שבת ובושת?
זיינע באַקנביינער האָבן געציטערט. די
נאָזלעכער האָבן געפייפט. אין זיין שפלות
האָט ער דערשפּירט ווי אַ גרוב עפנט זיך
פאַר זיינע פיס און ער שלעפּט דאָרט
אַראָפּ אויך די אָרעמע רויזע.
דבורה האָט נישט געוווּסט ווו צו באַ־
האַלטן די חרפּה פאַר די געסט, און טוד־
רוס ווו צו אַנטרינען פון דעם גרויסן בזיון.
ביידע זין האָבן אויסגעמיטן צו קוקן אויף
דעם פאַרשעמטן טאַטן. זיי האָבן געוואָרפן
צעטומלטע בליקן אויף דער מומע הענע.
רויזע האָט אויסגעבראָכן אין אַ געיאָמער
און זיך געלאָזט לויפן צו דער אָפענער
טיר.

# אָן רעכט

מײַן טראַגעדיקע מאַמע האָט דאָס קינד
פאַרלוירן
און אָט אַזוי בין איך אויף דער וועלט
געבוירן
אָן רעכט פון די שטערן געבוירן צו ווערן,
אָן רעכט פון די זאַמדן אויף זיי צו לאַנדן,
אָן רעכט פון די קרובים צו טראָגן אַ נאָמען,
אָן רעכט צווישן מענטשן אַזוי פיל מיליאָנען
צו האָבן מײַן אייגן, מײַן איינציק פּנים.

מײַן טראַגעדיקע מאַמע האָט דאָס קינד
פאַרלוירן
און אָט אַזוי בין איך אויף דער וועלט
געבוירן
אָן רעכט פון מײַן באַבען צו ווערן איר
אייניק,
איר האָרץ איז פאַרשלאָסן, איר האַרץ איז
שטייניק,
איר זון, מײַן טאַטע, איז נאָכגיביק, בייגיק,
ער האָט זי געפאָלגט, די שטוב אויסגע־
ליידיקט,
באַליידיקט מײַן מאַמען, פאַרשעמט אויף
אייביק.

צי דאַרף איך אַצינד זיך אויכעט שעמען
און בעטן מײַן מאַמען זי זאָל מיך נעמען
צוריק אין איר בויך, איך זאָל דאָרטן
וואַרטן,
ביז וואַנען מײַן באַבען, דעם שטיין דעם
האַרטן,
אַ ריר טאָן וועלן מײַן מאַמעס טרערן,
וואָס מאַכן ווייך אפילו די שטערן.
ווי לאַנג דאַרף איך וואַרטן געבוירן צו ווערן
ווידער?
הערוויל שרײַב איך לידער.

## צוויי מאָל באַצאָלן

שלעכטע מענטשן, ביטערע רשעים
זענען שוין געשטאַנען ביי מיין וויג,
לויט זייער חשבון איז אַזאַ מין גאון
ווי איך שוין געשטאָרבן מיט יאָרן צוריק

און דאָס וואָס איך האָב זיך ווידער באַוויזן
און נישט געפרעגט קיין רשות ביי זיי
באַווייזט, אַז אונטערשטעלן אַ פיסל
בין איך געקומען און אפשר צוויי,

דעם אַ פיסל און יענעם אַ פיסל,
דערווייליע ליג איך אָבער אין וויג
און וויל פון זייערע טענות נישט וויסן —
אַז איך בין געשטאָרבן מיט יאָרן צוריק

און איך וועל זיי דאַרפן צוויי מאָל באַצאָלן
פאַרן נעכטיקן לעבן און פאַר לעבן איצט
און אויב זיי באַצאָלן לויט די ראָלן,
וואָס איך האָב געשפילט אין באָד און געשוויצט,

איז קען איך זיי געבן מיין הינטן, מיין פאָרנט,
די מכות, וואָס איך האָב געקראָגן פון זיי
אין ביידע זייטן פון קינדערווייז אָן.
אַהערצו, אַהער, שטעלט אייך אויס אין דער ריי.

## כשר פאַרדינט

איך האָב אים געקענט דעם גרויסן פאַרעך,
פעררזענלעך מיט אים גערעדט,
אַזוי ווי איך רעד מיט אייך, איך נאַר אייך,
חלילה, נישט אָפּ. איך גיי אין געוועט

מיט אייך, אַז כ'האָב אים אַליין באַגעגנט
אין איינעם אַ רעגן־פאַרנאַכט,
ווען איבער זיין שירעם האָט גערעגנט
און איבער מיר און מיך נאַס געמאַכט.

און ער איז געשטאַנען און געשמייכלט,
ווען מיך האָט דער רעגן געצוואָגט —
הלמאי איך האָב נישט געהאַט קיין שכל,
האָט ער מיר מוסר געזאָגט.

אין נישט גענומען מיט זיך קיין שירעם
ווי ער, למשל, האָט עס געטאָן,
ער האָט זיך צעזונגען שיר השירים
צו זיך, צו זיין רויטן קאָם פון אַ האָן,

וואָס מענטשן רופן פשוט פאַרעך
און ער האָט דעם נאָמען פאַרדינט,
איר מעגט עס מיר גלייבן, איך נאַר אייך,
חלילה, נישט אָפּ. כשר פאַרדינט.

ירושלים, 1986

**חנן קיעל / ניו־יאָרק**

# מיכה יוסף בערדיטשעווסקי

## זיין לעבן און שאַפן

.1

מיכה יוסף בערדיטשעווסקי, דער העברעיש־יידישער שרייבער, איז געווען מיט עטלעכע יאָר יינגער פון אחד־העם און ביידע האָבן זיך געראַנגלט מיט די פּראָבלעמען פון יענער צייט וועגן צוגאַנג צו קולטור־געשיכטע, פאָלק, גלות, ציוניזם, יידישקייט און יידישן קיום. ער איז נאָך מער געווען פאַרווירט פון אחד־העם מיט וועמען ער האָט אָפט פּאָלעמיזירט, הגם ער האָט אים אויך פאַרערט.

בערדיטשעווסקי האָט אין זיינע עסייען אָפּגעפּרעגט אַלע יידיש־איינגעוואָרצלטע ווערטן; ער איז געווען צעקריגט מיט דער יידיש־דענקערישער און שרייבערישער וועלט. ווי אַ ניטשעאַנער, שפּינאָזיסט און דעקאַדענט, איז ער אַליין געשטאַנען אַן אומרויקער, רעוואָלטירנדיקער, על פּרשת דרכים און ווי אחד־העם געזוכט באַשייד אויף די קאָמפּליצירטע פּראָבלעמען פון זיין דור.

מיכה יוסף בערדיטשעווסקי (פּסעוודאָנים בן־גוריון) איז געבוירן געוואָרן אין 1866, אין מעזבעזש־וואָלין, דאָס ווינאָרט פון בעל שם טוב און געבוירן־שטעטל פון רב נחמן בראַצלאַווער. בערדיטשעווסקי שטאַמט פון רבנים און יחוס וואָס ציט זיך ביז ר׳ ישעיה הורוביץ, דער מחבר פון „שני לוחות הברית“.

זיינע קינדער־יאָרן האָט ער פאַרבראַכט אין דובאָווע (אומאַנער געגנט) און פון דאָרט זיך אָנגעזאַפּט מיטן שטייגער לעבן פון קליינעם שטעטל. דער פאָטער, משה אהרן, אַ חסיד און תלמיד חכם, און זיין מוטער, פּערל, האָבן אין אים איינגעפלאַנצט טיפע ליבשאַפט צו טראַדיציאָנעלער יידישקייט.

מיכה יוסף לערנט אין חדר און אין דער וואָלאָזשינער ישיבה, וואָס האָט אַרויסגעגעבן באַרימטע העברעישע שרייבערס. ער דעביוטירט מיט זיינע ערשטע אַרטיקלען אין י. ל. גורדונס „המליץ“ און שרייבט אויך אין „הצפירה“ (רעד. נ. סוקולוב). ער האָט פרי חתונה געהאַט, זיך צוויי מאָל געגט און מאַכט דורך אַ יוגנט פון זוכעניש און וואָלגלעניש. אין אָדעס ווערט ער באַקאַנט מיט מענדעלע מוכר ספרים, ליליענבלום און אַנדערע חכמי אָדעסאַ.

אין 1890 שטודירט ער אין ברעסלוי, שפּעטער אין בערן־שווייץ, וווּ ער קריגט זיין ד״ר פילאָסאָפיע דיפּלאָם. ער וווינט אין בערלין און ווערט מיטאַרבעטער אין אחד־העמס „השילוח“. ער פאַרעפנטלעכט זיינע אַרבעטן, עסייען און דערציילונגען (מעירה קטנה) מבית ומחוץ, מחניים, שינוי ערכין, און ספר החסידים. ער שרייבט אויך אין דייטש און יידישע פאָלקס־מעשות. זיין ערשטע זאַמלונג דערשיינט אין 1900, און פיר ביכלעך אַרטיקלען — אין בערלינער פאַרלאַג — הוצאת צעירים.

ער קומט אַהיים און פאַרברענגט אין דער וואַרעמער סביבה פון שטעטל. ווידער האָט ער חתונה און באַזעצט זיך אין ברעסלוי פון 1902 ביז 1911. אין די לעצטע צען יאָר וווינט ער אין בערלין און נאָכן ערשטן וועלט־קריג שרייבט ער דעם ראָמאַן „מרים“.

אין די פּעטליוראַ־פּאָגראָמען קומט אום זיין טאַטע און ברודער און פון גרויס צער קריגט בערדיטשעווסקי אַ האַרץ־אַטאַקע און שטאַרבט צו 56 יאָר.

אין 1924 ווערט אַרויסגעגעבן פון שטיבל־פאַרלאַג בערדיטשעווסקי ליטעראַרישע ירושה אין העברעיש און אין יידיש. ס׳ווערט אויך אַרויסגעגעבן זיין בוך אין דייטש: „סיני און גריזים“. אין 1946 גיט דער „איקוף“ אַרויס זיינע יידישע כתבים „פון אַ ווייטן קרוב“ מיט אַן איינפיר און אָפּשאַצונג פון רחל בן־גוריון און נחמן מייזעל. אין 1948 דערשיינען אין ישראל זיינע כתב־ידן, אין

1981 ווערן באַנייט די יידישע כתבים אין ירושלימער אוניווערסיטעט אונטער דער רעדאַקציע פון דוב סדן, חנן שמערוק און א. סוצקעווער. די נאָוועלע „מרים" דערשיינט אין אַן ענגלישער איבערזעצונג אין 1984. ער האָט אויך געשריבן אָפּהאַנדלונגען וועגן אייזיק מאיר דיק, מענדעלע, שלום עליכם, לינעצקי, ספּעקטאָר, פרוג, וואַרשאַווסקי, ראָזענפעלד, פרץ, און געפירט וויכוחים מיט אברהם רייזען.

רחל בן־גוריון שרייבט וועגן איר מאַן, אַז ער האָט באַנייט הונדערטער פאָלקס־מעשיות און אין די יאָרן פון 1902 ביז 1906 האָט ער פאַרפאַסט אַלע יידישע כתבים. זי טיילט איין זיינע שריפטן אין דריי פעריאָדן: 1. דערציילונגען, וואָס ער האָט פאַרפאַסט און זיינען געשריבן אין אייגענעם נאָמען. 2. די טיפן פון שטעטל, וואָס ער האָט זיי געקענט און וואָס ער אַליין איז איינער פון זיי. דער דריטער פעריאָד זיינען די ראָמאַנען, וואָס ער האָט געשריבן אין די לעצטע יאָרן פון זיין לעבן.

די יידישע כתבים געהערן צום מיטעלן פעריאָד. ער שרייבט טאַקע ווי אַ ווייטער קרוב. רחל באַמערקט אַז ער האָט זיך ניט אַראָפּגעלאָזט צום פאָלק, ווי די גרויסע קלאַסיקער, נאָר זיך געלערנט ביים פאָלק. בערדיטשעווסקיס יידיש דערמאָנט אין דער באָבעס צאנה־וראנה. ער לאָזט אָפּט רעדן זיינע פאָלקס־מענטשן, וואָס דאָס לשון איז פריש און קערנדיק.

בערדיטשעווסקי דרוקט זיך אין פאַרשידענע יידישע זשורנאַלן פון ספּעקטאָר, אַברהם רייזען און אַנדערע ליטעראַרישע שריפטן. אין וואַרשעווער פאַרלאַגן זיינען אַרויס זיינע זעקס ביכער אין יידיש. זיינע יידישע דערציילונגען פון וויטן תנכישן אַמאָל און פון זיין אייגענער צייט זיינען אייגנאַרטיק אויסגעדריקט אין סטיל און אין גייסט פון זיינע יידיש־עטישע און אוניווערסאַלע השקפות.

אין אַ פשוט־פאָלקישער שפּראַך ברענגט ער אַרויס די שווערע געראַנגלענישן און אַלערליי קאָנפליקטן אין יידישן לעבן אין קאַמף פאַר קיום. די פאָלקס־מענטשן דערציילן אָפט וועגן זיך און זייערע מאָנאָלאָגן און שמועסן, אויסערגעוויינלעכע איבערלעבונגען פון טיפע פסיכאָלאָגישע ליידנשאַפטן; געפילן פון ליבע, געטריישאַפט מסירת־נפש און אויך קנאה און האַס. זיין יידיש־עטישער צוגאַנג דרינגט אַרויס פון אונדזער טראַדיציע און יודאַאיסטישער וועלט־השקפה.

אין זיינע דערציילונגען באַקעמפט בערדיטשעווסקי די סאָציאַלע עוולות און מענטשלעכע רשעות און ער ברענגט אַרויס די מאָראַלישע גבורה און מסירת נפש פון יחידים.

אַ גרויסע צאָל פון זיינע פאָלקסטימלעכע דערציילונגען זיינען אַרויסגענומען פון אַלטע אגדות, פון חסידיזם און פון שטעטל, און אויף אַ ליריש־דיכטערישן אופן אויסגעטייטשט. מיר וועלן בקיצור איבערגעבן דעם אינהאַלט פון אייניקע פאָלקס־מעשיות.

„ט ר ע ר ן" — אַ מעשה פון דער רוימישער תקופה. פאַראַן אַן אגדתא, אַז צוליב עוולות פון מענטש קעגן מענטש איז דאָס בית המקדש חרוב געוואָרן. אַזוי איז גאָט זיך נוקם אין פאָלק ישראל צוליב די טרערן פון טוביהן, וואָס איז באַעוולנט און דערנידעריקט געוואָרן פון זיין אייגן וייב און דעם מלווה וואָס האָבן חתונה געהאַט אין דער אָפּגענאַרטער און באַגזלטער טוביה איז געוואָרן זייער באַדינער אין זיין אייגן הויז. זיינע טרערן זיינען געקומען צו גאָט.

די דערציילונג „גדי" איז אַן ענלעכע מעשה ווי פרצעס „באָנטשע שוויג", מסתמא גענומען פון זעלבן קוואַל. דער געפייניקטער משרת און וואַסערטרעגער פון שטעטל גדי ווערט אומרחמנותדיק אויסגענוצט און דערנידעריקט פון די שטעטלשע יידן, יידענעס און קינדער. ער שטאַרבט פון הונגער און ווערט באַגראָבן ערגעץ ביים פלויט. אָבער גאָט, דער אל רחום וחנון, שיקט אַ מלאך און מיט גרויס כבוד און ליבשאַפט ווערט ער געבראַכט אין גן־עדן. דאָ קריגט ער צוריק דעם צורת־מענטש און ווערט באַליבט ביי דוד המלך, וואָס לאָזט אים חלילה ניט בוקן זיך פאַר אים.

ד ע ר נ ס י ו ן. אַ דאָרפס־ייד האָט געפונען אַ בייטל מיט גאָלדענע רענדלעך

פון זיין פאַרשטאָרבן ווייב. ער וויל אַוועק אין שטאָט וווינען צווישן יידן, וואָס ער האָט באַגערט זיין גאַנץ לעבן. אָבער אַ צווייטער דאָרפס־ייד קומט צו אים מיט זיין אומגליק, אַז מען פירט זיי טאָכטער צום שמד. בלויז געלט קען זי אויסלייזן. דער דאָרפס־ייד גיט אַוועק זיינע רענדלעך צו ראַטעווען אַ יידיש מיידל פון שמד.

ד ב ו ר ה שיקט איר בן יחיד אין צייט פון פּאָגראָמען זיך אָנצושליסן אין זעלבסטשוץ — אין אַ יידיש שטעטל. דער זון ווערט געהרגעט אין קאַמף מיט די רוצחים. דאָס שטעטל וואָס באַגלייט די קרבנות, באַמערקט ניט די שטאָלצע מאַמע פון אומבאַקאַנטן קרבן.

אין זיינע פּאָלקס־משהלעך און דערציילונגען באַנוצט זיך דער שרייבער מיטן נוסח פון מעשה־ביכל אויף אַ ראַפינירט־קינסטלערישן אופן, מיטן באַיוון חן און אויסדרוקן וואָס מיר געפינען היינט אין באַשעוויס זינגערס סטיל. אויך אין די איינאַקטערס קען מען זיך באַגעגענען מיט פּאָלקלאָר פון שטעטל און משכילישע טענדענצן. אַ צאָל מעשות האָב איך געלייענט ביי אַנדערע שרייבערס, וואָס האָבן אַלע אַ פּנים געשעפּט פון די זעלבע פּאָלקס־קוואַלן.

.2

בערדיטשעווסקי איז געווען פאַרליבט אין יידיש לשון. ער האָט געהאַלטן אַז יידיש איז איינגעבאַקן אין האַרץ פון המון־עם. העברעיש איז ניט צום לייענען, נאָר אַריינקוקן אין אַ ספר. אין העברעיש — שרייבט ד״ר פרידמאַן — איז בערדיטשעווסקי שטענדיק אַן אומרויקער, צעקריגט מיט זיך אַליין, אָבער ווען ער שרייבט יידיש איז ער באַרויקט און האָט הנאה. ער איז אַ מין שלום עליכם אין מיניאַטור. העברעיש איז פאַר אים אַ שפּראַך פון פּאָעזיע — יידיש איז אַ נאַטירלעך־באַטעמט לשון. ער האַלט אַז מענדעלעס יידיש איז דיכטעריש צוליב דער פּשטות.

בערדיטשעווסקיס סטיל אין יידיש איז אָריגינעל, קינסטלעריש מיט אַלע פּאָלקס־קאָלירן, מלא־חן און מלא חכמה. דאָך איז זיין צוגאַנג צו יידיש און יידישער ליטעראַטור ניט געווען צום האַרצן דעם יידישן שרייבער. ער האָט ליב געהאַט יידיש, אָבער ער באַגרענעצט דאָס לשון צו פּאָלקלאָר, פּאָלקס־מעשיות אין דיאַלאָגן, וואָס איז פאַרשטענדלעך פאַרן המון־עם.

אין יידיש האָט ער געשריבן פּשוטע מעשהלעך, און אין העברעיש האָט ער געשריבן ליטעראַטור־קריטיק, וויכוחים מיט שרייבערס, פילאָסאָפישע מאמרים, עסייען פאַר דער משכילישער אינטעליגענץ. העברעיש איז אַ שפּראַך פאַר יחידי סגולה און יידיש איז און מוז בלייבן אַ המון־שפּראַך — האַלט בערדיטשעווסקי.

מיט זיין גאַנצער ליבשאַפט צו יידיש האָט ער זיך קעגנגעשטעלט איר נאַטירלעכער אַנטוויקלונג ווי אַן אייראָפּעיש לשון, קולטור און ליטעראַטור אין אַלע זשאַנרען.

מען קען מסכים זיין מיט זיין אַנאַליז און התפּעלות פאַר מענדעלען און שלום עליכם, אָבער ס׳איז ניט ריכטיק זיין טעזע אַז מענדעלע איז די איינציקע מדרגה פון דיכטונג אין יידיש. ווען ס׳זיינען אין זיין צייט שוין באַקאַנט געווען די נייע ריכטונג פון די יונגע: מאַני לייב, האַלפּערן; דער אויפשטייג פון לייוויק איז בערדיטשעווסקי אַלץ נאָך געבליבן ביי פרוג, וואַרשאַווסקי און ראָזענפעלד.

הגם פון זיינע יינגסטע יאָרן זיינען העברעיש און יידיש געווען זיינע צוויי אויגן אין קאָפּ און ער טרעט אַרויס קעגן יענע יידישע שרייבער און דיכטער, וואָס באַנוצן זיך מיט דייטשמעריזמען און נעמען צו די שיינקייט פון דער יידישער שכינה, איז דאָך מאָדנע זיין צוגאַנג צו דער יידישער ליטעראַטור, ווען ער זאָגט, אַז אַברהם רייזען, ווייסענבערג זיינען אונטער דרייסנדיקע השפּעות, און דערפאַר זיינען זייערע שאַפונגען אָן פרוכט און אָן בלומען. ער האַלט אַז שלום עליכמס סטיל האָט נאַטירלעכע פּאָלקס־שיינקייטן און דער קולט פאַר יידיש און די ליבשאַפט פון דער נייער יידישער ליטעראַטור צו יידיש האָט ש״ע סטיל חרוב געמאַכט.

די אַ טעזע דאַרף מען אָפּפרעגן, און נאָך מער — זיין דערקלערונג: „ווייל צו די קנעכט וואָס מאַכן זיך ווי קינדער פון

שררות און רעדן מיט דער שפּראַך פון שררה. אָדער — השירים היהודיים הם תמיד פשוטים (יידישע לידער זיינען שטענדיק פשוטע). שמואל ווערסער — אין דער ירושלימער אויסגאַבע פון בערדיטשעווסקיס „כתבים פון אַ ווייטן קרוב" באַמערקט, אַז דער לייענער איז ניט געווען גרייט אויפצונעמען זיין יראת שמימדיקן נוסח, זיין אַלט־שטייגערישן סטיל, וואָס איז מער ניט געווען צום האַרצן פון יונגן לייענער. זיין נוסח, זיינע פּרעכטיקע פאָלקס־מעשיות זיינען געווען אין קאָנסעקווענטן איינקלאַנג מיט זיין השקפה וועגן דער ראָלע פון דער יידישער ליטעראַטור.

בעל מחשבות האָט געהאַלטן פון בערדיטשעווסקין ווי אַ העברעישער מאָדערנער שרייבער, וואָס אין זיינע יידישע שאַפונגען איז ער געבליבן אַ משכיל.

אין זיין בוך—

*Fom Ostlichen Judenthum*

—שרייבט בערדיטשעווסקי ווי ס'האָט אים געצויגן קיין דייטשלאַנד, דאָס געבורטלאַנד פון יידיש, וואָס איז דורכגעגאַנגען אַ היסטאָרישן גילגול. ענלעך צום אַראַמעישן גילגול, להיפּוך צום העברעיש פון תנ"ך, וואָס איז ריטמיש שטאַרק, און דער ה' צבאות וואַרפט אָן אַ מורא איז אָבער די אַראַמעישע שכינה, ווי אַ רחמנותדיקע מאַמע, אַזוי איז דער יידיש־פענאָמען. הגם די שפּראַך, לויט בערדיטשעווסקי, איז נאָך רוי, פאָרמלאָז, אָן אַ גראַמאַטיק, איז זי אָבער רייך אין דיאַלאָג, באַרעדעוודיק, ליריש און פול מיט שיינקייט, קלוגע שפּריכווערטער און עקזיסטירט ווי אַ וווּנדער אָן שטאַטלעכע אַקאַדעמישע שטיצע און גאַראַנטיעס, און אַזוי געדייעט יידיש אויף אַ נאַטירלעכן אופן.

יידיש, זאָגט דער מחבר, איז געקומען פון אַ פרעמד לשון, אָבער זי איז געוואָרן אונדזערס. דאָס דייטשע אין אונדזער לשון איז מער ניט דייטש, דאָס העברעישע איז מער ניט קיין העברעיש, נאָר יידיש. יידיש איז אַ לעבעדיקע שפּראַך אויף אייגענעם באָדן און איז ניט משיג גבול. אָבער „ווער עס זאָגט אַז יידיש וועט ירשענען העברעיש ווייסט ניט וואָס ער רעדט. קוהלת מעקט ניט אויס שיר השירים... און אַ פרוי אָנגעטאָן ווי אַ מאַן בלייבט אַלץ נאָך אַ פרוי."

בנוגע ליטעראַטור האָט בערדיטשעווסקי באַקעמפט די אָפטע דערשיינונג פון איבערגיסן יידיש אין העברעיש; אָדער ווען אַ שרייבער שרייבט די זעלבע שאַפונג גלייכצייטיק אין ביידע שפּראַכן, מחמת יידיש און העברעיש זיינען צוויי באַזונדערע נשמות. האָט ער טאַקע געשריבן אין יידיש פאָלקס־מעשיות און אין העברעיש — ליטעראַטור־קריטיק, עסייען וועגן יידישן קיום, שינוי ערכין, וויכוחים מיט אחד־העם און אַנדערע שרייבערס.

אין ריב הלשונות דיסקוטירט ער מיט אברהם רייזען, ער שרייבט: „צוליב די זעלבע סיבות וואָס אונדזער פאָלק האָט אויפגעהערט רעדן העברעיש, וועט מען אויפהערן רעדן יידיש. די סיבה איז גלות, אונדזער לעבן צווישן פעלקער. קאָרן קען ניט וואַקסן אויף אַ בוידעם. איך זע פאָראויס אַז ס'וועט קומען אַ צייט ווען מיר וועלן זיך מוזן שלאָגן מיט אונדזערע קינדער וועגן יידיש, ווי מיר קריגן זיך איצט מיט זיי וועגן העברעיש."

להיפּוך צו אחד־העם איז בערדיטשעווסקי געווען פאַרליבט אין דער רייכקייט און שיינקייט פון יידיש לשון. אָבער מיט זיין באַגרענעצן די שפּראַך צו אַ פאָלקלאָריסטישער ליטעראַטור האָט ער באַוויזן אַז טיף אין האַרצן האָט ער ניט געגלויבט אין איר קיום, און געשריבן ווי אַ „ווייטער קרוב". יידיש האָט זיך אָבער אַנטוויקלט צו אַ מאָדערנער שפּראַך. און ליטעראַטור, צו אַ רייכקייט פון דיכטונג און פּראָזע; פון די קלאַסיקער ביז אַש, זלמן שניאור, אָפּאַטאָשו, י. י. זינגער און ביזן נאָבל־פּרייז לאַורעאַט יצחק באַשעוויס זינגער, עלי שעכטמאַן און יהודה עלבערג. און פון אברהם רייזען ביז מאַני לייב, לייוויק, גלאַטשטיין, גראַדע, סוצקעווער אייכנראַד און הונדערטער דיכטער, שרייבער און עסייאיסטן פון זשיטלאָווסקין, ניגער, מאַקס עריק, ד"ר ביקל ביז די היינטיקע מאָדערנע עסייאיסטן און ליטעראַטור־קריטיקער.

קיינער קען ניט פאָרויסזען די געשיכטלעכע ענדערונגען, דעם פּראָצעס פון שטייגן און פאַלן; קיינער האָט זיך ניט פאָרגעשטעלט דעם גרויליקן חורבן פון יידיש־רעדנדיקן מזרח־אייראָפּע.

בערדיטשעווסקיס נבואות וועגן דער צוקונפט פון יידיש און יידישער ליטעראַטור, זיין איינטיילן די ראָלעס פון יידיש און העברעיש, דאָס איז אַלץ אַ טייל פון זיין פאַרווירטן געראַנגל מיט די פּראָבלעמען פון יידישן קיום. אָבער זיין יידיש־ליטעראַרישע ירושה איז אַן אוצר פון אונדזער יידישער פאָלקס־ליטעראַטור און קולטור.

3.

בערדיטשעווסקיס קינסטלערישע פּערזענלעכקייט, זיין וועלט פון מחשבה שפּיגלען זיך אָפּ אין זיינע העברייִשע עסייען און ראָמאַנען. מיר דערקענען אויך אין זיינע ווערק דעם בעל־אגדה, דעם דיכטער, זיין אומרו און פאַרלוירנקייט צווישן טראַדיציע און השכלה, די איינפלוסן פון די נייע פילאָסאָפישע ריכטונגען — ניטשע, שאָפּענהאַוער, שטירנער און שרייבער פון דער וועלט־ליטעראַטור. פּרץ האָט דערמאָלט געוואָרנט קעגן יענע איינפלוסן, אָבער בערדיטשעווסקי איז געווען אַ בונטאַר, ווי נחמן מייזעל שאַצט אים אָפּ. ער האָט געוואָלט איבעררייסן מיט דער איינגעשטעלטער מסורה, ווערן אַ זון פון אַ נייעם דור. אָבער ער האָט געבענקט צו זיין היימיש יידישקייט. אַזוי האָט ער זיך געראַנגלט צווישן פּראָגרעס און טראַדיציע און איז געבליבן שטעקן אין פלאָנטער פון אַ ניט פאַרענטפערט רעטעניש.

ראובן ברײנין זעט אין אים אַ מענטש וואָס זיינע שיפן זיינען אים אונטערגעגאַנגען. בערל קאַצנעלסאָן שרייבט וועגן די דריי וואָס האָבן אַריינגעבראַכט אין דער ליטעראַטור דעם חסידיזם — פּרץ, יהודה שטיינבערג און בערדיטשעווסקי. אָבער דער לעצטער האָט אויך אַריינגענומען אין קאָמפּלעקס פון יידישקייט די נעגאַטיווע קאָמפּאָנענטן: צוזאַמען מיט די בעלי־תשובה אויך די אַפּטריניקעס, די אַפּיקורסים, פאַלשע משיחים וכדומה.

תאווה, זינד, שרעק און בענקשאַפט, אַלץ וואָס איז מענטשלעך טאָר ניט, לויט אים, איגנאָרירט ווערן אין יהדות.

בערדיטשעווסקי האָט באַקעמפט אַסימילאַציע און איז ניט געווען נתפעל פון אַפּיקורסות. ער האָט בכלל נעגירט אתה־בחרתניזם און פילאַנטראָפּישע יידישקייט. ער האָט געגלויבט אין שינוי פון יידישער מענטאַליטעט און שטאַרק באַאַנפלוסט דעם חלוציזם. אין זיין שינוי ערכין האָט ער כסדר אַקצענטירט אַז יידישקייט טאָר ניט איינשלינגען דאָס יידנטום. דער ייד איז וויכטיקער.

ער האָט געזוכט די יידישע נשמה אין דער וועלט פון אגדה — להיפּוך צום שטרענגען רבניזם. אין זיינע דערציילונגען האָט בערדיטשעווסקי אַרויסגעבראַכט די פּאָעטישע פּערל פון די עלטסטע צייטן. ער האָט געגלויבט, אַז דער עם הספר טאָר ניט ווערן קיין עבד־הספר. דער עבר טאָר ניט דוחה זיין דעם הווה. דער קיום פון פאָלק ליגט אין געזונט פון יחיד. אין יבנה האָט געזיגט דאָס יהדות אָבער דאָס יידישע פאָלק איז פיזיש שוואַך געוואָרן.

אחד־העם האָט באַקעמפט בערדיטשעווסקיס ביצשעאַנישן צוגאַנג, ווייל ער גלויבט
סקיס ניטשעאַנישן צוגאַנג, ווייל ער גלויבט
מיר דוכט זיך אַז דער אמת ליגט אין דער גאָלדענער מיט. ניט ווי בערדיטשעווסקי זאָגט אַז ישראל קודם לאורייתא' נאָר ישראל ואורייתא חד הוא. מיר מוזן זיין שטאַרק פיזיש, אָבער ניט אויפגעבן אונדזער ייחוס ווי אַן עם־הספר. ביידע זיינען וויכטיק פאַר אונדזער עקזיסטענץ.

4.

אונדזער אָפּשאַץ וועגן בערדיטשעווסקין וועט ניט זיין גאַנץ אָן דעם ראָמאַן „מרים" וואָס איז, גלויב איך, די קרוין פון זיין שאַפן. ער האָט די נאָוועלע אָנגעהויבן אין 1905, איבערגעריסן און קאָנטינואירט אין 1920, איין יאָר פאַר זיין טויט. ניט לאַנג צוריק איז דערשינען די איבערזעצונג פון העברעיש אויף ענגליש.

אַרום דער הויפּט־העלדין מרים, מיניען זיך פאַרשידענע וועלטן, לעבנס פון יחידים, זייערע תאוות, ליידנשאַפטלעכע

ליבעס, אַנטוישונגען און יאוש. די טיפּן זיינען מעגלעך נאָרמאַלע, וואָס זיינען אונדז באַקאַנט פון שטעטל, אָבער ווען דער שרייבער פּרובירט זיך דערגרונטעווען צו די דנאָען פון זייערע נשמות זיינען זיי אויסטערלישע, צומאָל דאָסטאָיעווסקי־טיפּן. אין דער שפע פון אַנדערשקייטן, קאָנטראַדיקציעס, אַנטיטעזיסן קומט צום אויסדרוק בערדיטשעווסקיס קאָנצעפּציע פון יידישקייט, ווי אַ קאָלירפולע קאָנגלאַמעראַציע פון אידעען, גלויבונגען און פירונגען און די רעכט פון יעדן ייד צו זיין אַ טייל פון אונדזער פאָלק. ווי אַמאָל דער חסיד און מתנגד, דער משכיל, דער אַגנאָסטיקער, דער גר, קאַראַימער, שבתי צביניק, די פרומע און זינדיקע (אפילו דער משומד) אַלע גייען אַריין אין דער ראַם פון אונדזער יידיש לעבן און יידישע געשיכטע. אין דער נאָוועלע פלאָנטערן זיך מענטשן און אידעען, אַ פלוראַליטעט פון טיפּן, יעדער מיט זיין באַנעם וועגן מהות פון יידישקייט, און מיט זייער רעכט צו עקזעסטירן ווי יידן.

די עלטערן פון מרים האָבן ניט קיין גליקלעך צוזאַמענלעבן. איר מאַמע, שרה, איז געווען פאַרליבט אין דן, אַן אָנגעשטעלטער; אין שרהן איז שטערבלעך פאַרליבט דער גלח פון שטעטל, לאַדין. מרימס באָבע האָט מיט אירע לעצטע ווערטער געבעטן שרהן זיך ניט צו שיידן מיטן מאַן.

אין אַזאַ הויז פון עראָטישע קאָנפליקטן איז מרים שוין צו 13 יאָר געווען אַן אַנטוויקלט שיין מיידל, און אַלע בחורים פון שטעטל זיינען אין איר פאַרליבט. מיכה, אַ משכיל און אַרטיסט, האָט אָפּט געצייכנט איר פּאָרטרעט און אַראָפּגעשלונגען דאָס פּאַפּיר. נתן דער פאַסטער און מקובל, וואָס גאַרט צו באַפרייען די נשמה פון גוף, זעט אין מרים אַ גילגול פון שיינקייט, ריינקייט און גוטסקייט.

אַלס יוגנטלעכער האָט נתן געפילט אַ נאָענטקייט צו דער שכינה, די רחמנותדיקע מאַמע. ער גלויבט אַז די וועלט איז פריער געווען הערמאַפראָדיטיש און אַז די קליינע לבנה איז געווען גרעסער פון דער זון, די מאַמע. איצט וויל ר׳ נתן שרייבן אַ נייעם זוהר, ער וויל באַווייזן אַז די לבנה איז הייליקער פון שבת. ער פאַרגעטערט מרים און אַסאָציאירט זי מיט דער לבנה. אויך באַטלאַן איז ליידנשאַרטלעך און קנאהדיק פאַרליבט אין מרים. ער איז פאַרצווייפלט ווייל מרים פילט ניט צו אים קיין נאָענטקייט. אַזוי דערוועקט זיך אין אים אַ געפיל פון ליבעהאַס, און ווען מרים פאַלט פון אַ בריק אַריין אין טייך פּרובירט ער זי ניט ראַטעווען. זי ווערט געראַטעוועט פון אַ מיל־אַרבעטער.

עס שפּילן אויך מיט אין דער נאָוועלע אַנדערע טיפּן, ווי דער רייכער וולאַדיסלאַוו דאָמבראָווסקי, וואָס איז גרייט געווען צוליב דער שיינער מרים זיך מגייר זיין און אויף אַ פּריצישער זאַבאַווע שפּרינגט ער אַראָפּ פון אַ באַלקאָן צום טויט.

נחום שרוני, אַן אָנגעלייגטער משכיל און דענקער, אַ טובערקולאָז־קראַנקער, דערקלערט אין אַ דיאַלאָג מיט ירוחם זיין יידישע השקפה. ישראל איז לויט אים אַ קנעכט בנפש ובגוף. גאָט איז קעגן אונדז. די נביאים, דער רמב״ם, יהודה הלוי מיט זיין הכוזרי, זיי האָבן אַלע געבלאָנדזשעט. אין אַלטן ארץ ישראל האָבן מיר באַהערשט די שונאים, אין גלות נעמען די שונאים נקמה. „שנאת עולם לעם עולם" איז די שולד פון רעליגיע.

אין מיטלאַלטער האָט מען פאַרברענט אונדזערע ספרים. אַן עברה דאָס לערנען, ביכער לייענען. אַלץ איז אַ וויץ. ס׳קומען אָן שרעקלעכע צייטן. ס׳איז היינט די שליטה פון שטן, וואָס ער איז האַלבער מאַן — האַלבע פרוי; ער שלינגט איין בלומען און ברעכט זיי צוריק אויס. ס׳איז אַלץ פאַר אים אַ שפּיל

אָט דאָס איז דער פּעסימיזם, וואָס האָט באַהערשט בערדיטשעווסקין אין יענער צייט. דאָס איז געווען זיין וויזיע אין אָנבליק פון טויט.

אין בוך „מרים" איז אַריינגעוועבט תורה, אַגדה, קבלה און דעקאַדענטישע אידעען. ווען דאָס בוך איז געשריבן געוואָרן זיינען פאָרגעקומען פּאָגראָמען. שוין ניט מער צוואַנג צו שמד נאָר פּשוטע רציחה. אַ פּרעליוד צו היטלעריזם און חורבן.

**חיים פלאָטקין / ניו־יאָרק**

## צוויי לידער

### נאָכן שטורעם

ס׳האָט אַ בליץ צעבראָכן דעם קאָרק
פונעם בוים, דעם זקן,
ביים געשלענגלטן שיידוועג
אַרום דעם באַבוימטן באַרג.

פון די טויטע צווייגן
האָבן די ווינטישע פינגער
געשטאָכן די בלעטער
ווו נאָכן שטורעם,
פול מיט פּחד דער אַרום —
אַ בית־עולמדיק שווייגן
ווי געזונקען אין תהום...

אַ פויגל, ווי אַ פאַרבלאָנדזשעטער גאַסט,
פליט שנעל אַוועק פון די וואָלקן־בערגלעך
ווי הייסער בליי.
נאָענט, צום מאַכיקן פאַרם־שטיבל,
פּוסט, שטום —
סודותדיק פאַרפרעסט,
מיר פאָרן פאַרביי
און שטעלן זיך אָפּ, אויף עטלעכע מינוט,
ביים צעלעכערטן דעכל
איבער דער ברונע
וווּ דער ווילדער שטורעם
האָט געלאָזט אָפענע קברים —
אויף שריט
און טריט.

---

אין דער דערציילונג שפּיגלט זיך אָפּ דער קאָמפּליצירטער, נאָך־קאָנפאָרמיסטי־שער געדאַנקען־גאַנג פון בערדיטשעווסקיס פערזענלעכקייט.

מרים לעבט איר אָפּהענגיק פריי לעבן. זי וויל ניט זיין אַ צוציונג פון מענערישע ליידנשאַפטן. הגם דאָס וואָלט געדאַרפט זיין נאַטירלעך פאַר איר. זי אַנטלויפט פון שאַבלאָנעם לעבנס־שטייגער. פון אַלע אירע אַדאָראַטאָרן פאַרבינדט זי איר לעבן מיט דר. קאַטש, אַ געוועזענער קאַנטאָ־ניסט, אַן אָפּגעשמדטער וואָס האָט זיך צוריקגעקערט צום יידנטום. מרים וויל זיך אָפּגעבן מיט העלפן קראַנקע און אומגליק־לעכע מענטשן. זי איז דער סימבאָל פון דער נייער עמאַנציפּירטער פרוי.

* * * * *

אין די יידישע שאַפונגען האָט בערדי־טשעווסקי זיך אידענטיפיצירט מיטן פאָלק און זיך אַנטפּלעקט ווי אַ פאָלק־לאָריסטישער דיכטער. די פאָלקס־שפּראַך האָט ער געוואָלט פרעזערווירן פאַר דער געשיכטע. אין זיינע העברעישע שאַפונ־גען איז ער אַ דענקער מיט אַן אייגענער השקפה פון יידישקייט און נייעם ייד. זיינע אידעען האָבן באַווירקט דעם חלוצ־יזם און די שטרעבונג צו פאַרוואַנדלען דעם לופטמענטש, דעם מנחם־מענדל אין אַן אַרבעטס־מענטש. ער האָט פאַרטיי־דיקט די פּריאָריטעט פון פיזישן געזונט, וואָס דאַרף זיין דער יסוד פון אַ גייסטיקער אַנטוויקלונג פון צוקונפטיקן ייד. ער האָט זיך באַוויזגן צווישן שטעטל און דעם ליבעראַלן (אין יענער צייט) און קולטור־רעלן דייטשלאַנד, אין אַ צייט פון רעוואָ־לוציע, פּאָגראָמען און דער באַלפור־דע־קלאַראַציע; אויפן קרייץ־וועג פון גלויבן אין אַ פאַרנעפּלטער צוקונפט.

היינט, נאָכן חורבן און ישראל עצמאות לעבן מיר אַלץ נאָך אין אַן אומזיכערער וועלט און מיר ראַנגלען זיך פאַרן קיום פון מענטש און ייד. 66 יאָר נאָך בערדי־טשעווסקיס טויט שטייען מיר אויף נייע קרייצוועגן און זוכן נייעם באַשייד פאַר יענע בלאָנדזשענישן און וויזיעס.

# אין אַ ווינטער-טאָג

פון האַרבסטיקן ווינט די ווינטער־גרוסן
מיט פראָסטיקע מעסערס געקומען צו גיין:
נאָענט צום קוימען, אַ שטיק פון מיין דאַך
צעביסן
פון ווינטישן וואָלף ווי מיט שאַרפע צ־יין.

דער בוים ביי מיין הויז כמעט נאַקעט
אָן בלעטער,
אַ שיכור אין אַ ווילדן קאַראַהאַד!
איך פיל אויף מיין פּנים דעם נאָענטן
פלאַטער,
די שאַרפע קעלט וואָס שפּיזלט און בראָט!

דער ווינט צעפאָכעט די צווייגן, אַזאַ
גבורה אים באַשערט,
מיט אַ פייפנדיק וואָיען ווי אַראָפּ פון זינען!
דעם נאַקעטן בוים, הילפלאָז, פאַרצערט,
שאָטנס ווי מיט הענט אים אַרומגענומען.

נעכטן, די צווייגן, געווען גאָלדיק באַקליידט,
איצט הענגען זיי אַראָפּ ווי צעבראָכענע
הענט.
איך גאַף אויף די וואָלקנס, ווי בע־ג
באַשנייט,
אין אַ ווינטער־טאָג—פראָסטיק צעברענט!

די זון געזעגנט זיך מיטן קאַלטן טאָג.
אַ קאַלעמוטנע גרויקייט פאַרהילט די שויבן.
עס אַרט ניט דעם ווינט וואָס מיין בוים
האָט פאַר־מאָגט ---
ער ווירבלט דאָס גאָלד, ווי ער ווירבלט
די שטויבן...

אַבאָנירט און שטיצט דעם
חשבון
די איינציקע יידישע צייטשריפט אין די מערב־שטאַטן פון אַמעריקע.
אַבאָנימענט: $5.00 אַ יאָר

## רבקה קאָפּע / פּאַריז

# צו מיין פעדער

בוי מיר אַ דאַמבע,
איינצוזאַמלען
די ברויזנדיקע
פרייד
פון מענטשנליבע!

איך בין ברוגז
אויף דעם רויטן פלוס
פון מיינע געוועבן,
וואָס קאָן ניט טיילן
אַ ביסל לעבן —
פאַר זיך!

האַסטיקט דערפאַר
מיין האַרץ;
ווייל כ'טייל עס —
דורך מעגלעכע וועגן
פון מיין זיין...

מיט פיל בוקעטן
בריוו,
וואַקסט מיין אַרכיוו,
וואָס וויל ניט
שיידן זיך מיט מיר!...

מיר זענען נאָך ניט
גרייט —
אויפן גן־עדן בייט!...

*
**

פּאָעזיע,
איז מיין בליץ־אַפּלייטער;
ווען ס'טורעמט זיך איבער מיר
אַ מענטש — אַ צווייטער —
און מיך באַשיצט —
איז דאָס דער בליץ!...

## הינדע זאַרעצקי / ניו־יאָרק

# דריי הערצער — איין ניגון

געווידמעט אליעזר וויזעל
צום באַקומען דעם נאָבעל־פּרייז

## אין חלום

### I

נעסיס זון *)
האָט אין חלום צו מיר גערעדט:
„ניט וויין! ניט וויין!
גיב דיין האַנט און קום
לאָמיר גיין אויף די וועגן פון אַלע גלותן
וו דיין פאָלק האָט געוואָגלט.

אויפקלייבן זאַמדן וואָס זיי האָבן באַטראָטן
אויף זייערע וואַנדער־וועגן יאָרן און טעג;
מיט טרערן פון זעקס מיליאָן קדושים
אויסקנעטן ציגל
אויסברענען אויף דער אייביקער זון
אויפשטעלן אַ מוזעאום פאַר דער וועלט."

### II

„דער זון **) פון דיין פאָלק
מיטן גאָלדענעם שליסל אין זיין האַנט,
אויפפּראַלן וועט די טיר פון טעמפּל:
שטראָמען וועלן מענטשן
מארבע פינות העולם
צום לאַנג־געגאַרטן טעמפּל.

לערנען וועט די וועלט
וועגן העלדנמוט
פון יידישע גיבורים,
וואָס האָבן געשטורעמט
שטאַנגען פון ערד־קיילעך!
ניט וויין!
ניט וויין!
זינג!
אין ליכטיקן גייסט פון די קדושים:
אני מאמין אני מאמין באמונה שלימה."

*) נענסי: מוטער פון אייבראַהעם לינקאָלן.
**) דער זון: אליעזר וויזעל.

עקיבא פישבין / פּאַריז

# בעַן אין קאַרנאַוואַלע־מוזעאום אין פּאַריז

צום ווערן אַ בן־שמונים

דער פּ׳רעסטיזשפולער פּאַריזער מוזעאום — קאַרנאַוואַלע, האָט ברייט צעעפנט זיינע רחבותדיקע זאַלן, איינגעטונקטע אין אַלט־אַריסטאָקראַטישן גלאַנץ, און אויפגענומען די יצירה פון גרויסן יידישן מאַלער — בען. די חדשים לאַנג־דויערנדיקע אויסשטעלונג אין דעם אַלטן היסטאָרישן שלאָס פון 16טן י"ה, איז אַ זשעסט פון ביז גאָר אַ גרויסער באַדייטונג. דאָס וויל פּאַריז, די וועלטס־מעטראָפּאָליע פון קולטור, זיך פאַרנייגן פאַרן טאַלאַנט פונעם ביאַליסטאָקער ייד צו זיין ווערן אַ בן־שמונים. אַזוי טוט באַערן פראַנקרייכס הויפּט־שטאָט אַ יידישן קינסטלער, וואָס איז געקומען אַהער מיט אַריבער 50 יאָר צוריק נאַשן פון אירע קולטור־אוצרות, אויפגעשטעלט דאָ זיינע געצעלטן, דאָ באַרייכערט זיין קונסט; געוואַקסן און אויסגעוואַקסן דאָ צו אַ שם אין דער מאַלעריי.

אגב, נישט צום ערשטן מאָל גיט פּאַריז אָפּ כבוד אונדזער קינסטלער. ער איז שוין דאָ פיל מאָל געוואָרן אויסגעצייכנט און באַערט. מיט יאָרן צוריק, בעת ער איז באַערט געוואָרן מיט אַ היכער אויסצייכענונג, האָט, בכבודו ובעצמו, דער פּאַריזער בירגערמייסטער אַליין פייערלעך צו אים געזאָגט אַזוי: „פּאַריז האָט אַביסל צושטייער געגעבן צו אייער רום, איר אָבער, איר האָט פאַרן רום פון פּאַריז געטאָן זייער אַ סך!"

די הונדערט עטלעכע פערציק אויסגעשטעלטע יצירות — אייל, אַקוואַרעל און צייכענונגען, געשאַפן אין פאַרשידענע פעריאָדן און געבראַכטע פון מוזעאומס, גאַלעריעס און פריוואַטע קאָלעקציעס — זענען איינגעזאַמלט אונטערן נאָמען: — „פייזאַזשן און פּנימער פון פּאַריז." צוויי אַספּעקטן וויקלט פאַנאַנדער די אויסשטעלונג. ראשית — אַ רייכע פּאַנאָראַמע פון פּאַריזער ווינקלען — דער עיקר, די גרינע נאַטור געזען מיט אויגן פון אַן איבספּירירטן פּאָעט. והשנית — אַ גאַלעריע וווּנדערלעכע פּאָרטרעטן פון גייסטיקע פערזענלעכקייטן, דאָס רוחניות פון פּאַריז — שרייבער, קינסטלער, טעאַטער־מענטשן, וויסנשאַפטלער, רעליגיעזע אויטאָריטעטן, פּאָליטיקער א. א. בען איז אַ פּאָרטרעטיסט בחסד עליון. אַן עדות, צווישן פיל אַנדערע, די בליציקע צייכענונג געמאַכט פון מאָלער אוטרילאָ, דער פּיקאַנטער פּאָרטרעט פונעם גרויסן געלערנטן זשאַן ראָסטאַן. יעדער פּאָרטרעט איז אַ פּערל.

די אויסשטעלונג, וואָס איז בענס הימן פאַר דער שטאָט פּאַריז, זיין צווייטע לאַנגיעריקע היים, וואָס ער האָט ליב ווי אַ מאַמע, איז גלייכצייטיק אויך אַן עכאָ פון זיין אני מאמין. טשיקאַווע, די טומלדיקע גאַס פון דער היינט מאָדערנער גרויסער שטאָט רעדט נישט צום האַרץ פון קינסטלער. עפּעס פילט ער זיך דאָרט אומהיימ־

## מיטנאַכט

מיטנאַכט שטייט איינער
ביים שטענדער —
געהילט אין מחשבות
אַלע מחשבות קייטלען —
לעגענדע;
קייטלט ער וואָס געווען
קייטלט וואָס געזען —
אייביק זיין געזאַנג.

⁂

נאַקעטע ביימער אין האַרבסט
ווי מנורות נאָך יום־טוב טעג:
אויסגעברענטע פייערן —
הענט אין געבעט
שטייען צוויגן
צום הימל,
צו גאָט.



בען: עקידת יצחק

לעך. עפּעס נעמט אים נישט צו מאָלן דעם ווייסן הוי־האָ, דעם צעיאַכמערטן געיעג פון דער היינט־צייטיקער גאַס, ווו ס'איז קיין מידת הרחמים נישטאָ, ווו דער מענטש דאַרט ווערט בטל ומבוטל. נעמט ער און ציט אַוועק צו די שטילע ווינקלעך, די גרינע. דאָרט קען ער רואיק וועבן זיין טרוים. אויפן שויס פון דער נאַטור איז דער מענטש, ווער שמועסט אַ קינסטלער, נענטער צו גאָט.

בען, דאַרף מען וויסן, איז בטבע אַ טרוימער, אַ פּאָעט, אַ מענטש מיט אַ רעליגיעזער נשמה; דאָס דריקט זיך אויס אינעם קרעאַטיוון פּראָצעס זיינעם. „מאָלן איז פּאַר בענען אַ תּפילה" — שרייבט אַ פראַנצויזישע קונסט־קריטיקערין. אַוודאי נישט אַלע מאָל זאָגט בען די זעלבע תּפילה. אָט למשל — ווען ס'איז געקומען אויפן ייִד די שעה פון סכנה, ווען אויף צו ראַטעווען דאָס לעבן האָט זיך בען פאַרשטעקט אין אַ מויזן־לאָך אַריין, איז ער דאָרט געפאַלן צו דער ערד און אויף זיין שטייגער געזונגען זאָגן תהילים. ער האָט מיט אַ פּראָסט שטיקל קויל, אויף פּשוט פּאַפּיר, אויסגעיאָמערט זיין ממע־קים! אויב מען וויל, איז בען אַ מיסטי־קער! נעמט און באַקענט אייך מיט זיין תהילים, מיט זיין שיר השירים און מיט די אַנדערע בילדער אויף דער טעמע פון תנ"ך. די דאָזיקע יצירות זענען ווערט איינגעזאַמלט צו ווערן אונטער אַ באַזונ־דערן מוזעאַלן דאַך און דווקא אין ישראל. מאָלן איז פּאַר בענען באמת אַן עבודת הקודש. ער וואַשט די הענט — זאָגט ער — פּאַרן נעמען דעם פּענדזל אין דער האַנט אַריין.

אויב איז בען היינט ב ע ן, האָט פּאַריז אין דערין אַ גרויסן חלק. בען איז אָבער קיין פּאַריז נישט געקומען מיט די ליידיקע הענט. קונסט מבינים זאָגן, בפה אחת, אַז די גייסטיקייט וואָס שימערירט אין בענס בילדער וואָרצלט טיף אין דער סביבה פון זיין אַלטער יידישער היים. אין תּוך, ביינאַנד מיט זיין וווּנדערלעכן טאַ־לאַנט האָט בען פון זיין יידישן ביאַליס־טאָק, דער עיר ואם בישראל, קיין פּאַריז מיטגעבראַכט אַ באַגאַזש עיקרדיקע ווערטן יידישע; — דעם יידישן באַנעם, די ליבע צום מענטשלעכן שטאַם, דעם יידישן בטחון, אָט דאָס יידישע נאמנות, אַז דער מענטש דאַרף טראָגן גאָט אין האַרץ, ער זאָל אַ חיה רעה נישט ווערן.

ווען בען איז אין 1930 געקומען קיין פּאַריז האָט ער דורשטיק געשלונגען די ווערק פון אַלע גרויסע מייסטערס, וואָס פּאַריז האָט במשך דורות איינגעשייערט אין אירע מויערן. ער האָט פון זיי אַ סך געלערנט. ער האָט זיך אויך צוגעקוקט צו די נייע דרכים אין דער קונסט, וואָס האָט בשעתו געפּאַנעוועט אין פּאַריז. פון זיי האָט ער זיך אָפּגעקערט. אים האָבן זיי נישט באַפרידיקט. עפּעס האָט ער נישט געפונען דאָרט דעם פונק פון גאָט. „נישטאָ קיין קונסט אָן גאָט!" — איז בען זיכער און איבערגעצייגט. גאַנץ מעגלעך אַז דאָס וואָרצלען אין דער טיף פון יידי־שער טראַדיציע האָט בענען אַוועקגעפירט צו אַ קינסטלערישן באַנעם, וואָס איז דורכויס טראַדיציאָנעלער המשך. בען גייט אַן אַליניקן וועג און היט זיך אויס פון דורכגייענדיקע צוג־ווינטן. ער שאַפט אַ מאָלעריי וואָס איז אָנגעשפּאַרט אויף סאָ־לידע יסודות פון פּלאַסטישע ווערטן. זיינס אַ בילד איז משדך פאָרם מיט גייסט, פאַרב מיט שטימונג און וואָריקער עמאָ־ציע. וואַלדעמאַר זשאָרזש, דער וואַכער קונסט־קריטיקער, האָט אַמאָל וועגן בענ־ען געזאָגט: „דער אופן, ווי אַזוי דער פּרעסטיזשפולער מאלער בען שטעלט אַוועק די פיגור אינעם רוים פון בילד, דערלאַנגט אים אַן אויסנאַמיקן פּלאַץ אין דער קונסט פון אונדזער צייט."

בען איז אין זיין מאָלעריי אַ רעאַליסט; ווייט אָבער פון נאַטוראַליסטישן שטייגער. ער קוקט אויף דער וועלט „מיט די אויגן פון האַרץ", ווי ס'זאָגט סענט־עקזיפּערי, דער פראַנצויזישער שרייבער. אָט שטייט ער, בען, פאַרן בריאת העולם מיט הת־פעלות און אים גייט בנפשו דאָרט מגלה צו זיין דעם פאַרבאָרגענעם אמת; אים איז וויכטיק די נשמה פון באַשאַף. אַזוי איז זיין דרך ביים מאָלן אַ פּייזאַזש און אַזוי אויך ביים מאָלן אַ פּאָרטרעט. פּאַראַן ביי בענען אַ מין שאַרפקייט פון אויג,

וואָס רעאַגירט מיטן כּוח פון אַ בליץ. ווערן ביי אים געבוירן בילדער מיט אַ ספּאָנטאַנער קראַפט; זיי אַנטפּלעקן די וואָריִיקייט פון ערשטן געפיל — דעם ערשטן נשמה־ציטער.

בענס אַ פּייזאַזש איז אַ ספּעקטאַקל. זיינע פאָרמען און קאָלירן, איינגעטונקען אין אַ צאַפּלדיקער ליכט, וועבן אויס אַ דעליקאַטע האַרמאָנישע שפּיל. די פאַרבן זיינע פלאַקערן בישט אש להבה, זיי וואַרעמען בלויז. זיי זענען סובטעל, זאַפטיק, ניואַנסירט ביז גאָר דעליקאַט. די יצירות זענען איינגעהילט אין אַ פּאָעטישן צווייבער. עפּעס הענגט איבער זיי אַ זיידיקער שלייער פון טרוים. „בען איז אַ רעאַליסט צו אילוסטרירן זיין חלום" — זאָגט וועגן אים אַ בעלגישער קונסט פּוסק. כאַפּט אויף טשיקאַוועס אַ בליק אויפן צעזונגענעם ווינקל אין לוקסעמבורגער גאָרטן, אויף דעם ביימער פאַרפלעכט אינעם באַגאַטעל־פּאַרק, אָדער אויפן בין־השמשות איבערן סען טייך — איר וועט דאָרט הערן דעם שטומען פליסטער פון אַ סובטעלן פּאָעט, וואָס עפנט פאַר אייך זיין נשמה פון אַ בעל־מאמין!

פאַראַן אַ ניגון אין די בילדער פון בען; איר דאַרפט נאָר צוגיין אַן אויער. איר דאַרפט נאָר פרווון זיך פאַרטיפן אין איינעם פון זיינע טרוימעריש־פאַרטראַכטע פּייזאַזשן און ס'וועט אויף אייך אַ פליי טאָן יענער היימישער ניגון, דער באַגנדיק פאַרבענקטער, פון שבתדיקן שלוש־סעודות, אַ ניגון ווו ס'צאַפּלט די נשמה — זי קען דעם דויער פון שבת ניט אויפהאַלטן...

ס'האָט אַמאָל אַ פראַנצויזישער קונסט־למדן, אַ פּוסק אויפן שטח פון עסטעטיק, געלערנט מיט קינסטלער אַזוי: „זאָל די נאַטור פאַר אייך זיין אַ געלעגנהייט צו פילן, צו טרוימען, נאָכצוטראַכטן און מחדש צו זיין. די מיטלען זאָלט איר שטודירן ביי די מייסטערס, דעם אמת ביי דער נאַטור. דאָס איינגעבוירענע בילד פון שיינקייט, דעם רוח הקודש — דאָס וועט איר מוזן זוכן ביי זיך אַליין." (ע. פראָמאַנטען, 1820-1876).

די דאָזיקע ווערטער, ווי בען וואָלט זיי געשריבן מיט זיין אייגענער האַנט, קלינגען ווי דער אני־מאמין זיינער. איר הערט דאָס אין יעדער אויסגעשטעלטער יצירה זיינער.

ווילן מיר ווינטשן דעם גרויסן יידישן קינסטלער — ב ע ן, אַז דער רוח הקודש וואָס האָט אים געפירט ביז אַהער, זאָל אים אַזוי ווייטער באַגלייטן צו גרויסע קינסטלערישע דערגרייכונגען — עד מאה ועשרים!

מכוח אַלע געשעפטלעכע און פינאַנציעלע ענינים
בעטן מיר אַלעמען זיך צו ווענדן צו אונדזער פינאַנץ סעקרעטאַר:

G. FRYDMAN

"HESHBON" — G. FRYDMAN, *Fin. Secretary*

337½ No. Hayworth Ave. • Los Angeles, Calif. 90048

פאַרוואַלטונג „חשבון"

Phone: 655-1292

אריה פאַזי

# די אונטערערדישע שול*)

דער רב האָט די ספר־תורה פון אָרון־קודש אַרויסגענומען
און פלוצים האָט דערטראָגן זיך אַן אָפּהילך פון טעמפּע קלעפּ: —
ווי שווערע טריט פון אַ מחנה מושטירטע מענטשן, אָפּגעקלאַפּט אָן די שטיינער וועגן,
האָט געפּירט דורך גראַטאַס און לאַבירינטן — קומען צו דער אונטערערדישער שול.
און באַלד דערטראָגן האָט זיך אויך דער ווידערקול פון רציחה־קולות,
קולות פון אַ מחנה מענטשן, רוגזה קולות, ווי די כוואַליעס פונעם שטורעם־ים.
און משונהדיק האָבן אָפּגעהילכט די קולות אין דעם אויסגראָב־הייל פון אונטערערד,
אָפּגעקלונגען מיט פאַרשטיקטע עכאָס איבער דער ברייט און לענג פון שול,
אָפּגעקלאַפּט זיך אָן די ווענט, ווידערקולט זיך אין דער הויכקייט פון סופיט,
אין דער לופט געבליבן הענגען, אָנגעפילט מיט פחד דעם אַרום.

אַ גרויל איז אַריבער איבער די לייבער פון דער הייליקער עדה,
איינגעהאַלטן זייער אָטעם און פאַרגליווערט
איז יעדער איינער אויף זיין אָרט געבליבן שטיין,
און די פרויען — שטיל, ציטערנדיק, מיט פאַרכאַפּטע אָטעמס,
גענומען זוכן האָבן זיי:
האָט געזוכט איר מאַן דאָס ווייב
און איר פאָטער געזוכט האָט דאָס מיידל,
געזוכט פאַרטיידיקונג האָט די שוואַכע פרוי,
צו די אָרעמס פון די מענער זיך געהאַפּטן,
אַזוי ווי שומר ומציל זיין וואָלטן זייערע מענער זיי געקאָנט,
אַזוי ווי באַשיצונג וואָלט בכלל געקאָנט זיין
קעגן דער אינקוויזיציע,
קעגן בלינדן פאַנאַטיזם און דער בלוטדורשטיקסטער פון אַלע חיות —
קעגן דעם גרויליקן און עז־עקלעכן אינקוויזיטאָר טאָרקוועמאַדאַ.

און פון די טריט דער אָפּהילך, צוערשט געהערט פון ווייט,
און די יובל־קולות, פול מיט רציחה, פון אַ ווילד־צערייצטן המון
האָבן אָפּגעקלונגען אַלץ שמאַרקער אין דעם טונקעלן חלל פון דער שול,
אָנגעפילט די שול מיט שרעק און מיט פחד אָנגעפילט דאָס האַרץ.

זיך צוגעדריקט איינעם צום אַנדערן האָט די עדה יידן דאַן,
ווי עס דריקן זיך שאָף צו שאָף, ווען זיי באַפאַלט אַ וואָלף.

---

*) צום ערשטן יאָרצייט פון **אריה פאַזי** דרוקן מיר די פּאָעמע, וואָס איז געבליבן אין זיין ליטעראַרישע ירושה. (רעד.)

און ווי פֿאַרהוילן זיך וואָלטן זיי געוואָלט דורך פֿינצטער,
האָט אויסגעלאָשן יעדער איינער דאָס ליכט וואָס ביי אים אין האַנט,
און פֿאַרטונקלט אין טיפֿע שאָטנס, האָט זיך דער פּחד נאָך פֿאַרשטאַרקט.

אָבער ניט אויסגעלאָשן האָט זיך דאָס ליכט פֿון איינעם —
פֿון דער קהילה דעם אַלטן (רב, רבי יצחק עפּיראַנאָ;
אויך ניט דערשראָקן איז געוואָרן דאָס האַרץ פֿון איינעם —
פֿון דעם גרייז־גרויען רב, רבי יצחק עפּיראַנאָ.

אין דער רעכטער האַנט די תּורה, אין דער לינקער האַנט דאָס ליכט,
געשטאַנען איז דער רב אָן מורא, מיט זיינע אויגן אין דער הויך געווענדט;
געשעפּטשעט עפּעס האָבן זיינע ליפּן, אָבער קיין קול האָט זיך ניט געהערט,
און ניט געוווּסט האָט קיינער, און זיך געוווּנדערט האָבן אַלע,
צי עס בעט דער רב ביים הימל רחמים, צי דורך תּפילה זוכט ער תּיקון דאָרט,
צי ער שיקט אַ לויבגעזאַנג צום אויבן, צו דעם וואָס אייביק לעבט,
צו דעם וואָס אַלץ זעט און טוט, און וויקלט אַלץ אין סודות איין,
וואָס איבער אַלץ און אַלעס איז זיין רצון, און פֿאַרהוילן איז ער פֿון אונדז,
וואָס פֿאַרהוילן איז זיין רצון, און פֿאַרהוילן זייַנען זיינע וועגן,
וואָס פֿון זיין הייליקן כּבוד וועגן האָט זיך די עדה דאָ פֿאַרקליבן,
געשטעלט דאָס לעבן אין סכּנה, אויף קידוש השם אַהער געקומען,
צו הייליקן זיין גרויסן נאָמען, צו פֿרייען זיך מיט זיין הייליקער מתּנה,
צו פֿרייען זיך מיט דער תּורה אום דעם יום־טובֿ פֿון שׂמחת תּורה.

און פֿון דעם רב דאָס הדרת־פּנים איז הייליק אין זיין אויסזען געווען,
און ביי דער טונקעלער באַלייכטונג פֿון דעם איינציקן ליכט אין שול,
האָט געלויכטן העל זיין פּנים, געלויכטן העל זיין גרייזע באָרד,
און פֿון זיין קאָפּ די גרויע האָר, פֿון אונטער דעם שוואַרצן הוט אַרויסגעשאָטן,
געדיכט צעלייגט זיך איבער זיין שוואַרצן מאַנטל
און מיט אַ ליכטיקייט געשיינט.

און וווּנדערלעך זייַנען געווען זיינע אויגן,
וואָס האָבן צום אַרויף געקוקט,
ניט געשפּיגלט האָט זיך אין זיי די שרעק פֿון דער עדה יידן,
ווי פֿאַרהוילן וואָלט פֿון זיין געווען דער פּחד פֿון אַרום —
פֿון זיי געלויכטן האָט אמונה, מסירת נפֿש פֿון זיי געבלאַנקט,
געשאָטן שטראַלן פֿון אַ גרויסער שׂמחה, מיט שׂמחה צום אַרויף געקוקט.

און פֿאַרזען האָבן אַלע אין רבס האַנט דאָס ליכט,
און דערזען האָבן אַלע פֿון זיין פּנים די וווּנדער שיין,
און פֿאַרשטאַנען האָבן אַלע, אַז ניט פֿון ערדיש ליכט זייַנען דאָס די שטראַלן,

נייערט דאָס זייבען שטראַלן, וואָס נידערן צו מענטש פון הימל,
צו באַלייכטן מענטשנס פנים דורך דעם אינגעווייד פון האַרץ,
דורך געפילן פון מסירת נפש און פון נשמה דער דערהויבונג.

און פאַרשטאַנען האָבן אַלע, אַז אין דער הויך אַ חיזיון אַנטפּלעקט זיך צום רבֿ,
עס קומט צו אים פון דאָרט אַנטפּלעקונג, וואָס פאַרהוילן איז פון זיי —
האָט אויך די גאַנצע עדה זייערע אויגן געווענדט צו דער הויך,
געזוכט דאָס ליכט פון הימל, וואָס ניט פאַרהוילן האָט זיך פונעם רבֿ.

און ווי פריער געצויגן האָבן זיך די פרויען צו מענער,
געצויגן האָט זיך איצט צום רבֿ די גאַנצע עדה,
געצויגן זיך צו אים, זיך צו שיצן אין זיין שאָטן,
געצויגן זיך צו זיין אויפלויכט פון זיינע הימלשטראַלן,
געצויגן זיך צו זיין הייליקער אמונה,
זיך געצויגן נאָך באַהעפטונג, מיט וואָס באַהעפט איז ער.

און פון דרויסן די ווילד־המון קולות
האָבן זיך צו דער טיר דערנאָענט,
און באַלד אַ קלאַפּ אין דער טיר האָט דערהערט זיך
און אַן אויסגעשריי פון דרויסן:
„ע פ נ ט !"

אַלעמענס אויגן האָבן זיך צו דער טיר געווענדט,
אַלעמענס פאַרכאַפּטע אָטעמס האָבן זיך נאָך מער פאַרכאַפּט. —
„עפנט, איר קרייציקערס פון קריסטוס !..."
„עפנט, איר פון דער הייליקער קירך די פעלשערס !..."

אַ מוראדיקע שטילקייט... פאַרגליווערט איז געשטאַנען די עדה...
געשטילט האָבן זיך אויך די קולות פון דרויסן,
מחמת דאָרט, אויך דאָרט האָט מען צוהערן זיך אָנגעהויבן,
געוואָלט פאַרנעמען וואָס עס טוט זיך אין דער שול.

„ברעכט אויף די טיר !..."
פון דרויסן דערהערט זיך האָט באַפעל.
„דאָס קול פון טאָרקוועמאַדאָ..." —
מיט שרעק און ציטערניש
האָט פון דער עדה יידן אויסגעשעפּטשעט איינער.

„טאָרקוועמאַדאָס קול !..."
פאַרציטערט איז די ציטערדיקע עדה נאָך מער געוואָרן.

טאַרקוועמאַדאַ! — ער אַליין איז דאַ!...
דער גרויליקער, דער שרעקלעכער, דער בלוטדורשטיקער, פאַנאַטישער טאַרקוועמאַדאַ!...
קיין רעטונג, קיין האָפענונג אויף אַ ישועה
איז זיכער שוין מער ניט פאַראַן...
און ווי פאַרגליווערט איז געווען די עדה,
נאָך מער פאַרגליווערט איז זי איצט געוואָרן.

„מיר זיינען פאַרלוירן!...״ —
פאַרצווייפלט האָט אויסגעשעפּטשעט איינער.
אין חלשות איז אַ פרוי געפאַלן, —
אַרומגעקוקט האָט זיך קיינער...
„דורך דער זייטיקער גראָטע לאָמיר זוכן רעטונג!...״
האָט איינער פאָרגעשלאָגן.
„צו שפּעט!... מיר זיינען אַרומגערינגלט פון אַלע זייטן!...״
אַ צווייטער האָט געענטפערט.
און נאָך אַ פרוי געזונקען איז צו דער ערד —
צו אָנגעשטרענגט איז פאַר איר געווען די שרעק, —
געבליבן ליגן אין חלשות —
זי צו מינטערן האָט קיינער ניט געטראַכט.

פאַרציטערט איז די לופט געוואָרן
פון שטאַרקן האַמערן אין דער טיר, —
טאַרקוועמאַדאָס המון, ווילד, צעיושעט,
מיט טאַרקוועמאַדאָן אין דער שפּיץ,
האָט דערשפּירט פון בלוט דעם ריח,
האָט געריסן זיך אין שול.

און דאָס האַמערן אין דער טיר
אויפגעוועקט פון זיין פאַרגליווערטקייט האָט דעם אַלטן רב;
פון דער הויך אַראָפּגעלאָזט האָט ער די אויגן
און די קהילה־יידן האָט ער באַטראַכט.

און די עדה יידן, דערפילנדיק פונעם רב דעם בליק,
האָט זיך צו אים נאָך מער געצויגן,
זייערע הענט צו אים געשטרעקט,
זיך צו אים געווענדט מיט שטומע בליקן,
אויף אַ נס דורך אים געהאָפט,
אויף אַ ישועה דורך אים געוואַרט.

▼

# זייט איר שוין אַ מיטגליד אין
# אַרבעטער רינג?

דאָס איז די עלטסטע יידישע פּראַטערנאַלע און סאָציאַל-פּראָגרעסיווע אָרגאַניזאַציע אין אַמעריקע.

דער אַרבעטער רינג גיט זיינע מיטגלידער אַ מעגלעכקייט צו זיין אַקטיוו אויפן געביט פון אָנהאַלטן און אַנטוויקלען די נאַציאַנאַל-קולטורעלע אוצרות פון אונדזער פאָלק צו אָרגאַניזירן אין די ראַמען פון די ברענטשעס פראַטערנאַליזם און קעגנזייטיקע הילף.

פאַר גענויערער אינפאָרמאַציעס שרייבט צו:

## THE WORKMEN'S CIRCLE

1525 South Robertson Blvd. ⊙ Los Angeles, Calif. 90035

אָדער טעלעפאָנירט: (213) 552-2007

שאול גוטמאַן / ניו־יאָרק

# ד״ר. עזריאל נאַקס — דער עטישער הומאַניסט

עס איז מיר שווער שלום צו מאַכן מיטן געדאַנק אַז עזריאל נאַקס איז אַוועק אין דער אייביקייט. פאַר מיר איז ער געווען, אין משך פון אַ סך יאָרן אַן אידעישער חבר און אַ נאָענטער פריינד, זייט איך האָב זיך מיט אים באַקענט אין די צוואַנציקער יאָרן, ווען מיר ביידע זיינען געווען סטודענטן אין ניו־יאָרקער סיטי־קאָלעדזש; באַלד זיינען מיר געוואָרן טעטיק אין דער יידישער סטודענטן־אָרגאַניזאַציע, וואָס האָט זיך דעמאָלט נאָר וואָס געהאַט געגרינדעט.

נאַקס איז געקומען פון ווייס־רוסלאַנד קיין אַמעריקע אין עלטער פון 7 יאָר. ער האָט גראַדואירט פון סיטי־קאָלעדזש, און אין 1936 האָט ער באַקומען זיין דאָקטאָראַט אין פילאָסאָפיע פון קאָלומביע־אוניווערסיטעט. נאָך בעת ער האָט געלערנט אין דער הויכשול, פון 1927 ביז 1936, איז ער גלייכצייטיק געווען אַ לערער אין די שלום־עליכם פאָלקשולן און מיטלשול. אין די זומערס איז ער געווען אַן אויפפאַסער אויף די קינדער אין קעמפ בויבעריק, מיט וועלכן לייבוש לעהרער האָט אָנגעפירט.

געווען דעמאָלט זייער שווער פאַר יידישע אַקאַדעמיקערס צו קריגן אַ שטעלע אין אַמעריקאַנער קאָלעדזשעס, ספּעציעל אין הומאַניסטיק; איז נאַקס געוואָרן דער אָנפירער און בויער פון דער אַרבעטער־רינג יוגנט־אָפּטיילונג, און דער רעדאַקטאָר פון איר אָרגאַן: „וואָרקמענס סוירקל קאָל". ערשט אין דער צייט פון דער צווייטער וועלט־מלחמה, האָט ער באַקומען אַ שטעלע ווי אַ פּראָפעסאָר פון פילאָסאָפיע (1947 ביז 1951), אין אָהייאָ־אוניווערסיטעט; פון 1951 — ביז ער איז געוואָרן פּענסיאָנירט איז ער געווען פּראָפעסאָר פון סילאָסאָפיע אין ניו־יאָרקער אוניווערסיטעט.

איך געדענק נאָך קלאָר — עס איז מסתמא פאָרגעקומען אין 1925 — נאַקסעס רעדע אין אַ זאַל פון סיטי־קאָלעדזש, ווו די יידישע סטודענטן אָרגאַניזאַציע האָט אַראַנזשירט אַ פאַרזאַמלונג מיטן פּאָפּולערן סאָציאַליסטישן פּראָפעסאָר סקאָט נירינג. נאַקס איז געווען דער פאָרזיצער, און ביים פאָרשטעלן דעם פּראָפעסאָר נירינג האָט מען געקענט זען אַז ער פילט זי פריי און זיכער אויף דער בינע, און האָט הנאה צו רעדן פאַר אַן עולם.

די נאָענטסטע יאָרן האָט ער זיך אַנטוויקלט, און איז געוואָרן איינער פון די עלאָקווענטסטע און פּאָפּולערסטע לעקטאָרן אין דער אַמעריקאַנער יידישער גאַס — אין יידיש און אין ענגליש. ער איז פאַרבעטן געוואָרן צו האַלטן רעפעראַטן כמעט אין אַלע יידישע יישובים: ער האָט באַזוכט און געהאַלטן רעפעראַטן אין דרום־אַמעריקע, אויסטראַליע, דרום־אַפריקע, און פאַרשטייט זיך, די גרעסערע יידישע געמיינדעס אין די פאַראייניקטע שטאַטן און קאַנאַדע. ער איז אויפגעטראָטן אין טעמפּלען, אין קאָנסערוואַטיווע סינאַגאָגעס, אין די יידישע צענטערס, און אין די קאָלעדזשעס. ער האָט אויך נישט פאַרפעלט צו האַלטן לעקציעס אין יידיש־יידישע אָרגאַניזאַציעס פאַר וועלטלעכע יידן.

אין די פופציקער און זעכציקער יאָרן, בעת איך בין געווען דער דירעקטאָר פון שלום־עליכם פאָלק־אינסטיטוט, פלעג איך אים פאַרבעטן זיך צו באַטייליקן אין די קאָנפערענצן און באַנקעטן פון אינסטיטוט; ער האָט נישט געבעטן קיין שום האָנאָראַר. צו דעם אַלעם איז ער געווען טעטיק אין יידישן קולטור־קאָנגרעס, און פאַר אַ ריי יאָרן ווי דער פאָרזיצער פון דער אָרגאַניזאַציע. די הויפּט־טעמעס פון נאַקסעס רעפעראַטן און עסייען זיינען געווען: דער יידישער עטאָס, דער גייסט, די ספּעציפישקייט פון דער יידישער ציוויליזאַציע, די יידישע ליטעראַטור, דער יידישער גורל, דער מהות פון דער יידישער אמונה און איר אַנדערשקייט פון קריסטנטום — אַלע אויסשטראַלונגען פון

יידישן פאָלקס־זשעני האָבן אים באַשעפטיקט.

אויף די אַלע אויסגערעכנטע און אַנדערע טעמעס האָט ער געשריבן עסייען אין ענגלישע און יידישע זשורנאַלן; די בעסטע האָט ער פאַרעפנטלעכט אין „מענאָראַ זשורנאַל", „דזשודאַיזם", „קאָמענטאַרי", „פאָינט אָוו וויו" (פון יידישן אַרבעטער קאָמיטעט), וואָס ער פלעגט רעדאַגירן; און די יידיש עסייען אין „צוקונפט". אַחוץ די דאָזיקע עסייען האָט נאַקס געדרוקט פילאָסאָפישע אָפהאַנדלונגען אין ענגלישע אַקאַדעמישע זשורנאַלן. ער איז אויך געווען אַסאָציאיר־רעדאַקטאָר פון דער 4־בענדיקער ענציקלאָפעדיע אויף ענגליש: „דאָס יידישע פאָלק — אין עבר און הווה." ער איז געווען אַן אינטימער בן־בית אין צוויי קולטורן, און אַ שפראַך־עושר אין זייערע ביידע לשונות — אין יידיש און ענגליש — אַ באַגאַבונג וואָס איז נאָך אַלץ אַ זעלטנהייט אין אַמעריקע..

אין די 60קער יאָרן, נאָכדעם ווי נאָרמאַן פאָדהאָרעץ איז געוואָרן דער רעדאַקטאָר פון „קאָמענטאַרי", האָט זיך דאָס פנים פון זשורנאַל געביטן: די יידישע טעמאַטיק איז רעדוצירט געוואָרן, און די צייטשריפט האָט זיך אַלץ מער אָפגעגעבן מיט אַלגעמיין־אַמעריקאַנישע און געאָפאָליטישע ענינים. דערצו האָבן די 60־קער יאָרן אַרויסגערוקט צו דער פירערשאַפט אין אַמעריקאַנער יידישן לעבן דעם דריטן דור. אויך דער גייסטיקער קלימאַט אין אַמעריקע האָט זיך געענדערט. ס'איז אויפגעקומען די ציווילע־רעכט באַוועגונג, און דער „נייער לינקס" וואָס האָט פאַרכאַפט אַ באַדייטנדיקן סעקטאָר פון דער יידישער סטודענטנשאַפט. די סינאַגאָגע־יידן האָבן שוין איצט דאָמינירט די אַמעריקאַנער יידישע סצענע, און דער יידיש־וועלטלעכער סעגמענט און זיינע אינסטיטוציעס — די יידיש־וועלטלעכע שולן, די יידישע פרעסע און דער יידישער טעאַטער — איז איינגעשרומפן; די אַלע ענדערונגען האָבן זיך אָפגערופן אומגינסטיק אויף דער מערכה פון יידישן שרייבער, יידישן קולטור־טוער, יידישן אַקטיאָר, און ממילא האָט עס אויך נישט קיין טובה געטאָן נאַקסן.

אייניקע האָבן זיך געוווּנדערט אויף נאַקסעס התנהגות די לעצטע יאָרן: ער האָט זיך צייטנווייז אויפגעפירט רעליגיעז, און דאָך זיך אויסגעלעבט און געבליבן געזעלשאַפטלעך־טעטיק אין יידיש־וועלטלעכן סעקטאָר. זייט איך געדענק איז נאַקס צוזאַמען מיט זיין סאָציאַליסטישער איינשטעלונג געווען רעליגיעז אָנגעהויכט. במשך די לעצטע צוויי צענדליק יאָר, נאָכן אומקום פון אייראָפעישן יידנטום, איז ער, ווי מיר אַלע געוואָרן נאָסטאַלגיש נאָך דער אונטערגעגאַנגענער יידיש־טראַדיציאָנעלער וועלט, נאָך איר נוסח און ניגון — ווי ער פלעגט זיך אויסדריקן. עטלעכע חדשים פאַר זיין פטירה, האָט ער מיר טעלעפאָנירט אַז ער האָט אָקאָרשט איבערגעלייענט מיין לעצטנס־דערשינענעם בוך: „די אַנדערשקייט פון אַמעריקאַנער יידנטום", און ער זעט אַז אונדזערע ביידנס דרכים אין יידישקייט זיינען גאַנץ נאָענט.

איינער פון נאַקסעס באַליבטע פילאָסאָפן וועמען ער פלעגט אָפט דערמאָנען און ציטירן אין דער יוגנט איז געווען דער אַמעריקאַנער פאָעט־פילאָסאָף דזשאָרדזש סאַנטאַיאַנאַ (1863־1952) וועמענס אַפאָריזם וועגן רעליגיע ס'געדענקט זיך מיר נאָך פון מיינע סיטי־קאָלעדזש־יאָרן. סאַנטאַיאַנאַ ציטירט אַ געדאַנק פון ענגלישן פילאָסאָף פראַנציס בייקאָן (1561־1626) אַז יענע וואָס זיינען ווייניק באַהאַוונט אין פילאָסאָפיע גייען אַוועק פון רעליגיע, אָבער ווען זיי דערלערנען אַ סך פילאָסאָפיע קומען זיי צוריק צו גאָט. אויף דעם דיקטום מאַכט סאַנטאַיאַנאַ אַזאַ פירוש: „אמת, זיי קומען צוריק, אָבער צו אַן אַנדער גאָט, ווי דער וועמען זיי האָבן פאַרלאָזט." איז אויב נאַקס איז צוריקגעקומען צום כביכול איז עס נישט דער גאָט פון אַברהם; אויך נישט דער גאָט פון רמב"ם, נאָר דער „גאָט, אָדער נאַטור" פון שפינאָזאַ — ס'איז אַ פיעטעט פאַר די וואָרצלען פון אונדזער זיין.

פאַר סאַנטאַיאַנען איז רעליגיע אַ פאָעטישע פאַרקערפערונג פון מענטשנס שייכות צום קאָסמאָס, און גאָט איז פאַר אים אַ סימבאָל פון יחידס אידעאַל. רעליגיע איז דאָ פאַקטיש מאָראַל און עטיק; זי איז

די נאָבלסטע אימאַזשינאַטיווע פאַרקערפּערונג פון מענטשלעכע אידעאַלן. אין דער רעליגיעזער טראַדיציע, טענהט סאַנטאַיאַנאַ, זוכקט מיר ריטואַל, פּאָעזיע, שיינקייט און פּיעטעט. טעאָלאָגיע און דאָקטרינען מיינען דאָ ווייניק. רעליגיע איז, לויט אים, אַ פּאָעטישע אינטערפּרעטאַציע פון דערפאַרונג. „רעליגיעס זיינען גרויסע צויבער ־ מעשהלעך פון געוויסן; די פונקציע פון רעליגיע איז אויסצודריקן דעם מענטשנס גורל אין מאָראַלישע דימענסיעס, אין מיטאָלאָגישע און פּאָעטישע אימאַזשן..“

נאקס פונקט ווי סאַנטאַיאַנאַ איז געווען אַ פילאָסאָפישער נאַטוראַליסט — איינער וואָס האַלט אַז אַלץ וואָס דער מענטש באַגעגנט אין וועלכן ס׳איז שטח פון מענטשלעכער דערפאַרונג איז נאַטירלעך, נישט איבערנאַטירלעך. די נאַטור איז די גאַנצע רעאַליטעט; פאַר אַ ייד מיינט נאַקסעס עטישער הומאַניזם: קען זיך ווי אַ רינגעלע אין דער גאָלדענער קייט וואָס ציט זיך פון באַרג סיני; און אַז אַ ייד וואָס וויל זיך קענען, און וויל פירן אַ ווירדיק לעבן דאַרף אָפּשאַצן און פאַרשטיין די גרויסע ראָלע וואָס דער יידישער עטאָס, און די יידישע טראַדיציע האָבן געשפּילט אין אונדזער מחשבה, אין אונדזער געשיכטע, אין אונדזער שבת, און טאָג־טעגלעכקייט.

אין אַן עסיי וואָס נאקס האָט געשריבן אין 1982, אין זשורנאַל „דזשודאַיזם“ קריטיקירט ער די ערשטע יידישע סעקולאַריסטן וואָס זיינען נישט גרייט געווען אַריינצוגיסן דעם יידישקייט וויין אין די אַלטע פלעשער, און זיינען אויך נישט געווען צוגעגרייט צו שאַפן נייע פלעשער, אַזוי אַז שבת איז נישט געוואָרן אַ טייל פון זייער וועלטלעכקייט־נוסח, און איז דעריבער נישט געוואָרן איינגעשלאָסן אין די סימבאָלן און צערעמאָניעאַלן פאַר זייערע קינדער. אָבער וועלטלעכע יידן, שטרייכט ער אונטער, האָבן גערעדט יידיש, אַ שפּראַך וואָס אירע אידיאָמען, ספּעציעל די וואָס שטאַמען פון העברעיש און אַראַמעיש, זיינען דורכגעזאַפּט מיט טראַדיציע, און נאָכן דריטן חורבן, און דעם אויפקום פון מדינת־ישראל, איז דער ריס צווישן סעקולאַריזם און טראַדיציע איינגעשרומפּן. נאַקס פירט אויס: אויב דער יידישער סעקולאַריזם וויל בלייבן לעבן דאַרף ער רעאינטערפּרעטירן די יידישע טראַדיציע אין גייסט פון אַן עטישן הומאַניזם, און אַ נאַטוראַליסטישער וועלט־פּערספּעקטיוו (אונטערגעשטראָכן פון ש.ג.).

אין די פופציקער יאָרן ווען נאקס איז געוואָרן פּראָפעסאָר אין ניו־יאָרקער אוניווערסיטעט פלעגן מיר זיך אָפט טרעפן פאַר לאָנטש אין אויטאָמאַט־קאַפעטעריע, אויף בראָדוויי און 8טע גאַס. איך פלעג צוקומען פון שלום עליכם אינסטיטוט, וואָס האָט זיך געפונען אויף דער 17טער גאַס, און ער איז געקומען פון וואַשינגטאָן־סקווער, ווו ער ניו־יאָרקער אוניווערסיטעט געפינט זיך. אַרום 2 אַזייגער איז שוין דער רעסטאָראַן געווען אויסגעליידיקט פון אַרומיקן אַרבעטס־עולם, פלעגן מיר קענען געמיטלעך שמועסן. מיר ביידע זיינען דעמאָלט געווען שטאַרק פאַרנומענע מענטשן אויף אונדזערע פּאָסטנס, און שרייבעריש־לעקטאָריש; דאָך האָט די דעמאָלטיקע לעבעדיקע יידיש־ליטעראַריש־קולטורעלע סצענע אין ניו־יאָרק מיט איר שעפערישער עליטע אונדז ביידן אינטערעסירט — אירע אינעווייניקסטע מחלוקת, איר קנאת־סופרים, אירע ראַנגלענישן בייצוקומען דעם פאַרפלייצנדיקן אַמעריקאַנער ים פון שפּראַכלעכער אַסימילאַציע און צו פאַרפעסטיקן אַ יידישן אינדזל — אָט די דאָזיקע און אַנדערע ענינים זיינען געווען די טעמעס פון אונדזערע שמועסן.

פון צייט צו צייט זיינען מיר געגאַנגען צוזאַמען הערן אַ דעבאַטע, אָדער אַ לעקציע פון פּראָמינענטע געלערנטע. עס דערמאָנט זיך: די עטלעכע לעקציעס וואָס מיר האָבן געהערט פון גרשום שלום איבער קבלה, אין „סטיוון וויז אינסטיטוט“ און דעם סימפּאָזיום איבער מציאות הבורא, ווו עס האָבן זיך באַטייליקט דער אָרטאָדאָקסישער געלערנטער און פירער ראַביי לעאָ יונג און פּראָפעסאָר סידני הוק.

עס איז אַ שאָד וואָס נאַקס האָט נישט באַוויזן אַרויסצוגעבן זיינע עסייען צווישן די טאָוולען פון ביכער; מען דאַרף אומבאַדינגט זיך באַמיען אָפּצוקלייבן כאָטש צוויי בענדער פון זיינע בעסטע עסייען

משה עטינגער / ניו־יארק

# לידער

## זאָג מיר מענטש

ווען אַן אַלטער מאַן פאַרבט זיין קאָפּ
און מיינט ער נאַרט די וועלט,
— זאָג מיר מענטש:
האָט די שוואַרצע פאַרב
זיינע גרויע האָר פאַרשטעלט?

ווען אַן אַלטער מאַן פון ליבע טראַכט
ווי אַ בתולה ביי איר ערשטן קוש,
זאָג מיר מענטש:
איז דאָס גליק —
צי אַן אַלטן מאַנס
אַ שטות?

ווען אַן אַלטער מאַן ציילט שיטערע טעג
ווי קערנער פון אַרבוז,
— זאָג מיר מענטש:
איז דאָס עשירות —
צי אַן אַלטן מאַנס
אַ שטות?

אַז אַן אַלטער מאַן באַנעמט זיין ווערט
און הכנעהאיק בייגט זיין קאָפּ
דאַן זינגט די וועלט שירה אים
מיט אַכפּערדיקן טראָפּ...

## די קאַנווע פון לעבן

אַ טריל פון אַ פויגל
אַ שאָרך פון אַ בלאַט
אַ ציטער פון אַ גרעזל
פון אַ קינד אַ לאַך,
פון אַ פרוי אַ גלעט,
איז דאָס געווינס
אין לעבנס געוועט.

אַ סוף פון אַ שמחה
אַ קרעכץ פון אַ חולה
אַ טרער פון אַן אָבל
אַ צאַנק פון אַ פייער
וואָס לעשט זיך אויס
ווי דער טאָג אין דער נאַכט,
ווי דאָס לעבן אין דעם טויט —
איז די אבדה וואָס סתירות וועבן
אויף דער קאַנווע פון לעבן.

## סטריקערס*)

צעכראַסטעטע זיי פלוכן
זיי וויסן ניט פאַרוואָס:
די ווילטאָג, אַ קללה,
צעמישט זיי די מאָס
פאַרשמעלצט זיי דאָס האַרץ,
פאַרדאַרבט זיי דעם מאָגן.
נאַקעטע זיי יאָגן
איבער גאַסן איבער בריקן —
פאַרלווירענע, זיי סטריקן.

---

*) סטריקן־נאַקעט לויפן איבער גאַסן.

---

און אָפּהאַנדלונגען אין יידיש און ענגליש.
נאַקסעס פראַדוקטיוו־שעפעריש לעבן אין צוויי קולטורן און שפּראַכן האָט באַוויזן אַז אַ יידישער אינטעלעקטואַל און דענקער, וואָס וויל זיין אויטענטיש און געטריי צו זיך, קען געפינען אַ ברייטע אוידיטאָריע אויך אין אַמעריקע. זיין עטישער הומאַניזם און פילאָסאָפישער נאַטוראַליזם איז אַ סינטעז פון אַן עכט־יידישער וועלטלעכקייט און יידישער טראַדיציע וואָס קען געבן אַן אינהאַלט און אַנהאַלט די היינטיקע און קומענדיקע יידישע דורות אין אַמעריקע, און אַנדערע לענדער. זיין ביישטייער צו דער יידישער מחשבה און עסטיאַטיק איז פון בלייביקן ווערט פאַרן היינט און מאָרגן פון יידישן לעבן אומעטום. זאָל זיין אָנדענק זיין געבענטשט!

ישראל גובקין

# אייב און לוסי

(אַ האָליוווד מעשהלע)

אייב, אַ געוועזענער שניידער און איצט אויף פּענסיע, איז געזעסן מיט זיין זונס משפּחה אין איינעם פון די קלענערע, עלעגאַנטע רעסטאָראַנען פון האָליווּד; בעצם מער שענק ווי רעסטאָראַן. בעיקר קומט מען אַהין טרינקען, זיצן אויף די הויכע קיילעכדיקע שטולן אַרום האַלב־רונדן, פּאַרפּוצטן באַר, טרינקען און שמועסן, שמועסן און טרינקען. מע עסט דאָרט אויך, אָבער צום עסן זעצט מען זיך אַרום פיין־געדעקטע טישן, די שמייכלענדיקע, בלאָנדע קעלנערין פרעגט אייך וואָס וועט איר טרינקען. טאָמער וויל מען בלויז עסן, שמייכלט זי ווי פריער, אָבער אַביסעלע פאַרוואונדערט, ווי זי וואָלט זאָגן: סטייטש׳ ווי קען מען עסן אָן אַ קאָקטייל? זי איז גאָרניט געוווינט צו אַזעלכע קליענטן.

* * * * *

אייב, אַ זיידע פון אַ פערצן־יאָריק אייניקל, האָט זיך לכתחילה געקווענקלט ווען זיין זון האָט אים פאַרבעטן צו זיין טעכטערלס „סוויט־סיקסטין־פּאַרטי" אין אַ באַקאַנטן באַר־־עסטאָראַן, אָבער ווי באַלד אַ זון פאַרבעט, ווי קען מען אָפּזאָגן? אויך זיין שנור וואָלט זיך שטאַרק באַליידיקט ווען ער זאָגט איר אָפּ; אַ קלייניקייט, אַ בת־יחידה ווערט זעכצן יאָר אַלט! האָט ער דעם פאַרבעט אָנגענומען מיט אַ תנאי, אים זאָל סערווירט ווערן פיש אָנשטאָט פליישיקס. וואָס־וואָס, קיין טרפות אָדער בשר־קוויטש עסט ער ניט.

בכלל האָט ער ניט ליב דעם סאָרט שענק־רעסטאָראַן. בטבע איז ער ניט קיין קאַרגער, אָבער מע רעכנט דאָרט געשוואָלענע פרייזן פאַר מיטלמעסיק עסן. דאָס האָט ער פיינט, אפילו ווען דער זון וועט צאָלן. ס׳איז אים אויך ניט צום האַרץ דער וווילי־יונגערישער, האָליוווּדער אָנשטעל פון די דאָרטיקע קליענטן, מערסטנס זיינען דאָס זעלבסטצופרידענע גויים מיט רויטלעכע נעזער און אויך פאַרגויאישטע סנאָבישע יידן; אַ צאָל פון זיי מיט הויכע בלאָנדע שיקסעס אויף הויכע קנאַפּל, אָדער מיט גויאישע ווייבער. ער פילט זיך ניט גוט אין אַזאַ געזעלשאַפט, און ער טראָגט זיך אַרום מיט אַ באַהאַלטענעם פאַריבל אויף זיין שנור, וואָס שלעפּט זיין זון אין די מקומות ביי יעדער געלעגנהייט, כאָטש זי קומט פון אַ פיינער יידישער משפּחה, און אפילו געוואָרן בת־מיצווה — ווי זי זאָגט. דער גוטער יאָר ווייסט זיי, די אַמעריקאַנער־געבאָרענע ווייבער.

אָבער ווי אַ גוטער טאַטע און זיידע האָט ער זיך באַמיט אונטערהאַלטן מיט דער משפּחה אַרום טיש; דערציילט יידישע וויצן אויף ענגליש, געמישט מיט יידישע ווערטער, זיך פאַסמאַקעוועט מיטן עסן, און כסדר געשמייכלט. ווען די בלאָנדע קעלנערין צוזאַמען מיטן איירישן, אויסגעפּוצטן רעסטאָראַטאָר האָבן נאָכן מאָלצייט צוגעבראַכט דעם „בוירטדיי־קייק" מיט די זעכצן קאָלירטע ליכטעלעך און אָנגעהויבן זינגען „העפּי בוירטדיי טו יו", האָט ער פריילעך מיטגעזונגען מיט אַלעמען, זיך צעקושט מיטן אייניקל ווען זי האָט מיט איין בלאָז אויסגעלאָשן אַלע ליכטעלעך, און אויך מיט זיין שנור און זון.

די קעלנערין האָט באַדאַנקט זיין זון פאַר דעם פיינעם טרינק־געלט וואָס ער האָט איר געגעבן אין האַנט אַריין. דער איירישער בעל־הבית האָט זיך פריינדלעך געזעגנט מיט אַלעמען, גוט־ברודעריש געקלאַפּט אייבין אין דער פּלייצע און געבעטן קומען נאָך אַמאָל.

* * * * *

ווען אייב איז אַריין צו זיך אין צימער, איז דער פרײדיקער אָנשטעל צוביסלעך צעקראָכן געוואָרן. ער האָט זיך אַרונטערגעלאָזט אין דער ווייכער שטול און אַ פאַרביטערונג האָט אים אַרומגעכאַפּט: געוואַלד געשריען, וואָס פאַר אַ ווילדע שטאָט דאָס איז! דאָ זיצט מען, מע טרינקט, מע פרעסט; מע לאָזט זיך וווילגיין, און דאנעבן, ממש ביי דער טיר, גייט אַרום אַ לוסי מיט אַ קליין קינד...

ווער איז לוסי? ווען ער איז געגאַנגען אַן אויסגעפּוצטער צום רעסטאָראַן איז אים אַנטקעגן געקומען אַ מאַמע מיט אַ מיידעלע פון אַ יאָר זעקס־זיבן. זי, אַ דינע, יונגע פרוי, מיט שוואַרצע האָר און ברוינע, וואַרעמע אויגן, אַן איילבירט־מאַט פּנים; גאַנץ נעט, ניט שרייענדיק אָנגעטאָן, אַ מעקסיקאַנערין, אָדער פון אַן אַנדער לאַנד אין דרום־אַמעריקע.

זי האָט שמייכלענדיק אויף אים אַ קוק געטאָן און זיך אָנגערופן צום מיידעלע:

— זעסט? אָט דער מאַן איז אַ זיידע, כאָטש ניט דיין זיידע.

די רייד זיינען אים געפעלן געוואָרן און ער האָט זיך אָפּגעשטעלט. אַ וואָרט פאַר אַ וואָרט, און זי האָט אים געזאָגט, אַז זי הייסט לוסי. זי האָט אים פריינדלעך גענומען אונטערן אָרעם און אים פאַרטרויט, אַז זי וווינט דאָ ניט ווייט. זי האָט אים געגעבן איר טעלעפאָן נומער, זאָל ער זי אָנרופן, וועט זי אים זאָגן ווען צו קומען. זי האָט אים אויך געבעטן, ער זאָל וועגן איר דערציילן זיינע פריינד, אויב זיי זיינען נאָר פיינע לייט. זי האָט פיינט יונגע כוליגאַנעס. ביים געזעגענען זיך האָט זי אים געגעבן אַ קוש און צוגעשריען: — זיידע, פאַרגעס ניט מיר צו טעלעפאָנירן! די ווערטער האָבן אים געקלונגען ווי אַ תחנונימדיק געבעט פון אַ מענטש וואָס האָט שוין אַלץ פאַרלוירן...

* * * * *

אויף פיירפעקס עוועניו האָט זיך געטומלט ווי שטענדיק. מענטשן זיינען פאַרבייגעגאַנגען איילנדיק, און זיך אפילו ניט אומגעקוקט אויף דער שרייענדיקער יונגער פרוי. אָבער אייב איז געבליבן שטיין אַ פאַרגאַפטער; נאָכגעקוקט לוסין מיט געמישטע געפילן פון דערשטוינונג און רחמנות. דאָס ערשטע מאָל וואָס אַזוינס האָט מיט אים געטראָפן: אַן אָנציענדיקע יונגע מאַמע זאָל זיך אַרומפירן מיט איר קליין טעכטערל צו מאַסקירן איר אָנבאָט. אַזוינס האָט ער ניט געזען ביז היינט אפילו אין דער פרעכער, צעלאָזענער האָליוווּד.

טוט זי דאָס צוליב אָרעמקייט, אָדער צוליב פאַרדאָרבנקייט? אָדער צוליב ביידע צוזאַמען? אפשר רעכנט זי זיך אַזוי אָפּ מיט איר קינדס טאַטן, וואָס האָט זיי ביידע פאַרלאָזן? אָדער זי טוט עס להכעיס אַ געליבטן, וואָס האָט דאָס קינד אפילו אויס די אויגן ניט געזען?

לאַנג איז אייב געזעסן אין ווייכן שטול און האַלב־דרימלענדיק געהאַלטן אין איין איבערחזרן צו זיך: וואָס טוט זיך דאָ? מענטשן זיצן רויק, צופרידענע און אויפגעלייגטע; מע זופּט און מע פרעסט ביי באַרס און רייך־געדעקטע טישן, און דאָ דאַנעבן, ממש אונטערן נאָז, גייט אַרום אַ יונגע מאַמע מיט איר קינד, גרייט זיך צו פאַרקויפן...

ער איז איינגעשלאָפן און געחלומט: זיין זעכצן־יאָריק אייניקל לעשט אויס אַלע 16 ליכטעלעך. זי לאָזט זיך גליטשנדיק אַרויס פון רעסטאָראַן אויף דער גאַס, און ווערט מיט איין מאָל פאַרוואַנדלט אין אַ יונגער, נעטער פרוי. זי האַלט ביי דער האַנט אַ מיידעלע מיט שוואַרצע האָר און ברוינע, וואַרעמע אויגן — אַ קליינע לוסי — און ביידע ווערן פאַרשלונגען אין דער טומלדיקער, פעך־שוואַרצער נאַכט...

---

## תיקון טעות

אינעם ליד פון משה עטינגער א. נ. „אין שרעקלעכע טעג” („חשבון” נום. 108, ז' 55, זענען אַריינגעפאַלן עטלעכע פאַרדריסלעכע גרייזן פאַר וואָס מיר בעטן איבער דעם מחבר און די לייענער. די 6טע און 7טע שורות אין צווייטן שפּאַלט דאַרפן זיך לייענען: „שוין צו שפּעט,
כ'קען מער ניט גראָבן;
מער ניט טשערפּיס אויף די טויטע אויגן
לייגן.”

די עלפטע שורה אינעם זעלבן שפּאַלט דאַרף זיך לייענען: „מיין פאָטער דער קדוש הי״ד קרעכצנדיק ענטפערט”...

אין „חשבון” נום. 108, אין שואל גוטמאַנס עסיי וועגן ש. ניגער, אין ערשטן פּאַראַגראַף אויף זייט 20 שטייט על פי טעות: „שטרעבט ער דערפאַר צו באַזיגן, דורך זיינע לידער...” עס דאַרף זיין: „שטרעבט ער דערפאַר צו באַזינען דורך זיינע לידער...”

חנן קיעל / ניו־יאָרק

# לידער

## גאָט פון זכרון

אַ תפילה פון ניט געבוירענעם טאָג,
וואָס דאַוונט אין מיר מיט פאַרקלעמטע רייד,
אַ פיבער־געזאַנג אין אײנגעוויייד פאַרהוילן,
צום בלויען הימל, צו די גרויסע הירשן־אויגן,
וואָס גלימערן ווי גלי־קוילן
אין מיינע פאַרטייעטע שפיגלען;
באַלד וועל איך איינדרימלען אין קילן שאָטן
פון דיינע צאַרטע פליגלען.

אַ תפילה צום סוד פון ניט געבוירענעם באַשייד,
ווען דיינע מילך־שוימיקע כוואַליעס
טראָגן מיך אַהין בעל־כרחי
צו יענעם רויט־פיאַלעטן ברעג
אין געיעג, אין געלויף,
ווער וועט מיר סילוקן דעם חוב
פאַר יאָרן פאַרברענטע אין בליען,
פאַרן יונג־צאַנקענדיקן יש.
אָ גאָט פון זכרון, פון אַלע חשבונות
מיר קומט נאָך אַ רעשט.

## גיב מיר צייט

מיינע יאָרן — אַ פליענדיקע טשאַטשע —
זיינען שוין אויף יענער זייט נעילהדיקן טויער
מיט די אָפּגעכוימלטע פאַרשווינדער,
נאָר איך אַליין, דעם קאָמפּיוטער אויף להכעיס,
שלעפּ זיך נאָך מיט די קריכנדיקע טשערעפּאַכעס.

אָפּגעשטאַנען זיינען מיינע נעכטנס
מיד־פאַרנעפּלטע אין האַלבן וועג,
ווי קען איך מיט מיינע שווערע פיס אָניאָגן
די ווילד־ צעוויכערטע הירשן־טעג.

דער צאַנקענדיקער בוים אין פעלד
און מיין אָסיענדיקער קלוגער זייגער
זיי האָבן ניט פאַרגעסן ווו מיר האַלטן אין דער וועלט.
גיב מיר צייט, האַלט אײן דעם וואָגן,
צעהפּקרטן אין באַרג־אַראָפּ,
לאָז מיך צערטלען מיינע פלאַטערדיקע רגעס
ביז איך וועל דעריאָגן.

אונטערן שניי ליגן אונדזערע דעמבעס,
ווי קינדער איינגעשלאָפן,
און איך — אַ פאַרסאַפּעטער יאָג נאָך מיינע טעג
וואָס זיינען מיילן ווייט פון מיר אַנטלאָפן.

## אַ ליד איז...

אַ ליד איז פון וואָרט און מוזיק אַ געמיש
אַן איריס אין וועלדל, טויאיק און פריש.

אַ סאָלאָ וואָס שפילט אויף אַ האַרץ אָן באַגלייט
חכמה פאַרטייעט אין ווייניק גערייד.

אַ ליד איז דאָס לשון פון שטילן געמיט
יחידיש געבעבט פון אַ תהילים־ייד.

טריל און געפיל וואָס רייסט זיך פון צאַם
דאָס בענקען וואָס הויערט אין שקיעהיקן פלאַם.

אַ ליד איז באַוווּנדער פון נשמת כל חי
פידל־געוויין, פאַרגיין און געדיי.

נס פון בראשית האַרבסטיק־געצאַנק,
אויף יענער זייט פּרגוד פליסטער־געזאַנג.
אַ ליד טרינקט פון אומעטיק מאַכיקן קוואַל
און אויך פון ברויזיקן ניאַגאַרא־פאַל.

אַ ליד אין פאַרהוילן אין אַנגסטיקן סוד
פון מענטש אין געראַנגל מיט זיך און מיט גאָט.

ביילע שעכטער־גאָטעסמאַן / ניו־יאָרק

# לידער

## מדרגות פון טענער

מע מוז אַלץ דערכאַפּן
אין דורכפלי פון באַן
דורך פאַרענגטע שויבן
מדרגות פון גראָען.
צענערליי טענער
כוואַליען אַריין
אַ לייוונט לעבט אויף
באַקומט שיער אַ פּנים.
אַ גאַס הייבט זיך אויף
צעליכטיקט פון לעמפלעך
שטייף ביי די זייטן
שטרעקן זיך ביימער.
איך שעפּ אויס די טראָפּנס
און גיס זיי אַריין
אין גאַריקע עמערס
פאַר אייגענע פאָרמעס.

## אָונטבילד

אַזאַ פאַרכמורעטער שטילשטאַנד געוואָרן.
זאָל עס זיין דער אָסיעבווינט
דער וועלטצושטאַנד
צי די יאָרן?
גלעקער צעלאָזן זיך אין מינאָרע טענער.
רופן זיי צו וואָס
סטראַשען זיי גאָר אונדז
צי באַהספדן זיי וועמען?
גרין פאַרזשמורעט פּרוון זיך די לאָמפּן
אויסצורייסן שטיקלעך ליכט
ביים אַבסאָלוטן טונקל.

---

פון שכינה דער פלאַטער אין וואַכיקן שלאָף
וואָס שפּילט אויף אַ פלייט פאַר די
נאַכטיקע שאָף.

דאָס ציטעריק קול פון געוויסן וואָס גליט
אין שפּיגל פון אייגן פּאָעטישן ליד.

דריי מענער
מיט אַרויפגעווענדטע פּנימער
האָבן וואָס דערזען.

געשעענישן האַלטן אין איין געשען.
דער צוגעלייגטער אויפדערנאַכט
איז צעטרייסלט געוואָרן.

מיט גרויסע מיילער רייסן זיך מאָטאָרן
אין פאַרטונקלטן ברומען אַריין
זאָגן איינזען פאַר בענקענדיקן
לאָמפּנשיין.

## אַ זכר אין פענצטער

דער מאַן
מיט צוויי פּאַפּיר־פּעק
אויסגעליידיקט די באַן
שוין פון אילע פאַרשוינען.
ער נאָך אַ נעכטיקער אפשר
זיכער אַ היינטיקער
אין הייל פון פאַרגעסענע
דרימלט אַוועק דעם טאָג.
ווער וויל עס זען
די פאַלשע שפּיגלען
אין פרעמדע אַפּלען?
גרינע וועגן טראָגן אים אַריבער
דעם בלאָטיקן אַספאַלט.
זיינע סודותדיקע ווינקלען
זעט נישט קיינער,
שמייכלט ער.
מיר לאָזן איבער דעם אַלטן
האַלטן בלויז זיין זכר
באַרעמט אין פענצטער
פון אַנטפליאיקער
באַן.

שמואל ווייס

# די אַקציע איינצואָרדענען די שארית הפליטה

(אַ קאַפּיטל זכרונות)

ווען די צווייטע וועלט־מלחמה האָט זיך געענדיקט מיט דער פולער קאַפּיטולאַציע פון דער דייטשער נאַצישער אַרמיי־אָנפירונג, איז עס געווען פאַר דער גאַנצער וועלט דער הערלעכסטער טאָג אין דער געשיכטע. עס האָט אויפגעשיינט אַ נייע זון פאַר דער ציוויליזירטער וועלט׳ אָבער באַזונדערס האָט די זון אויפגעשיינט פאַר אונדז יידן. איז דאָך דער העכסטער ציל פון דער נאַצישער מלחמה געווען אין גאַנצן צו פאַרניכטן דאָס יידישע פאָלק.

די יידישע באַפעלקערונג אין די געדיכט באַפעלקערטע שטעט און שטעטלעך אין מיזרח־אייראָפּע איז צעשטויבט געוואָרן אונטער די באָמבעס און טאַנקן פון די קעמפנדיקע אַרמייען. זייערע הייזער זיינען געלעגן אונטער בערג אַש, אויף וועלכע עס האָבן נאָך געטליעט די האָלאָוועשקעס פון דעם אַ מאָל בליענדיקן יידישן לעבן.

אַ טייל מענער און פרויען, לײדער בלויז אַ קלײנער טייל פון דער מיליאָניקער יידישער באַפעלקערונג, האָט זיך געראַטעוועט פון דער שרפה. אָבער דעם גרעסטן טייל האָט דער נאַצישער מאַרש אַריינגעדרענגט אין געטאָס, כדי צו קענען זיי לייכטער אומברענגען. אַ גרויסער טייל איז סיסטעמאַטיש אַוועקגעפירט געוואָרן אין די נאַצישע קאָנצענטראַציע־לאַגערן און קרעמאַטאָריעס. פאַר די דאָזיקע הונדערטער טויזנטער מענער, פרויען און קינדער איז די וועלט געוואָרן אַ גיהנום פון וועלכן עס איז קוים געווען אַ האָפענונג זיך צו ראַטעווען.

ווען די מלחמה האָט זיך געענדיקט זיינען פון אָט דעם גיהנום געבליבן לעבן, אויב מ׳קען עס אָנרופן לעבן, עטלעכע צענדליק טויזנט מענטשן, און ווען דער יידישער יישוב אין פוילן האָט גענומען ציילן די לעבן־געבליבענע קרבנות, זיינען די אַזוי־גערופענע קאַצעטניקעס, די לעבן־געבליבענע פון די דייטשע קאָנצענטראַציע־לאַגערן, באַטראַכט געוואָרן ווי מלחמה־העלדן. דאָס זענען געווען מענער און פרויען, וועלכע האָבן מיט ציין און נעגל זיך געקלאַמערט אינעם לעבן, גובר געווען הונגער־קראַנקייטן, און די נידעריקסטע באַליידיקונגען פון דעם מין מענטש, וואָס דייטשע באַרבאַרן האָבן מיט זייער כאַראַקטעריסטישער גרינטלעכקייט צוגעטראַכט.

די אַמעריקאַנער אַרמיי, וואָס האָט אין דער מלחמה באַפרייט אַ טייל פון די דאָזיקע לאַגערן, האָט געפונען בלויז סקעלעטן, הויט־און־ביינער, וואָס זענען צוזאַמענגעהאַלטן געוואָרן בלויז פון דער האָפענונג צו קענען אַ מאָל צוריק אויפבויען אַ נאָרמאַל מענטשלעך לעבן אין באַדינגונגען פון שלום און פרייהייט.

אַ טייל פון אָט־די געראַטעוועטע העלדן, און מיר באַצייכענען זיי מיט רעכט ווי העלדן, זענען מיט אַ סך מי געבראַכט געוואָרן קיין אַמעריקע, דורכברעכנדיק די ווענט פון אימיגראַציע־באַגרענעצונגען און אַ סך אַנדערע שטערונגען.

אָבער אין אַמעריקע האָט מען ערשט געמוזט נעמען אַרבעטן איינצואָרדענען די ניי־געקומענע ביי אַנטשפּרעכיקע באַשעפטיקונגען. מיט אָט דער אַרבעט האָט אין ניו־יאָרק זיך פאַרנומען די אָרגאַניזאַציע „ניאַנאַ", אַן אָטיילונג פון דעם „יונייטעד דזשואיש אַפּיל", און דער „יידישער אַרבעטער קאָמיטעט" אונטער דער אָנפירונג פון לאַזאַר עפּשטיין, אַליין אַ ניי־געקומענער אימיגראַנט, וואָס האָט זיך נאָך שווערער מי דורכגעלייגט אַ וועג צו דער „גאָלדענער מדינה".

אַ טייל פון דער דאָזיקער אַרבעט האָב איך אויף זיך גענומען ווי אַ מאָראַלע פליכט צו העלפן מיינע ניצול־געוואָרענע ברידער און שוועסטער, זיך איינאָרדענען ביי אַרבעט אין דער פרויען־באַקלייד־אינדוסטריע.

# דער דאָקומענט פון לייבאָר־דעפאַרטמענט אין וואַשינגטאָן

מיין אַרבעט אַלס יוניאָן־באַאַמטער לטובת דער איינאָרדענונג און רעהאַביליטאַציע פון די געראַטעוועטע קרבנות פון היטלער־גיהנום האָט זיך אָנגעהויבן באַלד ווי די ערשטע אימיגראַנטן האָבן אָנגעהויבן קומען קיין אַמעריקע. אָבער אַ שטאַרקן שטויס פאָרויס האָט די דאָזיקע אַרבעט געקראָגן מיט דער קאַמפאַניע צו קריגן „אַפידייוויטס" פון קלאָוק־ און דרעס־מאַנופעקטשורערס לטובת די אומגליקלעכע מענטשן, וואָס זענען נאָך דער מלחמה געבליבן אין די קאָנצענטראַציע־לאַגערן, ניט האָבנדיק וווּ צו גיין און צו וועמען זיך צו ווענדן. פאָרגעקומען איז דאָס אַזוי:

אין איין פרימאָרגן, לייענענדיק די טעגלעכע צייטונג האָב איך באַמערקט אַ ניט אָנזעבאַרע מודעה פונעם לייבאָר־דעפאַרטמענט אין וואַשינגטאָן. אין דער נאָטיץ, פונקט אויף די לעצטע זייטן פון דער ניו־יאָרק טיימס, האָט זיך געזאָגט: „נעמענדיק אין אַכט, אַז אין געוויסע אינדוסטריעס איז אין איצטיקן מאָמענט פאַראַן אַ דוחק אין אַרבעטער און אַ באַדייטנדיקע צאָל אַרבעט־פעיקע מענטשן איז פאַראַן אין די באַפרייטע געביטן אין דייטשלאַנד, איז דער לייבאָר־דעפאַרטמענט וויליק צו געבן אימיגראַציע־וויזעס צו קוואַליפיצירטע אַרבעטער, אויב די באַטרעפנדיקע אינדוסטריעס וועלן זיך פאַרפליכטן אין פאָרויס צו באַשעפטיקן די נייע איינוואַנדערער."

אַ ליכטיקער פונק האָט אויפגעלויכטן פאַר מיר. אויב אַזוי, פאַרוואָס זאָל די פרויען־קליידער־אינדוסטריע אין ניו־יאָרק זיך ניט ווענדן צום לייבאָר־דעפאַרטמענט אַרויסצוקריגן דערלויבענישן פאַר דער איינוואַנדערונג פון אַזעלכע אַרבעטער מחוץ דער קוואָטע? איז צו וועמען גייט מען זיך דאָ ווענדן, אויב ניט צום פרעזידענט פון דער אינטערנעשיאָנעל?

געטראַכט און געטאָן: כ'האָב גלייך פאָרמולירט אַ בריוו צו דוד דובינסקי און אָנגעוויזן אויף אָט דער נייער געלעגנהייט וואָס די יוניאָן קען אויסנוצן צו העלפן אונדזערע געפלאָגטע ברידער און שוועסטער ברענגען קיין אַמעריקע. דובינסקי האָט, ווי זיין שטייגער, געהאַנדלט פאָרזיכטיק אין ענינים וואָס האָבן געהאַט אַ שייכות מיט וואַשינגטאָן. ער האָט זיך משמעות ניט געוואָלט פאַרלאָזן בלויז אויף אַ צייטונגס־נאָטיץ, האָט ער דעם ענין איבערגעגעבן צו ד"ר לאַזאַר טעפער, דירעקטאָר פון ריסוירטש דעפאַרטמענט אויסצופאָרשן די געזעצלעכע זייט פון דער זאַך.

ס'איז אַריבער אַ שטיקל צייט און איך האָב גאָרניט געהערט. אָבער מיט איין מאָל, אַרויפקומענדיק אין מיינע אַמטלעכע ענינים אינעם אָפיס פון דער מאַנופעקטשורערס אַסאָסיאיישאַן, האָט מיר איינער פון די באַאַמטע אַ זאָג געטאָן אין שפאַסווייַס, איר זעגט נעכטן אָוונט געוואָרן אַ באַרימטער מענטש: דובינסקי האָט פאָרגעלייגט אייערן אַ בריוו צו אַ געמיינזאַמען צוזאַמענקופט פון די פירער פון דער אינדוסטריע וועגן ברענגען עטלעכע הונדערט יידישע בעל־מלאכות פון די לאַגערן.

לויט ווי מ'האָט מיר שפעטער דערציילט, האָט דובינסקי איבערראַשט די פאַרזאַמלטע באַלעבאַטים, מיטגלידער פונעם „אינדוסטריעל קאַונסיל דעפאַרטמענט", צו וועלכן עס געהערן די מאַנופעקטשורערס און די דזשאַבערס פון די יוניאָן־שעפער, מיט דער ווענדונג, אַז זיי, די באַלעבאַטים, ווי יידישע מענטשן, זאָלן עפעס טאָן צו העלפן רעהאַביליטירן די קרבנות פון דער מלחמה דורך איינאָרדענען כאָטש אַ טייל אין דער ניו־יאָרקער קליידער־אינדוסטריע.

אויף צומאָרגנס נאָך דעם צוזאַמענקום האָט דער „ריסוירטש דעפאַרטמענט" גענומען גרייטן די געהעריקע פאָרמאַליטעטן פאַר די אַפידייוויטס. די רשימה פון פאָטענציעלע אימיגראַנטן איז געווען אין אָפיס פון יידישן אַרבעטער־קאָמיטעט און אין מיינסטע יידישע צייטונגען. אויף דער ווענדונג פון דער יוניאָן זיינען צוגעשטעלט געוואָרן נאָך נעמען. עס איז געוואָרן 500 פעטיציעס. יעדער ביזנעס־אַגענט האָט זיך פאַרפליכטעט צו ברענגען אונטערשריפטן וויפל עס איז מעגלעך.

לייכט איז ניט צוגעגאַנגען דער עסק. באַלעבאַטים האָבן גענומען פרעגן: וואָס וועט זיין, אַז די דאָזיקע מענטשן וועלן ניט קענען איינגעאָרדנט ווערן אין אונדזערע שעפּער? וועט די יוניאָן גאַראַנטירן אַז זיי וועלן ניט, לויט דער פאַרפליכטונג פון די אַפידייוויטס׳ פאַלן צו לאַסט אויף אונדז אָדער אויף דער קאָמיוניטי?

„די יוניאָן וועט העלפן, קיין איינציקער באַלעבאָס וועט ניט ליידן״, האָט דובינסקי פאַרזיכערט, און דובינסקיס אַ צוזאָג האָט מען אין דער אינדוסטריע רעספּעקטירט. צוביסלעך האָבן די מענטשן אָנגעהויבן קומען פון די לאַגערן. זיי זענען געווען צעבראָכן פיזיש און גייסטיק. אַ טייל האָט געהאַט דורכגעמאַכט די טרויעריק־באַרימטע עקספּערימענטן פון דר. מענגעלע ימח־שמו. מאַמעס האָבן געליטן וואָס זיי האָבן פאַרלוירן זייערע קינדער. מענער האָבן פאַרלוירן זייערע פרויען. אַ טייל איז געווען געפּלאָגט פונעם געוויסן פאַר וואָס זיי האָבן זיך געראַטעוועט, פאַרוואָס זיי זיינען ניט פאַרברענט געוואָרן צוזאַמען מיט זייערע טייערסטע אין דער משפּחה.

די גאַנצע אימיגראַציע איז באַשטאַנען פון אַ קנויל מענטשן מיט אויסגעלאָשענע אויגן, ווי וואַנדערער אין אַ מדבר, וואָס האָבן פאַרלוירן זייער וועג, און ווי מענטשן וואָס דער טרויעריקער מזל האָט צוזאַמענגעוואָרפן אין אַ קאָלעקטיוו פון ליידן און פּיין. אויף אַלעמענס ליפּן איז געווען די פראַגע: „וואוּאין גייען מיר?״ „ווער וועט אַכטונג געבן אויף אונדז?״ „וועלן מיר קענען אָנהייבן אַ ניי לעבן אין אַמעריקע?״ מיט באַשיידנקייט האָב איך גענומען אויף זיך די אויפגאַבע און האָב זיך מיט לייב־און־לעבן, און מיט דער גוטער הילף פון מיין פרוי — אַריינגעוואָרפן אין דער אַרבעט אויפצוריכטן אָט די האַלב־חרובע לעבנס.

איך בין דערוויילט געוואָרן אויף אַ דריי־יאָריקן טערמין אַלס ביזנעס־אַגענט פון דער קלאָוקמאַכער יוניאָן אין 1944. האָב געהאַט ווייניק דערפאַרונג אין די קאָמפּליצירטע וועגן פון מיין אַמט, אָבער איך האָב פאַרשטאַנען די אויפגאַבעס פון מיין אָפיס. אין דער יוניאָן בין איך גאָר ניט געווען קיין „גרינער״ און מיין שכל־הישר האָט מיר געזאָגט: „שמואל, דאָס איז דיין געלעגנהייט עפּעס צו טאָן פאַר די קרבנות פון נאַציזם, אָנשטאָט צו וויינען אויף זייער גורל, ווי דו האָסט עס געטאָן ביז איצט.״

איך דערמאָן זיך אַז איך בין אין 1943 דעלעגירט געוואָרן פון אַרבעטער־רינג צו ריידן ביי אַ פאַרזאַמלונג אין אָנדענק פון די העלדן, וואָס זיינען אומגעקומען אין דעם געטאָ־אויפשטאַנד אין וואַרשע, אין אַפּריל 1943. איך האָב זיך צוגעגרייט צו שילדערן דעם דאָזיקן היסטאָרישן פאַרמעסט צווישן אַ הייפעלע יונגע מענער און פרויען, מיט דער מערדערישער מיליטערישער מאַשין פון דעם דייטשן דריטן רייך. אָבער איך בין צו מיין רעדע ניט דערגאַנגען. כ׳האָב אָנגעהויבן די ערשטע ווערטער און אַ שטראָם טרערן האָט זיך דורכגעריסן. האָב אָנגעהויבן וויינען אויפן קול און די פאַרזאַמלטע האָבן מיטגעוויינט. אַזוי האָט זיך פאַרענדיקט מיין ערשטע אָנדענק־רעדע פונעם נאַצישן חורבן. אָבער איצט, האָב איך געטראַכט, איז די צייט פון מעשים. אָט שטייען פאַר דיר די לעבעדיקע מענטשן, די רעשטלעך פון די היסטאָרישע קאַמפן אין די געטאָס און קאָנצענטראַציע ־ לאַגערן. די העלדן פון דעם דריטן חורבן אין דער יידישער געשיכטע און עס ליגט טיילוויז אין דיינע הענט די מעגלעכקייט זיי צו קענען העלפן דורך געפינען דעם וועג צו אַ נאָרמאַלן לעבן.

## די הילפס-אַרבעט האָט זיך איינגעגעבן

איך דערמאָן זיך היינט מיט וואָס פאַר אַן אימפּעט איך האָב זיך אַריינגעוואָרפן אין דער אַרבעט צו געפינען דזשאַבס פאַר די ניי־געקומענע. און איך האָב די דאָזיקע אַרבעט געמוזט טאָן אין צוגאָב צו מיינע פונקציעס אַלס ביזנעס־אַגענט: דורכקומען וועגן פּרייזן פאַר שטיקאַרבעט, אויסגלייכן שאַפּ־קריוודעס צווישן אַרבעטער און באַלעבאַטים און בכלל סיכסוכים צווישן איין בעל־מלאכה און אַן אַנדערן.

דער עיקר אָבער איז געווען צו געפינען דזשאַבס. די צייט איז גראָד געווען גינסטיק. די באַקלייד־אינדוסטיע האָט באמת געהאַט אַ דוחק אין אַרבעטער. אין דער מלחמה־צייט איז די פּראָדוקציע פון אַרטיקלען געווען קאָנצענטרירט אויף די מלחמה באַדערפענישן. אַ גרויסער טייל פון דער אַרבעטנדיקער באַפעלקערונג איז געווען מאָביליזירט. אַמעריקע האָט אין אַ קורצער צייט געמוזט אויסבילדן און אויסשטאַטן אַן אַרמיי פון עטלעכע מיליאָן מענטשן אויף אונטערצוהאַלטן די כמעט אויסגעשעפּטע ענערגיע און קאַמפּסמאַכט פון די אַליאירטע אַרמייען אין אייראָפּע, וועלכע האָבן געבלוטיקט אונטער דעם ריזיקן שלאָג־כוח פון די נאַציס.

אָבער נאָך דער מלחמה איז די גרויסע פּראָדוקציע־קראַפט פון די פאַראייניקטע שטאַטן מיט אַ מאָל פריי געוואָרן און צוריק גענומען אַרבעטן אויף קאָנסום־אַרטיקלען. די קליידער־אינדוסטריע האָט גענומען אַרבעטן מיט „פולער פּאַרע" אויף צו באַפרידיקן דעם אָנגעזאַמלטן נאָכפרעג אויף קליידער־אַרטיקלען פון יעדן מין. שעפּער פון דרעסעס, קלאָוקס, סקוירטס, אונטערקליידער און אַנדערע אַרטיקלען האָבן געדאַרפט האָבן אַרבעטער און דער נייער, ליידער אומגליקלעכער רעזערוו פון מענטשן פון די לאַגערן האָט געזאָלט אויספילן דעם בלויז אין אַרבעטסקראַפט, וואָס די מלחמה האָט געשאַפן. אָבער די מענטשן וואָס זיינען געבליבן פון די לאַגערן אין דייטשלאַנד און פוילן זיינען געווען מיד, פאַרמאַטערט און געווען קנאַפּ וואָס צוגעגרייט צו ווערן אַ פּראָדוקטיווער עלעמענט אין אונדזער אינדוסטריע.

מיט די וואָס זיינען געווען שניידערס פון דער היים איז געווען אַ קליינע צרה, הגם אויך זיי האָט מען געדאַרפט לערנען די פיל מער נייע פּראָדוקציע־מעטאָדן אין אַמעריקאַנער שעפּער. אָבער עס זיינען אויך געקומען סטאָליערס, מעטאַל־אַרבעטער, בלעכערס, שלאָסערס, גאַרבערס, קצבים און מענטשן וואָס זיינען געווען באַשעפטיקט ביי יידישע פּרנסות. און עס זיינען געקומען יונגע מענער און פרויען וואָס די נאַצי־מערדער האָבן פאַרכאַפּט צוזאַמען מיט זייערע עלטערן אין פוילן, אונגאַרן, אוקראַינע און ווייס־רוסלאַנד.

די דאָזיקע יונגע מענטשן — אַ גרויסער טייל פון זיי זיינען געווען 14, 15 און 16 יאָר אַלט — האָבן ניט געהאַט קיין געלעגנהייט צו לערנען קיין שום פאַך אין דער אַלטער היים און האָבן געדאַרפט ערשט נאָך דער מלחמה זיך צופּאַסן צו אַן אַרבעט, וואָס זאָל זיי העלפן זיך איינאָרדענען.

איך טראַכט היינט, וואָס פאַר אַ גרויסע אויפגאַבעס עס זיינען דאַן געשטאַנען פאַר דער יוניאָן איינצואָרדענען אָט די מענטשן אין אונדזער אינדוסטריע. די דאָזיקע אַרבעט האָב איך פרייוויליק, מיט איבערגעגעבנקייט און טיפער סימפּאַטיע, אויף זיך גענומען. דער געפיל, אַז מען מוז ראַטעווען, אַז מען טאָר ניט דערלאָזן אָט דאָס רעשטל פון אונדזער פאַרשניטענעם פאָלק אונטערגיין, האָט מיר געגעבן כמעט אוממענטשלעכע כוחות זיך צוווידמען דער דאָזיקער אַרבעט.

ביסלעכווייז איז מיין יוניאָן־אָפיס אין דער ניו־יאָרקער קלאָוק־דזשאָינט באָארד געוואָרן דער זאַמלפונקט פון די ניי־געקומענע. יעדן פרימאָרגן זיינען געקומען נייע אָנבאָטן פאַר וועלכע מ'האָט געקענט זוכן און געפינען דזשאַבס. ס'איז שוין געוואָרן כמעט אַן איינשטעלונג, אַז ווען אַ נייער אימיגראַנט איז געקומען פון די לאַגערן, האָט מען אים געשיקט צו מיר. מיין גוטער חבר יאָסל גוטגאָלד ז"ל פלעגט מיר זאָגן: „זיי מיינען אַז איר זענט אַ ספּעציעלער פאָרשטייער פון „בונד" אויף איינצואָרדענען די געראַטעוועטע פון די לאַגערן.

איך האָב איינגעשטעלט אַ פאַרבינדונג מיטן יידישן אַרבעטער־קאָמיטעט, מיט דעם ליבן חבר לאַזאַר עפּשטיין, וואָס ווען נאָר אַן אַרבעטער איז געקומען אין זיין אָפיס, אפילו ווען ער האָט ניט געהאַט קיין שום שייכות מיט שניידעריי, האָט ער אים צוגעשיקט צו מיר.

די יוניאָן איז פאָרמעל באַשטאַנען אַריינצונעמען יעדן ניי־געקומענעם אַלס מיטגליד, פאַר אַ מינימום איינטריט־אָפּצאָל, און אים געבן אַלע רעכט און בענעפיטן פון אַ מיטגליד. אָבער צו ערשט האָט מען געמוזט געפינען אַ דזשאַב און דאָס איז געווען די שווערסטע זאַך.

דעם אמת געזאָגט, האָבן ניט אַלע באַלעבאַטים געוואָלט אַריינגעמען אַ נייעם אימיגראַנט און אים געבן באַשעפטיקונג, און אויך ניט יעדער בעל־מלאכה האָט געוואָלט נעמען אַזאַ נייעם אימיגראַנט אונטער זיין שוץ און אים העלפן שטעלן די ערשטע טריט אויף צו לערנען די מלאכה. איך האָב אפילו געהאַט פאַלן ווען עלטערע תושבים זיינען געקומען צו מיר און געטענהט: פאַרוואָס זאָלן אָט די „גרינע" קריגן דעם זעלביקן לוין וואָס מיר קריגן היינט נאָך יאָרן אַרבעט אין שוויץ־שעפּער. זאָלן זיי אויך זיך מוטשען, ווי מיר, און אָנהייבן ווי מיר האָבן אָנגעהויבן. זאָלן זיי וויסן וואָס עס מיינט זיין אַן אימיגראַנט אין אַמעריקע.

מיין פריינד און חבר הענעך מענדלסאָן, אַליין אַ ניי־געקומענער וואָס האָט זיך טאַקע שטאַרק געמוטשעט ביז ער האָט זיך איינגעאָרדנט אַלס אַרבעטער אין שאַפּ, איז מיט דער צייט געוואָרן דער סעקרעטאַר פון לאָקאַל 9 קלאָוק פינישערס. האָבן מיר ביידע באַשלאָסן איינצופירן קורסן אין די אָוונט צו קנעלן, פון איין זייט מיט די ניי־געקומענע וועגן דער געשיכטע פון דער יוניאָן און זיי העלפן אינטעגרירן ווי נייע נוצלעכע מיטגלידער אין דער אָרגאַניזאַציע, פון דער אַנדערער זייט לערנען די „אויסגעגרינטע" ווי אַזוי מ׳דאַרף שאַנעווען די געפילן פון די נייע מענטשן, וועלכע זיינען דורכגעגאַנגען די שיבעה מדורי גיהנום פון די לאַגערן, בעת מיר, אין אַמעריקע, האָבן געלעבט אין זיכערקייט און אפילו געהאַט מער פרנסה ווי פריער.

שפּעטער האָט די אויסבילדונגס אַרבעט געטאָן דער ליבער חבר מאַקס אַלעקסאַנדראָוויטש, אויך אַ ניי־געקומענער וואָס האָט איבערגענומען מענדעלסאָנס אַמט. ער האָט געהאַט אויסערגעוויינלעכן געדולד און סימפּאַטיע פאַר די נייע אימיגראַנטן און האָט ביז צו זיין רעטייערמענט זייער אַ סך געטאָן. ליידער האָבן ניט אַלע יוניאָן־באַאַמטע, אפילו ניט אַלע ביזנעס־אַגענטן, קאָלעגן אין מיין אָפיס, אַרויסגעוויזן די געהעריקע גרייטשאַפט צו העלפן אין דער איינאָרדענונג פון די ניי־געקומענע.

לאָמיר דאָ דערציילן עטלעכע כאַראַקטעריסטישע פאַלן, וואָס וואַרפן אַ שיין אויף די באַזונדערע שוועריקייטן אין מיין אַרבעט און אויף די מענטשן וועמען מיר האָבן געהאָלפן קריגן דזשאַבס און צוריקגעפינען דעם וועג צו אַ נאָרמאַלן פּראָדוקטיוון לעבן.

## מיין שטילער לאַנדסמאַן

אין מיין אַרבעט האָב איך זיך באַקענט מיט איינעם וואָס איז געקומען פון מיין געבוירן־שטאָט פולאַוו. אגב איז געווען אַ היפּשע צאָל לאַנדסלייט מיינע, באַפרייטע פון די לאַגערן, וועלכע זיינען געקומען צו מיר אין אָפיס. זיי האָבן מיר דערציילט וועגן די לעצטע טעג פונעם לעבן פון דער יידישער קהילה אין פולאַוו, וועגן מיינע עלטערן און ברודער וועלכע זיינען שפּעטער אומגעקומען.

אַ טייל פון אָט־די לאַנדסלייט זיינען שפּעטער געוואָרן די איניציאַטאָרן אַרויסצוגעבן דעם יזכור־בוך פון פולאַוו, אויף וועלכן איך האָב טראָץ אַלע שוועריקייטן געפונען צייט צו אַרבעטן. אַ דערגרייכונג אויף וועלכער איך בין באַזונדערס שטאָלץ, אָבער דאָס איז שוין אַן אַנדער געשיכטע.

איינער פון מיינע לאַנדסלייט, אגב אַ גוטער שניידער פון דער היים, איז משמעות אַריינגעפאַלן אין אַ מרה־שחורה און זיך אָפּגעזאָגט צו ריידן צו מענטשן. ער פלעגט קומען אין אָפיס, זיך אַוועקזעצן אין אַ ווינקל און שטיל וואַרטן. אין איינעם אַ פרימאָרגן בעת עס זיינען, ווי געוויינטלעך, געקומען מיינע „קליענטן", איז דער דאָזיקער לאַנדסמאַן, מיר וועלן אים דאָ רופן שייע, צוגעקומען צום טיש, אַוועקגעלייגט זיינע ביידע הענט, ווי ער וואָלט וועלן ווייזן, אַז ער האָט אויך הענט צו דער אַרבעט, און מיט אַ געדריקטער שטימע געפרעגט: „און וואָס וועט זיין מיט מיר?"

— וואָס, איר זענט נאָך אַלץ ניט איינגעאָרדנט? — האָב איך געפרעגט. — ניין — האָט ער טרויעריק געענטפערט. — אין דעם לעצטן שאַפּ ווו איך האָב געאַרבעט עטלעכע טעג, האָב איך געמוזט אַוועק. עס האָט זיך אַרויסגעשטעלט נאָכדעם ווי איך האָב גערעדט מיט עטלעכע בעל־מלאכות, אַז ער וויל ניט מיט קיינעם רעדן. ער זיצט און מורמלט צו זיך אַליין,

טייל מאָל האָט עס אויסגעזען ווי ער וואָלט געהאַט אַ וויכוח מיט עמעצן. אין לאָנטשצייט פלעגט ער זיך אָפּטיילן פון דער גאַנצער גרופּע אין שאַפּ. ביסלעכווייז האָבן די אַרבעטער גענומען אים באַטראַכטן ווי אַ משוגענעם און ניט געוואָלט האָבן מיט אים קיין שום מגע־ומשא. ביז ער איז אַ פאַרביטערטער אַוועק פון שאַפּ.

זֵבער יענעם פרימאָרגן, ווען ער איז אַזוי אומעטיק אַרויסגעקומען פון זיין ווינקל און אַ פרעג געטאָן: „וואָס וועט זיין מיט מיר?" בין איך אַליין אויך אַוועק אין אַ ווינקל און זיך אויסגעוויינט. וואָס טוט מען דאָ מיט אָט דעם מענטשן? איך האָב אים אָנגענומען פאַר דער האַנט: „קומט מיט מיר. מ'וועט מוזן געפינען אַ דזשאַב פאַר אייך."

איך האָב אים אַריינגעפירט אין אַ שאַפּ וווּ עס אַרבעטן בלויז אימיגראַנטן פון איטאַליע. דאָס איז געווען אַ קאָנטראַקטאָר־שאַפּ פון „קאַרמעל בראָדערס", אַ פירמע וואָס פּראָדוצירט אַ גוטע ליין אַרבעט. אַלץ וואָס דער איטאַליענישער קאָנטראַקטאָר האָט געוואָלט וויסן: איז ער אַ גוטער בעל־מלאכה?

דער קאָנטראַקטאָר האָט מסכים געווען אים צו געבן אַרבעט. זינט דאַן האָב איך שוין מיין לאַנדסמאַן ניט געזען. אגב האָב איך געהאַט אַן איינשטעלונג, אַז ווען איך האָב אַ געוויסע צייט ניט געהערט פון מיינעם אַ „קליענט" האָב איך געוווּסט, אַז ער איז איינגעאָרדנט. מחמת עס האָט זעלטן פּאַסירט, אַז מ'זאָל קומען אין אָפיס פאַר אַזאַ קליינינקייט ווי זאָגן אַז ער איז צופרידן אָדער זאָגן אַ דאַנק.

אין אָט דעם איטאַליענישן שאַפּ האָט קיינער אים נישט „געבאַדערט". עס איז געווען נאַטירלעך אַז ער זאָל צו קיינעם ניט ריידן. וואָס וועט ער ריידן, איטאַליעניש? און עס איז געווען נאַטירלעך, אַז ער זאָל ניט זוכן קיין שום פאַרבינדונג מיט קיינעם אין שאַפּ. דער באַלעבאָס איז געווען דאַנקבאַר וואָס איך האָב אים געגעבן אַזאַ גוטן אַרבעטער און איך האָב געהאַט אַ געפיל, אַז איך האָב געראַטעוועט אַ מענטשן פון משוגעת. שפּעטער האָט מען מיר דערציילט, אַז ער האָט געפונען אַ מיידל און חתונה געהאַט.

# אַ מעטאַל-אַרבעטער ווערט אַ שניידער

אין איין פרימאָרגן טעלעפאָנירט לאַזאַר עפּשטיין און דערקלערט מיר, אַז ער האָט אין אָפיס איינעם פון די לאַגערניקעס וואָס איז געווען אין דער היים אַן אייזן־אַרבעטער. „קענט איר עפּעס טאָן פאַר אים צו קריגן אַ דזשאַב?" פרעגט ער. „ר'איז אַ פיינער יונגערמאַן, מ'דאַרף אים העלפן."

אַ האַלבע שעה שפּעטער זיצט פאַר מיר אַ יונגערמאַן, מיט נערוועישע אויגן און פרעגט: „וואָס קען מען טאָן?" ער האָט ניט קיין שום באַקאַנטע אין דעם מעטאַל־טרייד און די יוניאָן קען פאַר אים גאָר ניט טאָן. דאָס איז געווען ניט קיין לייכט פּראָבלעם: ווי קען מען מאַכן פון אַ מעטאַל־אַרבעטער אַ שניידער? אָבער עס איז ניטאָ קיין אַנדער ברירה.

איך האָב זיך פאַרבונדן מיט איינעם פון אונדזערע קאָנטראַקטאָרס, וואָס האָט אַ קליינעם שאַפּ פון 6 מענטשן און אים „פאַרקויפט" די אידעע, אַז מ'דאַרף דעם יונגנמאַן אויסלערנען נייען אויף אַן עלעקטרישער ניי־מאַשין. אין דער היים האָט ער גענייט — האָב איך אים געזאָגט אַ ליגן — אַזוי אַז ס'וועט ניט זיין שווער אים צו לערנען נייען קלאָוקס. דער קאָנטראַקטאָר האָט מסכים געווען.

מיט עטלעכע טעג שפּעטער האָב איך באַזוכט דעם שאַפּ. „וואָס הערט זיך מיט מיין נייעם בעל־מלאכה?" פרעג איך דעם באַלעבאָס. מר. ווייס, דער יונגערמאַן וועט ניט זיין קיין קלאָוקמאַכער, אוממעגלעך." און דער קאָנטראַקטאָר פירט מיך אונטער אַ רעק קליידער און זאָגט מיר: „קוקט אויף אים, איר זעט ווי ער גייט?" און געזען האָב איך ווי דער יונגערמאַן גיט אַ לאָז די עלעקטרישע מאַשין און ווענדט זיינע בליקן ערגעץ אין דער ווייטקייט, ווי ער וואָלט פאַרגעסן ווו ער איז. פאַרטראַכט זיך אַ ווייַלע און לאָזט ווידער אים גאַנג די מאַשין. דער קאָשמאַר פונעם לאַגער האָט אים משמעות ניט אָפּגעלאָזט. „נעמט אים צו פונעם שאַפּ, איך בעט אייך", זאָגט צו מיר דער באַלעבאָס און ווייזט מיר אויף דער דלאָניע פון זיין האַנט: „אַזוי ווי דאָ־אָ

קען קיין האָר ניט וואַקסן אַזוי וועט ער ניט זיין קיין בעל־מלאכה. אַחוץ דעם האָב איך מורא, ער קען אַריינכאַפּן זיין האַנט אין דער ניי־מאַשין און עס וועט זיין אַ קאַטאַסטראָפע. ניין, איך וויל ניט זיין זיין מלאך־המוות.”

אָבער איך האָב ניט אָפּגעלאָזט, האָב איינגעטענהט מיט דעם יונגנמאַן, אים דערקלערט די געפאַר זיך פלוצעם צו פאַרטראַכטן ביי אַן עלעקטרישער מאַשין. אַחוץ דעם מוז ער פאַרגעסן דעם לאַגער און טראַכטן וועגן זיין צוקונפט. ער מוז זיך אויסלערנען דאָס פאַך. ער האָט גראד געהאַט מיטגעבראַכט אַ ווייב פונעם לאַגער אָדער אפשר פון דער אַלטער היים און אַ זייער פעיקע פרוי. זי האָב איך שפּעטער איינגעאָרדנט אַלס אַ לייבינגמאַכער און זי האָט ניט שלעכט פאַרדינט. זי האָט מיטגעווירקט ער זאָל ביסלעכוויז געפינען דעם וועג צו אַ ניי לעבן. עס איז שווער צו גלייבן, אָבער דער יונגערמאַן איז דווקא געוואָרן אַ גאָר גוטער קלאָוקאָפּערייטער.

מיט עטלעכע יאָר שפּעטער, ווען איך בין שוין געווען געהילף־רעדאַקטאָר פון דער „גערעכטיקייט” און בין ניט מער געווען פאַרבונדן מיט דער אינדוסטריע, האָט מען מיר דערציילט, אַז דער יונגערמאַן האָט זיך ניט נאָר אויסגעלערנט דאָס פאַך, נאָר ער איז אַליין געוואָרן אַ באַלעבאָס פון אַ שאַפּ.

בכלל זיינען די געראַטעוועטע פון די לאַגערן געווען אומגעווינלעך פעיקע מענטשן. דאָס האָט דאָך אייגנטלעך זיי געהאָלפן בלייבן לעבן. זיי האָבן נאָר געדאַרפט אַ ביסל הילף און מענטשלעכע באַהאַנדלונג, איבערברעכן זייער אומצוטרוי צו זיך אַליין און זיי אַרויספירן אויפן נאָרמאַלן וועג פון לעבן.

שלעכט איז נאָר געווען מיט די וואָס זיינען נאָך דער באַפרייונג געוואָרן פיזיש קראַנק און געדאַרפט האָבן אַ שפּיטאָל מער ווי אַ דזשאַב צו אַרבעטן. אַזאַ פאַל האָבן מיר געהאַט מיט אַ יונגנמאַן וואָס איז געוואָרן קראַנק אויף שווינדזוכט. עס קען זיין, אַז ער איז נאָך געווען קראַנק אינעם לאַגער, אָבער אין דעם אימפּעט האָט ער פאַרגעסן זיין צושטאַנד. ערשט זיין פרוי איז געקומען אין אָפיס, האָט מיר אויפמערקזאַם געמאַכט, אַז איר מאַן ליידט פון טובערקולאָזיס און מוז האָבן הילף.

צום ערגסטן איז געווען מיט זיין איינרעדעניש, אַז דאָס וואָס ער שפּייט מיט בלוט איז בלויז אַ פאַרבייגייענדיקע קראַנקייט. זאָל מען אים נאָר לאָזן אַרבעטן, וועט שוין אַלץ זיין אין אָרדענונג. די יוניאָן האָט אים אָבער ניט געלאָזט אַרבעטן אין שאַפּ, מחמת עס וואָלט געווען געפערלעך פאַר די אַנדערע אַרבעטער און געפערלעך פאַר אים אַליין, מער געפערלעך ווי ער האָט אַליין פאַרשטאַנען.

די יוניאָן האָט געהאַט אַ פאַרבינדונג מיטן „דעבאָראַ סאַנאַטאָריום” אין ניו־דזשוירזי, וואָס איז געשטיצט געוואָרן פון אונדזער אָרגאַניזאַציע און מיר האָבן געהאָפט אפשר וועט מען אים קענען איינאָרדענען אין אָפיס ביי אַ לייכטער אַרבעט.

פון דער האָפענונג האָט זיך אויסגעלאָזט אַ בוידעם, צוגלייך מיט אַנדערע ענלעכע פאַלן, אָבער אַ מענטש איז געראַטעוועט געוואָרן.

## מזל-טוב

איינע פון די געראַטעוועטע איז געווען אַ יונג מיידל פון אונגאַרן. זי האָט זיך אויסגעלערנט יידיש אינעם לאַגער און איז געווען אַ זייער פעיקע אַרבעטערין.

ווען זי איז צוזאַמען מיט אירע פרומע עלטערן און שוועסטערס פאַרשיקט געוואָרן קיין דייטשלאַנד אינעם קאָנצענטראַציע־לאַגער, איז זי געווען אין גאַנצן 14 יאָר אַלט. 4 יאָר איז זי געווען אינעם אַרבעטס־לאַגער. ווען זי איז געבראַכט געוואָרן קיין ניו־יאָרק דורך דער יוניאָן, איז ניט געווען שווער זי איינצואָרדענען אין אַ שאַפּ. זי איז געווען אַ גוטע בייטאָרין און האָט זיך לייכט געקענט צופּאַסן צו יעדער אַרבעט אין אַ שניידער־שאַפּ. זי אַליין האָט זיך ניט געקענט איינלעבן מיט די מענטשן אינעם שאַפּ. זי האָט עס געוווּסט, אָבער זי האָט זיך ניט געקענט העלפן.

דעם ערשטן דזשאַב וואָס מיר האָבן פאַר איר געקראָגן איז געווען אין אַ „סקוירט שאַפּ”. דער ערשטער סעזאָן איז

געווען גאַנץ גוט, אָבער מיט אַ מאָל קומט זי אינעם אָפיס: זי וויל מ'זאָל איר געבן אַן אַנדער דזשאַב: „דאָס זענען עפּעס ווילדע מענטשן אינעם שאַפּ. די יונגען טשעפּען זיך צו איר און אויך דער פאָרמאַן געפעלט איר ניט." איך האָב פאַר איר געפונען אַ קליינעם דזשאַב צו אַרבעטן אויף שאַלן און אַנדערע קליידער־צודאַטן. די מלאכה האָט זי זיך שנעל אויסגעלערנט, אָבער אין אַ קורצער צייט איז זי ווידער געקומען: זי וויל אַן אַנדערן דזשאַב. זי האָט זיך צעקריגט מיט דער טשערליידי און זי קען זי ניט פאַרטראָגן.

און אַזוי איז געווען אין עטלעכע שעפּער. זי פלעגט זיך גיך צוכאַפּן צו דער אַרבעט, אָבער צו די מענטשן אַרום איר האָט זי זיך ניט געקענט צופּאַסן. דער לעצטער דזשאַב ווי מיר האָבן זי איינגעאָרדנט האָט פּראָדוצירט בלוזקעס. נאָר איין מאָל קומט זי אין אָפיס, זעצט זיך אַוועק לעבן מיין טישל און צעכליפּעט זיך אויפן קול. וואָס האָט פּאַסירט? דער ביזנעס־אַגענט פונעם שאַפּ האָט איר אַ פרעג געטאָן: „ווי געפעלט דיר אַמעריקע?" האָט זי אים פּראָסט און פּשוט געזאָגט, אַז זי איז געקומען קיין אַמעריקע ווייל זי האָט ניט געהאַט קיין אַנדער ברירה און דער דזשאַב איז אויך ניט אַזוי אַי־אַי. האָט זיך דער ביזנעס־אַגענט, אַן אַמעריקאַנער געבוירענער יונגערמאַן, אויף איר צעשריגן: „וואָס, עס געפעלט דיר ניט אַמעריקע? קענסטו צוריקגיין פון וואַנען דו ביסט געקומען."

דאָס האָט דער יונגער פרוי אַ ריס געטאָן ביים האַרצן. „וואָס? דו שיקסט מיך צוריק פון וואַנעט איך בין געקומען?" האָט זי אויף אים גענומען שרייען. „דו ווייסט ווו איך בין געווען? דו האָסט געפרעסן און געזויפט און געלעבט אין זיכערקייט מיט דיין משפחה און געגאָסן פון אַלץ. ווייסטו ווו איך בין געווען?" און אַזוי וויינענדיק איז זי געקומען צו מיר אין אָפיס. עס איז געווען שווער זי צו באַרויקן. אין איר קעגנוואַרט האָב איך טעלעפאָנירט דעם אָפיס פון דעם לאָקאַל און געבעטן צו שיקן דעם ביזנעס־אַגענט. איך געדענק שוין ניט וואָס איך האָב געזאָגט דעם יונגנמאַן, נאָר ער האָט גענומען זיך בעטן:

„שיק זי צוריק צו מיר, איך וויל זיך פאַר איר אַנטשולדיקן און וועל זי אַליין אַריינפירן אין שאַפּ און זען זי זאָל זיך איינאָרדענען."

דאָס לעצטע מאָל ווען אָט די יונגע אַרבעטערין איז געקומען אין מיין אָפיס איז שוין געווען אַ פאַרגיטיקונג פאַר מיינע צרות. באַלד אויף דער שוועל האָט זי אַ פריילעכע אַ זאָג געטאָן: „ברודער וויס, היינט בין איך ניט געקומען בעטן אַ דזשאַב. איך בין געקומען אייך איינלאַדן צו מיין חתונה." און זי ווייזט מיר מיר אַ ר י נ ג ל וואָס איר חתן האָט איר געגעבן. זי האָט נעכטן תנאים געשריבן און זי וויל איך זאָל, צוזאַמען מיט מיין פרוי, קומען צו דער חתונה.

איך האָב ליידער ניט געקענט זיין ביי איר חתונה, אָבער איך האָב אין מיין טאָגפאַרצייכעניש געשריבן: „היינט איז אַ גליקלעכער טאָג אין מיין לעבן. אַ נייער מענטש און אפשר אויך אַ נייע משפחה איז ווידער געבוירן געוואָרן."

* * * * *

ווען איך בין אַריבער אַרבעטן אין דעם אינטערנעשאָנאַל אָפיס אין דעצעמבער 1950' אויפן פאַרלאַנג פון דובינסקין, אויף מיין נייעם אַמט אַלס געהילףרעדאַקטאָר פונעם יוניאָן־זשורנאַל „גערעכטיקייט", האָב איך געהאַט אין מיין ביכל פאַרצייכנט נאָענט צו הונדערט מענטשן פון דער שארית־הפליטה וועמען איך האָב אַוועקגעשטעלט אויפן ערשטן אַרבעטספּלאַץ אין איינעם פון די שעפּער פון אונדזער אינדוסטריע. די יוניאָן האָט ברייט געעפנט אירע טירן פאַר אָט די מענער און פרויען און זיי געגעבן אַלע מעגלעכקייטן צוריק אָנצוהייבן זייער נאָרמאַל לעבן, וואָס די נאַצישע מערדער האָבן אַזוי ברוטאַל איבערגעריסן. ניט אַלע זיינען פאַרבליבן אַרבעטן אינעם שאַפּ, און ניט אַלע האָבן זיך באַמיט צו מאַכן אַ קאַריערע אין דער אַרבעטערבאַוועגונג.

אָבער איך באַטראַכט זיי אַלע ווי די העלדן פון אונדזער פאָלק. יעדער מענטש וואָס האָט געראַטעוועט זיין לעבן איז ווי ער וואָלט אויפגעטאָן די גרעסטע העל־

דישקייט. ער האָט דאָך געראַטעוועט אַ ייד, און ערגעץ אין אונדזערע כתבים איז פאַרשריבן, אַז ווער עס ראַטעוועט איין ייד איז ווי ער וואָלט געראַטעוועט דאָס גאַנצע יידישע פאָלק.״

* * * * *

צום סוף מוז איך מיט אַ פאַרקלעמט האַרץ פאַרצייכענען, אַז מיר איז אויסגעקומען אויך צו גיין צו לוויות פון די ניצול־געוואָרענע שארית הפליטה. פיזישע און אויך גייסטיקע ווונדן פון די לאַגערן האָבן זיך ניט לייכט פאַרהיילט און אַ טייל איז פריצייטיק געשטאָרבן. אַ טייל פון זיי זיינען מיר און אויך מיין פרוי פלאָראַן געוואָרן האַרציק באַענט ווי זיי וואָלטן געוואָרן מיטגלידער פון אונדזער משפחה און מיר האָבן זיך געפרייט מיט זייערע דערגרייכונגען. מיר האָבן אָנטייל גענומען אין די גליקלעכע מאָמענטן אין זייער לעבן און מיטגעוויינט מיט זייערע משפּחות ווען דער מלאך־המוות האָט איבערגעהאַקט זייער נייע לעבן.

אויף איינער אַזאַ לוויה האָבן מיר באַגלייט צום קבר איינע פון דובינסקיס פלימעניצעס, אַ יונג מיידל וואָס אויסערלעך האָט זי אויסגעזען צו זיין געזונט און שטאַרק, אָבער אינערלעך האָט אַ וואָרעם אויפגעפרעסן איר גוף. און מעג איך דאָ דערמאָנען, אַז דער טויט פון פייגע פינקלשטיין האָט אונדז זייער טיף געטראָפן. איך האָב זי געהאַט איינגעאָרדנט אין אַ ניו־יאָרקער קלאָוק־שאַפּ. שפּעטער איז זי אַוועק קיין דעטראָיט און דאָרט חתונה געהאַט מיט יצחק פינקלשטיין, אַ לאַנגיאָריקן בונדישן טוער. פייגע האָט זיך אויסגעצייכנט מיט איר צופּאַסונג־פעיקייט צום נייעם לעבן און זי איז געוואָרן אַקטיוו אין איר יוניאָן. ווען די משפחה האָט זיך אַריבערגעצויגן קיין לאָס אַנדזשעלעס, איז זי דערוויילט געוואָרן אַלס ביזנעס־אַגענטין אין איר יוניאָן־אָפּטייל. עס האָט מיר אויסגעזען, אַז זי וועט דערגרייכן אַ הויכע קאַריערע אין דער היגער אַרבעטער־באַוועגונג. אָבער דער טויט האָט ליידער איבערגעריסן אירע און אונדזערע האָפענונגען.

חיים קעניגער / פּאַריז

# לידער

## דער מכשף

זאָל זיין, כ׳בין אַ מכשף
און פאַרכישוף זיך אַליין.
אויך די שיין בלעטערט אויף די ווענט
און לעשט זיך אין פיין.
דאָרט קומען נישט די הענט
צו באַווייזן וווּנדער.
אונטער וואָלקנס פאַרגייט
דאָס רויטע ליכט אַצינדער
און אין אַ זייט
בלייבט ער אויפן ראַנד
פון דער לאַנגער נאַכט
מיט שאָטנס אויף דער וואַנט,
אין דעמערונג פאַרטראַכט.

## די קנויט

יעדער מענטש
האָט זיין געדאַנק —
פון גאָט געבענטשט
אַ געשאַנק.

יעדער פלאַם —
זיין אייגן פייער;
יעדן שטאַם —
אַ פרוכט־צושטייער.

ווען דער פלאַם ווערט גרויס
פלאַקערט די קנויט.
דער אָטעם גייט אויס
און דער הימל גרויט.

---

די פריצייטיק פאַרשטאָרבענע זיינען אַלע געוועזן קרבנות פון די נאַצי־לאַגערן. זאָלן אָט די פאַרצייכענונגען, וואָס גיבן קוים אַ בילד פון אָט דער טראַגישער תקופה, זיין געווידמעט זייער הייליקן אָנדענק.

די שכינה נידערט צו דער ערד
און בעט פֿאַרגעבן
דעם, וואָס איז ווערט
דאָס אייביקע לעבן.

## דער קרבן

אַרום מיר שפּינט דער טאָג
און וועבט פֿון זיידן־פֿעדעם אויס
אַ בריק צווישן צייט און מיר. איך טראָג
דעם קנויל פֿעדעם אין מיין שויס.

די פֿעדעם שטיקן מיין געמיט
ווי אַ חיה אין וואַלד
ווען זי זעט דאָס בלוט
אין קרבנס געוואַלד.

אין אומגעריכטן בויג
געפֿינט זי דעם קרבן.
זי גיט צום האַלדז זיך אַ בויג
כדי אים צו וואַרגן.

## דער וועכטער

איך זוך אין שפּיגל מיין בילד
אין תהום דערקייקלט ביז פֿאַרגאַנג.
אַ ניי בילד שיינט דורך, פֿאַרהילט
שטיל אַזוי אָן איין קלאַנג.
ווער קאָן אַ שפּיגלהאַרץ פֿאַרשטיין?
יעדער זעט דורך אים די יאָרן זיך אָפּשיידן
דורך דורות איינגעקריצט אין שטיין.
דער שפּיגל קלעקט שוין נישט פֿאַרביידן.
דער שפּיגל האַלט זיך אויף אַ האָק;
ער פֿאַלט און ברעכט זיך מיט דער אייגענער ראַם.
דער נאַכטוועכטער ציטערט ביים טונקעלן ראָג.
וואָס היט ער דאָרט? אפשר דעם אייגענעם שטאַם.

# א הסתדרות
# אניואיטי טראסט-קאנטראקט

— פון דער —

# ישראל הסתדרות פונדאַציע

אינקאָרפּאָרייטעד

פאַרזיכערט אייך און אייער פרוי:—

- אַ יערלעכע הכנסה אַזוי הויך ווי 10% (לויט די יאָרן) און
- באַדייטנדיקע איינשפּאָרונגען: הכנסה־שטייער, ירושה־שטייער, „פּראָבעיט"־הוצאות, ווי אויך פונעם „קאַפּיטל־געינס"־שטייער אויף סעקיוריטיס, וואָס איר האַלט לענגער ווי 6 חדשים.

**זייט איר פאַראינטערעסירט...**

**אין העלפן זיך אַליין דורך העלפן ישראל?**

**אויב יאָ... טוט זיך אַליין אַ טובה און דערקונדיקט אייך וועגן דעם נייעם 10% פּראָצענט הסתדרות אַניואיטי טראָסט פונדאַציע.**

ריכטער סעם ס. שוואַרץ, ערן־פּרעז. ◉ מערווין קורצמאַן, פּרעזידענט
אברהם פרענק, דירעקטאָר

שניידט אויס דעם קופּאָן און שיקט צו דורך פּאָסט:

- - - - - - - - - - - - - - - - - - -

**HISTADRUT ANNUITY TRUST**
**of the ISRAEL HISTADRUT FOUNDATION, Inc.**

8455 Beverly Blvd., Suite 402 • Los Angeles, Calif. 90048
Telephone: 658-6334

APPLICATION for Histadrut Annuity Trust Agreement

To be issued to................................................................

Address................................................................

Date of Birth..............................Soc. Sec. No..............................

Principal Amount $................................................................

Date......................Signature of Applicant..............................

# שרייבערס און ביכער

לילי בערגער / פּאַריז

## דאָס בוך „מילענאַ" און זיין מחבר

מילענאַ איז דער נאָמען פון אַ גרויס־מוטיקער, ווירדיקער, טשעכישער פרוי. און דער נאָמען איז שוין זינט יאָרן אַריין אין דער געשיכטע פון דער ליטעראַטור. פאַראַן דאָך אַ רירנדיק בוך, וואָס טראָגט דעם טיטל „בריוו פון מילענאַ". דאָס זענען, ווי באַקאַנט, פראַנץ קאַפקאַס בריוו צו דער יונגער, ענטוזיאַסטישער מילענאַ — ליבע־בריוו, דורכגעשפּינטע מיט פּי־לזָ סאָפישע סענטענצן. די הייסע ליבע צווישן פראַנץ קאַפקאַ און מילענאַ יאַסענסקאַ איז צום גרעסטן טייל געקומען צום אויסדרוק אין בריוו, וואָרעם קאַפקאַ, ווי באַקאַנט, האָט בעת זיין קורצן לעבן געוווינט אין פּראָג און מילענאַ האָט אין דער צייט פון זייער פאַרליבטשאַפט געלעבט עטלעכע יאָר אין ווין און באַגעגנט האָבן זיי זיך בלויז צייטנווייז. און דאָך האָט קאַפקאַ אין אַ בריוו געשריבן צו מילענאַ: „אָדער די וועלט איז גאָר קליין, אָדער מיר ביידע זענען גיגאַנטיש גרויס, יעדנפאַלס מיר פילן זי אויס, די וועלט..."

דער בריוו־אויסטויש איז אָנגעגאַנגען צווישן די יאָרן 1920־22. צוויי יאָר שפּעטער איז קאַפקאַ געשטאָרבן. צוואַנציק יאָר נאָך זיין טויט איז מילענאַ אומגעקומען אין היטלעריסטישן לאַגער אין ראַווענסברוק. בעת דער אָקופּאַציע פון טשעכאָסלאָוואַקיע, ריכטנדיק זיך אויף אַ רעוויזיע, האָט די מוטיקע ווידערשטענדלערין מילענאַ איבערגעגעבן די בריוו אויסצובאַהאַלטן איר פריינד, דעם שרייבער ווילי האַאַס, וועלכער האָט זיי אַרויסגעגעבן אָנהייב פופציקער יאָרן, פאַרזען מיט אַ הקדמה. אַזוי איז די מערקווירדיקע טשעכישע פרוי, ביי דער זייט פון קאַפקאַ, אַריין אין דער געשיכטע פון דער ליטעראַטור, הגם זי גופא האָט געהאַט גענוג קרובישעס מיט ליטעראַטור. אירע אייגענע בריוו צו קאַפקאַן זענען פאַרלוירן געגאַנגען. ס'איז זיך משער צו זיין, אַז קאַפקאַ האָט זיי פאַרניכטעט, ווי ער האָט אַנדערע מאַנוסקריפּטן פאַרניכטעט. און מיר וואָלטן וועגן מילענאַן נישט אַלץ געוווּסט.

איז אָבער דערשינען אין פראַנצויזישער איבערזעצונג (פון דייטשיש) אַ בוך פון אַן אַנדער מערקווירדיקער פרוי וועגן מילענאַ, אַ בוך צו וועלכן דער נאָמען דינט ווי אַ טיטל און איז געוואָרן מער ווי אַ ליטעראַרישע געשעעניש, אויסגעצייכנט געוואָרן אין פראַנקרייך מיטן פּרייז, וואָס עקזיסטירט פאַר פרעמד־שפּראַכיקע איבערגעזעצטע ווערק.

כדי צו שרייבן וועגן „מילענאַ" איז נייטיק צו שרייבן פריער וועגן דעם מחבר פונעם בוך. ס'וואָלט אויך געקענט דינען פאַר אַ טעמע וועגן צוויי מערקווירדיקע פרויען; נישט וויסנדיק פריער אַבסאָלוט גאָרנישט איינע פון דער אַנדערער האָבן זיי זיך באַגעגנט אין שאול תחתיה, נישט אויף אַ יענעם וועלטיקן גיהנום, נאָר אין אַ הייוועלטיקן, פינצטערן גיהנום. און אין גיהנומדיקע באַדינגונגען דערהויבן זיך צו הויכער מענטשלעכקייט, פאַרבינדן צווישן זיך אַ וואַרעמע פריינדשאַפט, געוואָרן איינע פאַר דער אַנדערער אַן אָנשפּאַר, געהאָלפן זיך ראַטעווען פון אומקום און געשפּינט צוזאַמען פּלענער אויף נאָך דער באַפרייונג.

די אַנדערע, די מחברין, הייסט מאַרגאַרעט בובער־נוימאַן. זי איז אויך מחברין פון אַנדערע ביכער, דער עיקר פון באַרימטן בוך „דעפּאָרטירט אויף סיביר."

מאַרגאַרעט בובער־נוימאַן האָט איבערגעלעבט צוויי גיהנומס. אַ געבוירענע אין אַ פּראָטעסטאַנטישער דייטשער מש־

פחה אין פּאָטסדאַם, האָט זי יונג חתונה
געהאַט מיטן זון פון באַרימטן מאַרטין בו־
בער, מיט רפאל בובער (אַגב רעדט זי
וועגן מאַרטין בובער מיט אַנטציקונג: „ער
איז געווען די איידלקייט און גוטסקייט
אַליין"— האָט זי אין אַן אינטערוויו גע־
זאָגט) אָבער געגאַנגען אין אַן אַנדער ריכ־
טונג ווי איר ערשטער מאַן. ראַפאל בובער
האָט שטודירט אַגריקולטור מיטן ציל צו
פאָרן קיין ארץ ישראל באַלעבן דאָס
פּאַרוויסטע לאַנד. ז י, ד י י ו נ ג ע
מ א ר ג אַ ר ע ט, איז גיך פאַרכאַפּט
געוואָרן פון קאָמוניסטישן אידעאַל,
געאַרבעט אין אַ קאָמוניסטישער שריפט,
וואָס האָט זיך געפונען אין הויז, וווּ ס'האָט
געאַרבעט אין דער „ראָטער פאַנע" דער
דעמאָלט באַקאַנטער קאָמוניסטישער דייַ־
טשער פירער היינץ נוימאַן, אַ מענטש פון
קאָמינטערן, וואָס האָט אויסגעפירט פאַר־
שידענע זיינע שליחותן אין פאַרשידענע
לענדער, הגם ער האָט שפּעטער נישט
אָנגענומען די שטעלונג אַז די סאָציאַל־
דעמאָקראַטיע, די סאָציאַליסטישע פּאַר־
טייען זענען דער הויפּט־שונא. ער איז
געוואָרן מאַרגאַרעטס צווייטער מאַן. אַ
באַדראָטער אַרעסטירט צו ווערן דורך די
נאַציס האָט ער צוזאַמען מיט מאַרגאַרעט
זיך געראַטעוועט קיין סאָוועט־רוסלאַנד.
אין 1937 איז ער אַרעסטירט געוואָרן.
זינט דעמאָלט איז פאַרלוירן געגאַנגען
יעדער שפּור נאָך אים. אַ יאָר צייט איז
זיין באַגלייטערין געווען אונטער פּאָליציי־
אישער אויפזיכט; אין 1938 אַרעסטירט
געוואָרן און פאַרמישפּט געוואָרן אויף 5
יאָר אַרבעטס־לאַגער.

„אַ קינדערישער אורטייל"—שרייבט זי.
אָבער די קאַרגע דריי יאָר לאַגער זענען
ווייט נישט געווען קיין קינדעריש. בלויז
דאָס איבערפירן די פאַרמישפּטע פרויען
פון מאָסקווע קיין קאַראַגאַנדע האָט זיי
אונטערגעבראָכן פיזיש און מאָראַליש.
אין טראַנזיט־לאַגער, וווּ זיי זענען גע־
שלאָפן „אויפן הוילן האַרטן דיל, זענען
ביינאַכט די שטשורעס אַזוי אומגעשטשערט
געשפרונגען איבער זיי, אַז פיל פרויען
האָבן באַקומען אַן אָנפאַל פון משוגעת."

זומער 1940 האָט מען צונויפגעזאַמלט
אַלע דייטש־רעדנדיקע אַנטיפאַשיסטישע
פרויען פון לאַגער און זיי טראַנספּאָרטירט
קיין מאָסקווע. אַ פונק פון האָפענונג האָט
אויפגעבליצט, מסתמא וועט מען זיי באַ־
פרייען, אַ סימן מ'האָט זיי געגעבן אַ מאָל־
צייט... דער טראַנספּאָרט מיט דער לעבע־
דיקער סחורה איז אָבער אַוועק ווייטער
און אויף דער דעמאָלטיקער גרענעץ אי־
בערגעגעבן געוואָרן אין די הענט פון דער
געשטאַפּאָ. נאָך מערערע אויספאָרשונגען
איז מאַרגאַרעט בובער־נוימאַן אָנגעקומען
אין לאַגער ראַווענסברוק, וווּ זי איז פאַר־
בליבן 5 יאָר, ביזן סוף מלחמה; מילענאַ
יעסענסקאַ איז שוין געווען אַן „איינוווי־
נערין" אין לאַגער.

די באַגעגעניש מיט מאַרגאַרעט איז גע־
וואָרן פאַר מילענאַ אַ קוואַל פון ידיעות
וועגן דער סאָוועטישער רעאַליטעט, וועגן
די דאַרטיקע לאַגערן. ס'האָט איבערגע־
שטיגן אירע ערגסטע פאַרדאַכטן. אויך
זי איז געהאַט געווען אין דער קאָמוניס־
טישער באַוועגונג. די פּראַצעסן אין די
דרייסיקער יאָרן, די דערשיסונגען האָבן
זי רעוואָלטירט. זי איז אויסגעשלאָסן גע־
וואָרן פון דער פּאַרטיי און צומאָל אין
לאַגער האָבן די אַרעסטירטע קאָמוניס־
טישע פרויען געקוקט אויף איר מיט פאַר־
דאַכט. דאַקעגן האָבן די טויזנטער פרויען־
לאַגערניקעס באַוווּנדערט איר האַלטונג,
איר אומדערשראָקענעם מוט, פּונקט ווי
אירע חברים האָבן באַוווּנדערט איר ווי־
דערשטאַנד קעגן די היטלעריסטישע אָקו־
פּאַנטן אין פּראַג.

אָט איז איין פאַל פון אַ סך: ווען זי האָט
זיך איין מאָל פאַרשפּעטיקט צום אַפּעל און
די היטלעריסטישע אויפזעערין האָט זיך
געלאָזט צו איר מיטן אויפגעהויבענעם
שטעקן, האָט מילענאַ זיך אויסגעגלייכט'
אויפגעהויבן דעם קאָפּ מיט שטאָלץ און
מיט אַזוי פיל כּישוף־אויסדרוק געקוקט
גלייך אין די אויגן פון דער אויפזעערין,
אַז די היטלעריסטין האָט אַראָפּגעלאָזט
דעם שטעקן. אָדער גאָר אַזאַ פאַל: מאַר־
גאַרעט איז אַריינגעוואָרפן געוואָרן אויף
אַ לענגערע צייט אין אַ פינצטער קאַמערל
אין לאַגער־תּפיסה, באַדראָט געווען אויס־
צוגיין פון הונגער. מילענאַ האָט נישט
געערוט טאָג און נאַכט און אויסגעפונען
מיטלען ווי אַזוי אַריינצושמוגלען פאַר איר
שפּייז. לסוף האָט זי ריזיקירט זיך צו
ווענדן צום הויפּט־געשטאַפּאָוועץ מיט אַ

צוגעטראַכטער פֿאַנטאַסטישער מעשה און די מעשה האָט געווירקט די אַרעסטירטע צו באַפרייען.

צווישן די זעקס טויזנט פֿרויען־לאַגער־ניקעס האָבן די צוויי אַרעסטירטע זיך אויסגעטיילט מיט זייער טיפֿער פֿריינד־שאַפֿט, אויסגענוצט יעטוועדע געלעגנהייט נאָך דער שקלאַפֿערישער אַרבעט צו טיילן זיך מיט דערפֿאַרונגען פֿון זייער לעבן, צוזאַמען געשפּינט פּלענער אויף נאָך דער באַפֿרייונג, פֿאַרטראַכט צו מאָל צוזאַמען צו שרייבן אַ בוך. אַ גוססדיקע האָט מילענאַ נאָך דערמאָנט איר פֿריינדין צו דערציילן פֿאַר דער וועלט אויך וועגן איר. מאַרגאַרעט בובער־נוימאַן האָט די צוואה אויסגעפֿילט. אַרויסגעבראַכט אַלזייטיק די געשטאַלט פֿון מילענאַ צוזאַמען מיט אַן עפּאָכע, אַן עפּאָכע מיט אַלע אירע ווידעראַנאַנדן, מיט מענטשלעכן אויפֿ־שטייג און טיפֿן זינקען פֿון מענטש אין אָפּגרונט פֿון אוממענטשלעכקייט.

* * * * *

מילענאַ יאַסענסקאַ איז געווען אַ גאָט־געבענטשטע זשורנאַליסטקע. אויך אַן איבערזעצערין. זי האָט די ערשטע אי־בערגעזעצט קאַפֿקאַס שאַפֿונגען אין טשע־כיש ווען זי האָט נאָך דעם מחבר נישט געקענט. צוזאַמען מיטן בוך „מילענאַ" איז אויך דערשינען אין פֿראַנצויזישער איבערזעצונג אַ באַנד מיט אירע אַרטיק־לען אונטערן טיטל „לעבן" און די אַר־טיקלען זענען נאָך היינט פֿול מיט לעבן, אַקטואַליטעט, פֿלאַמפֿייערדיק. אגב ברענגט מאַרגאַרעט בובער־נוימאַן צו איר בוך ווי אַ מאָטאָ די ווערטער פֿון קאַפֿקאַס אַ בריוו צו מאַקס בראָד וועגן מילענאַ: '... זי איז אַזאַ לעבעדיק פֿייער, וואָס כ'האָב נאָך קיין מאָל נישט געזען... דערצו אויסער־געוויינלעך מילד' מוטיק, אינטעליגענט און דאָס אַלץ איז זי מקריב, אָדער אויב מען וויל האָט זי דאָס אַלץ דערוואָרבן אַ דאַנק אַ קרבן, וואָס זי האָט געמאַכט." מילענאַ איז געווען מיט איבער צען יאָר יינגער פֿון קאַפֿקאַן, אָבער אין זיינעם אַ בריוו רופֿט ער זי „מאַמע מילענאַ".

מיר דערוויסן זיך פֿון בוך זייער פֿיל אינטערעסאַנטע פּרטים וועגן קאַפֿקאַס לעבן, וועגן זיין פּערזענלעכקייט. טראַגיש איז געווען דאָס איבעררייסן מיט מילענאַ, דער עיקר פֿאַר איר, וואָרעם דאָס איבער־רייסן איז געקומען פֿון זיין זייט; ס'האָט אים אַ סבֿ־ה געשראָקן איר לעבעדיקייט, איר ענטוזיאַזם. בלויז איין גרויסע ענ־לעכקייט, אָדער גורל־געמיינזאַמקייט צווישן די פֿאַרליבטע איז באַשטאַנען אין דער באַציונג פֿון יעדן פֿון זיי צום פֿאָטער.

מילענאַס פֿאָטער דער פּראָפֿעסאָר, האָט מיט זיין דעספּאָטישער באַציונג אַזוי נישט כאַראַקטערישטאַנען זיין גראָטעסקע טאָכטער, ווי קאַפֿקאַס פֿאָטער דער סוחר, האָט נישט פֿאַרשטאַנען זיין טאַלאַנטירטן זון. און דער ריס איז געווען אַן ענלעכער. די טאָכטער פֿון פּראָפֿעסאָר איז נישט געגאַנ־גען מיטן פֿאָטערס וועג; פֿון דער פֿרייער יוגנט זיך אַרויסגעריסן פֿון אונטער זיין אַפּוטרופּסות, געפֿירט אַ זעלבסטשטענדיק שטורמיש לעבן' געווען געבונדן מיט דער שעפֿערישער אינטעליגענץ, און דורכן שילדערן דורך דער מחברין איר לעבן זעען מיר די שעפֿערישע סביבה אין פּראָג. באַזונדער אינטערעסאַנט זענען די ציטיר־טע אין בוך בריוו פֿון מילענאַ צו מאַקס בראָד וועגן קאַפֿקאַ אין שייכות מיט זייער איבעררייס, וואָס זי האָט אַזוי שווער אי־בערגעלעבט, ווי אויך איר הספּד־אַרטיקל נאָך קאַפֿקאַס טויט. זי האָט אַ סברה די ערשטע טיף פֿאַרשטאַנען זיין שאַפֿונג און אויך דעם שאַפֿער. אירע אַרויסזאָגונגען וועגן קאַפֿקאַן העלפֿן צו באַנעמען, אַריינ־צודרינגען אין דער קאַפֿקאַ־געשטאַלט.

* * * * *

וועגן קאַפֿקאַן האָט מען אַ סך געשריבן, געפֿאָרשט נישט נאָר זיין שאַפֿונג, נאָר אויך דעם שאַפֿער, דעם מענטשן. ס'זעט מיר דאָך אויס, אַז קיינער האָט אַזוי טיף נישט באַנומען די פּערזענלעכקייט, די טראַגיק פֿון קאַפֿקאַ (און אַוודאי נישט צו יענער צייט) ווי די דעמאָלט יונגע, טאַלאַנטירטע מילענאַ. מיט רעכט האָט זי געשריבן, אַז „ווייניק מענטשן האָבן אים אמתדיק געקענט, ווייל ער איז געווען אַ נזיר און גלייכצייטיק גוט געקענט דאָס לעבן' וואָס האָט אָנגעוואָרפֿן אַ פּחד אויף אים."

משה שקליאַר

# „די אונטערשטע שורה"

לאָטי פ. מלאך איז גוט באַקאַנט אונדזערע לייענער פון די דערציילונגען, פּאַרצייכנונגען און רעפּאָרטאַזשן, וואָס זי פאַרעפנטלעכט שוין יאָרן לאַנג אויף די שפּאַלטן פון „חשבון". אירע ליטעראַרישע אַרבעטן ווערן אויך געדרוקט אין אַ ריי צייטונגען און זשורנאַלן אין דער ברייטער יידיש־וועלט. איצט האָבן מיר באַקומען אירס אַ נײַ בוך א.נ. „די אונטערשטע שורה". איז עס אַ פרייד פאַר אירע פילצאָליקע פריינד און פאַרערער. עס איז דאָך נישט סתם נאָך אַ יידיש בוך, וואָס דאָס איז פאַר זיך גענומען פון גרויסער וויכטיקייט און חשיבות הײַנטיקע צייטן, נאָר עס איז אַ בוך פון אַ מחבר וואָס לעבט מ י ט אונדז און צ ו ו י ש ן אונדז. בפרט, וואַז אונדזער מעטראָפּאָליע שפּילט אינעם בוך אַ באַטייטיקע ראָל. און נישט נאָר די מעטראָפּאָליע, אויך דער יידישער קולטור־קלוב אונדזערער מיט זײַנע טוער, מיטגלידער און געסט.

דאָס בוך באַשטייט פון דריי אָפּטיילן: דערציילונגען; פּאָרטרעטן (אָדער ווי די אויטאָרין רופט עס אָן — געשטאַלטן, און מאמרים. טאַקע אין די לעצטע צוויי אָפּטיילן פאַרנעמען לאָס אַנדזשעלעס און אונדזער יידישער קולטור־קלוב, דעם אויבנאָן. לאָטי פ. מלאך דערציילט וועגן געסט אינעם קלוב און אין שטאָט: דב נוי, אברהם ליס און אויף דעם פאָן קומט אויף די אַטמאָספער אינעם קלוב, די כאַראַקטעריסטיק פון די באַזוכער, און קודם כל נאַטירלעך, די כאַראַקטעריסטיק פון די דערמאָנטע שרייבער.

צייטנווייז דערמאָנען לאָטי פ. מלאכס פּאַרצייכענונגען איציק מאַנגערס „נאָענטע געשטאַלטן" און מלך ראַוויטשעס „מיין לעקסיקאָן". אין וואָס באַשטייט זייער מעטאָד? איציק מאַנגער גיט אונדז דורך איין אָדער צוויי אַנעקדאָטן דעם פולן פּראָפיל פון דער געשילדערטער געשטאַלט, זאָל עס זיין אַ שרייבער, אַ קינסטלער, אָדער גאָר די בראָדער זינגער. מלך ראַוויטש כאַפּט אַרויס אַ באַשטימטן

נאָכן איבעררייסן מיט איר, האָט זי אין אַ לאַנגן בריוו צו מאַקס בראָד צווישן אַנדערן אַזוי געשריבן: „... פראַנץ קאָן נישט לעבן, ער פאַרמאָגט נישט די פעיקייט צו לעבן, ער קאָן דעריבער נישט געזונט ווערן, ער וועט מסתמא אין גיכן שטאַרבן... ער האָט נישט קיין שום אַזיל, וואָס זאָל אים באַשיצן. ער איז אַ רעטעניש פאַר זיך גופא... ער איז אַבסאָלוט אומפעיק צו זאָגן עפּעס אַ ליגן, ער איז אויסגעשטעלט אויף יעדן בייז קעגן וועלכן מיר מוזן און קאָנען זיך פאַרטיידיקן; ער איז אין גאַנצן אַ נאַקעטער צווישן מענטשן אָנגעקליידטע..."

הײַנט נאָך, אויב מען וויל גוט פאַרשטיין די שאַפונג און די פּערזענלעכקייט פון קאַפקאַ, דאַרף מען לייענען דאָס, וואָס מילענאַ יאַסענסקאַ האָט געשריבן (ציטירט דורך מאַרגאַרעט בובער־נוימאַן) וועגן אים סיי פאַר זיין לעבן, סיי נאָך זיין טויט.

* * * * * *

די געשטאַלט פון מילענאַ יאַסענסקאַ איז אויף פאַרשידענע אופנים געבונדן מיט יידישער גורלדיקייט. ווין און פּראַג האָבן אין איר צייט פאַרמאָגט אַ היפּשע יידישע (אַסימילירטע) עליטע. זי איז געווען געבונדן מיט איר. ווען די היטלעריסטן האָבן אָקופּירט טשעכאָסלאָוואַקיע, האָט מילענאַ אויף פאַרשידענע אופנים מאַניפעסטירט איר צוגעבונדנקייט און געטריישאַפט צו אירע יידישע פריינד און סתם צו יידן. בעת די ערשטע אויספאַרשונגען אין דער געשטאַפּאָ וועגן איר באַציונג צו יידן האָט זי גאַרנישט אויסבאַהאַלטן, מיט גרויס ווירדע אָפּגעשלאָגן די היטלעריסטישע באַשולדיקונגען. זי האָט דערפאַר טייער באַצאָלט.

עפּיזאָד אינעם לעבן פון דער באַהאַנדלטער געשטאַלט און אַרום אים וועבט ער דאָס דינע געוועב פון זיין פּאָרטרעט. אין ביידע פאַלן ווערן די געשטאַלטן אונדז נאָענט נישט אַ דאַנק דעם דערציילן זייער ביאָגראַפיע, נאָר אַדאַנק זייערע האַנדלונגען אויף אַ באַשטימטן פּאָן.

לאָטי פּ. מלאך נוצט דעם זעלבן מעטאָד ביים שילדערן אירע געשטאַלטן. זי דערציילט וועגן דעם שרייבער אייזיק ראַבאָי און דעם אַקטיאָר לאַזאַר פריד אין דער דואַרטי סאַנאַטאָריע פאַר לונגען־קראַנקע און זייער טרעפלעך רופט זי אָן די דאָזיקע פּאָרטרעטן „עלעגיעס“. עלעגיע איז אין גרונט גענומען אַ פּאָעטישע פאָרם, אָבער הגם אירע עלעגיעס זענען געשריבן אין פּראָזע זענען זיי אָנגעפּילט מיט יענער בילדלעכקייט און דינעם וואַל פון טרויער וואָס איז כאַראַקטעריסטיש אויסשליסלעך פאַר דער פּאָעטישער עלעגיע.

מיט אַ געניטער האַנט זיינען געצייכנט די פּאָרטרעטן פונעם קינסטלער־סקולפּטאָר נחום אַראָנסאָן אויפן פּאָן פון דער פּאַריזער יידישער געזעלשאַפטלעכער און קינסטלער־סביבה, ווי אויך די מערקווירדיקע געשטאַלט פונעם יידישן עספּעראַנטיסט יצחק יוריסטאַ, אַ יונגערמאַן פון טשענסטאָכאָוו, וועלכער איז פאַרליבט געווען אין דער יידישער ליטעראַטור און האָט צוגעאייגנט דער אינטערנאַציאָנאַלער שפּראַך פון ד״ר לודוויק זאַמענהאָף ווערק פון מענדעלע, פּרץ, שלום־עליכם, פּינסקי און אָפּאַטאָשו, לייב מלאך, ווי אויך לידער און פּאָעמעס פון משה לייב האַלפּערן, ה. לייוויק, איציק מאַנגער, יוסף פּאַפּיערניקאָוו און אַנדערע. און דאָס אַלץ האָט ער באַוויזן צו טאָן נאָך טעג פון שווערער האָרעוואַניע כדי צו פאַרדינען אויף חיונה. יצחק יוריסטאַ איז אַרעסטירט געוואָרן אין פּאַריז דורך דער געסטאַפּאָ, ער איז פאַרשיקט געוואָרן קיין אָשוויענטשים, ווו ער האָט געטיילט דעם גורל פונעם אומגעבראַכטן יידישן פאָלק אין מיזרח־אייראָפּע.

מיר האָבן נאָך אינעם בוך פּאָרטרעטן פון אונדזער היימישן פאַרשטאָרבענעם דיכטער יעקב שמואל טויבעס, געשריבן מיט וואַרעמקייט און טיפער קענטעניש פון זיין נישט לייכטער פּאָעזיע; פונעם דיכטער, קריטיקער און פּראָזאַיקער דניאל טשאַרני; פונעם באַוווסטן אַקטיאָר נח נאַכבוש; פונעם באַקאַנטן פּובליציסט און פעליעטאָניסט ברוך שעפנער; פון דער דיכטערין שפרה ווייס און דעם דיכטער יחזקאל בראָנשטיין.

ביז גאָר אינטערעסאַנט איז די שילדערונג פון יוסף אָפּאַטאָשוס באַזוך אין ישראל אין 1935, ווי אויך דער פּאָרטרעט פון אברהם רייזען אויפן פּאָן פון די שלום עליכם הייזער אין ניו־יאָרק. די אויטאָרין גיט אונדז בלויז אייניקע פעדערשטריכן, אַ סקיץ צו אַ פּאָרטרעט און מיר דערקענען די גרויסקייט און די גוטסקייט פונעם באַרימטן און באַליבטן פאָלקסשרייבער.

אינעם פּאָרטרעט פונעם דיכטער יחזקאל בראָנשטיין שרייבט לאָטי פּ. מלאך: אונדזער כוונה דאָ איז בלויז צו געבן שטריכן פון זיינע ראַנגלענישן מיט זיך אַליין—דעם מענטש. אַ קוק אַריין געבן „אין די אויגן פון אַ נשמה“ און וואַנדערן מיט אים אַ קורץ שטיקל וועג.” אָט דאָס איז דאַכט זיך דער שליסל צו איר גאַנצן בוך, באַזונדערס צו איר פּראָזע. די אויטאָרין באַמיט זיך מיט איר אייגן געניט אויג אַריינצוקוקן אין „די אויגן פון נשמות“, דערקענען די ראַנגלענישן פון אירע העלדן, די אינערלעכע ראַנגלענישן מיט דעם אַרום, מיט דער סביבה, און דאָ טאַקע מאַכט זי זיי (די העלדן) נאָענט דעם לייענער.

* * * * *

ביז איצט האָבן מיר זיך אָפּגעשטעלט אויף די געשטאַלטן, וועלכע לאָטי פּ. מלאך שילדערט מיט געניטשאַפט און קינסטלערישער אַחריות. מיר האָבן עס געטאָן מיט אַ כוונה, ווייל הגם דער אָפּטייל געשטאַלטן קומט כמעט ביים סוף פון בוך, גיט ער אונדז, ווי געזאָגט, דעם שליסל צו לאָטי פּ. מלאכס פּראָזע, צו אירע דערציילונגען מיט וועלכע דאָס בוך עפנט זיך.

קודם כל דערקענען מיר דאָ נעענטער די אויטאָרין, ווייל זי איז אַ דירעקט באַטייליקטע אין די האַנדלונגען, מיר געפינען אויס געוויסע ביאָגראַפישע שטריכן פון איר אַליין און נישט בלויז פון די געשילדערטע געשטאַלטן. מיר דערוויסן זיך

וועגן איר אָפּשטאַמונג, פּראָפעסיע, פּאַרינטערעסירונגען, אפילו פּאָליטישע אָנשויאונגען, וואָס דאָס איז נישט פון ווייניקער וויכטיקייט ביים דערקענען אַ שרייבער.

עס וועט נישט זיין אויסן וועג צו דערמאָנען ביי דער געלעגנהייט איינינקע באַקאַנטע אמתן: וואָס פּאָדערט זיך פון אַ פּראָזע־קינסטלער, אַז זיין שאַפונג זאָל זיין עכט און זאָל נישט בלויז פּאַראינטערעסירן, נאָר אויך באַווירקן דעם לייענער; אַז זיין שאַפונג זאָל זיין נישט בלויז פּאַרווילעריש, ווי עס האַלטן טייל, אפילו באַוווסטע שרייבער, נאָר זאָל אויך האָבן אַ דערקענטעניש־ווערט, זאָל אַנטפּלעקן זאַכן, לעבנס־דערשיינונגען וואָס דער פּשוטער מענטש דערזעט נישט שטענדיק מיטן הוילן אויג.

קודם כל אָבסערוואַציע־פעיקייט, די פעיקייט צו זען און הערן און דאָס אַלץ אַסימילירן, אַדורכקאָכן אין זיך און באַשאַפן עפּעס נייעס, סיי אין אינהאַלט און סיי אין פאָרם. ער דאַרף קענען, דער קינסטלער, נישט בלויז באַשרייבן זאַכן און דערשיינונגען, מענטשן און געשעענישן, נאָר קודם כל זיי באַווייזן. ער דאַרף קענען דעם שטייגער פון דער סביבה, פון די פּאַרשוינען, וועלכע ער שילדערט. ער דאַרף קענען זייער ספּעציפיש לשון, און דאַרף בכוח זיין דאָס אַלץ אַרויסצוברענגען מיט זיין פּעדער.

ווי מיר זעען פּאָדערט זיך פונעם קינסטלער זייער אַ סך, און מיר האָבן דאָ דערמאָנט בלויז אַ קליינעם טייל פון דעם.

ווי אַזוי ספּראַוועט זיך דערמיט אונדזער אויטאָרין, באַזונדערס טאַקע אין אירע דערציילונגען?

אין אַלגעמיין דאַרף געזאָגט ווערן, אַז די דערציילונגען, ווי די פּאָרטרעטן, זענען געשריבן מיט אַ געניטער האַנט און די אויטאָרין העלפט אונדז, ווי שוין דערמאָנט, אַריינצוקוקן אין די אויגן פון נשמות. מיר דערקענען אירע העלדן, זייערע טראַכטונגען, זייער געפילן־וועלט, דערגרייכונגען און אַנטוישונגען. זי פירט אונדז פונעם קליינעם שטעטל אין מיזרח־אייראָפּע מיט זיין ספּעציפישן שטייגער (די דערציילונג „דער רבי אַן אַ קאַנטשיק"), דורך טאָראָנטאָ, ניו־יאָרק, תל־אביב און פּאַריז ביז די שלאַכט־פעלדער פון שפּאַנישן בירגער־קריג; מיר באַקענען זיך מיט אַ גאַלעריע טיפּן פון פאַרשיידנאַרטיקן כאַראַקטער: יונגע בחורים און מיידלעך און זייערע שוועריקייטן אין די ערשטע אימיגראַנטישע יאָרן; יידישע לערער אין אַמעריקע און זייערע גראַנגלען, פּאָליטישע ווידעראַנאַנדן; יידישע זעלנער אין דער אַמעריקאַנער אַרמיי און אין דער הגנה („איבערגעלעבט דעם תלמיד"); און סתם „עלנטע". אַזאַ איז דער נאָמען פון איינער פון די בעסערע דערציילונגען אינעם בוך.

..מיר געפינען זיך אין לאָס אַנדזשעלעס. די אויטאָרין פירט אונדז אַריין אין איינער פון די רייכע געגנטן, ווו אַן עלעגאַנטע פרוי געקליידט אין ווייסן וואַרט אויף איר זון נעבן אַ „ריטייערמענט האָטעל". דער זון קומט, פּאָרט גיך אַוועק און די פרוי בלייבט ווידער אַליין. און אַליין איז אויך די נאַראַטאָרין צו וועמען עס טשעפּעט זיך צו אַ האַלב־משוגענער. אויך אַן עלנטער מענטש. און שפּעטער — אַ הינטל. אַ פאַרבלאָנדזשעט הינטל. דאָס הינטל לויפט נאָך דעם מענטש, עס וויל אַ גלעט, עס וויל וואַרעמקייט, אַ צייכן פון ליבשאַפט... דער מענטש קומט אַהיים, קלינגט אין דער פּאָליציי און אַ פרוי קומט אָפּנעמען דאָס פאַרבלאָנדזשעטע עלנטע הינטל. די באַלעבאָסטע קושט דאָס הינטל, דאָס הינטל קושט צוריק. און דאָ קומט די פּוּענטע, די אויפלייזונג פונעם זייער פּשוטן אָבער באַטייטונגספולן סיוזשעט:

"...איך בין געבליבן זיצן אויף די טרעפּ פון דריטן שטאָק און האָב מקנא געווען דאָס הינטל, ס'האָט מזל. מיך, ווי יענעם משוגענעם דאָרטן אין דער רייכער געגנט, וועט שוין קיינער קיין מאָל נישט האַלדזן און נישט קושן.

די זון אַ פאַרבענקטע נאָכן אָפּגעגאַנגענעם טאָג, האָט זיך אַראָפּגעלאָזט אין ים אַריין"...

געענדיקט לייענען די דערציילונג, בין איך אויך געבליבן זיצן אין שווייגן. און כ'האָב געזען און געפילט ווי די זון, אַ פאַרבענקטע לאָזט זיך אַראָפּ אין ים אַריין...

אָבער נישט אַלע דערציילונגען אינעם בוך רופן אַרויס אַזעלכע געפילן פון אומעט און עלנט. פאַראַן אויך יוגנטלעכע טרָציקייט, באַגלייט מיט אַ דינעם הומאָר, פאַראַן אַ סך שילדערונגען פון דערוועקטע און טייל מאָל דערשטיקטע ליבע־געפילן („דער עלטערער זון", „זאָשע און בראָניע") און אַנדערע דערציילונגען. אין דער ערשטער פירט אַרויס די אויטאָרין 2 ברידער — מנחם און בערל. מנחם, דער עלטערער, פאַרליבט זיך אין אַ מיידל, און זי.... פאַרליבט זיך אינעם יינגערן ברודער. דער יינגערער, בערל, לייגט נישט קיין אַכט אויף איר, אָבער דאָס מיידל קאָן נישט אויסהאַלטן. בעט זי ביי מנחמען ער זאָל איר העלפן געווינען דאָס האַרץ פונעם יינגערן ברודער און... מנחם זאָגט צו צו העלפן. אויף דעם פאָן דערקענען מיר אַ יידישע אימיגראַנטן־משפחה אין אַמעריקע, אַ יידישע מאַמע מיט אירע זאָרגן, און דער עיקר — די יידישע מאָראַל, די יידישע עטיק. און דאָס אַלץ איז געמאָלן אין רייכע פאַרבן און מיט אַ רייכן, אייגנאַרטיקן לשון.

„זאָשע און בראָניע" איז ווי אַ קעגנזאַץ צו די צוויי ברידער. דאָ איז בראָניע, די יינגערע, די מער אַקטיווע. די 2 שוועסטער לעבן אין אָרעמקייט און אייזאַמקייט און די ערשטע ליבע־געפילן קומען אַריין ווי אַ ליכטיקער שטראַל פון האָפענונג אין זייער היים. די דערציילונג דערמאָנט אַביסל מיט איר אַטמאָספער אין פרצעס „שלום־בית". עס זענען נאָר אַנדערע העלדן און אַנדערע צייטן. : .

פאַראַן אינעם בוך אַ דערציילונג א.נ. „די ציטערדיקע האַנט". איז אויב וויל מען דערקענען די קינסטלערישע האַנט פון דער אויטאָרין דאַרף מען לייענען אָט די דערציילונג און זען ווי איר האַנט גיט נישט קיין ציטער ביים באַווייזן, נישט באַשרייבן די געשילדערטע טיפן.. בצימצום, דיסקרעט, מיט אייניקע שטריכן בלויז באַווייזט זי דעם מענטש אַזאַ ווי ער איז. עס איז גענוג, אַז דער לערער בריקנער זאָל אויפהייבן די האַנט, „וואָס האָט זיך געטרייסלט ווי אין קאָנווולסיע", כדי פאַרשאַרן אַ לאָק פון זיינע האָר, וואָס איז אים אַראָפגעפאַלן איבערן שטערן, און מיר באַנעמען זיין ווייטיק און פיין.

פאַרשטייט זיך, נישט אומעטום ווערט דערגרייכט אָט דער געבענטשטער צימצום. אָבער מיר שאַצן מחברים און ביכער לויט דעם בעסטן פון זייער יצירה. און אינעם בוך פון לאָטי פ. פלאַך איז פאַראַן אַ סך גוטס. עס איז אַ רייך בוך, וואָס נעמט אַרום אַ רייך, אַקטיוו לעבן פון אַ לערערין און שרייבערין, וועלכע האָט געפרוווט אונטערציען אַ סך־הכל, אַן אונטערשטע שורה. ווילן מיר האָפן, אַז עס איז נאָך ווייט נישט די לעצטע שורה...

(פון אַ רעדע אין ל. א. יידישן קולטור־קלוב לכבוד דעם דערשיינען פון לאָטי פ. מלאכס נייעם בוך).

## ניי יידיש לערנוואַרג

דער ניי־געפורעמטער שפּראַכיקער רעסורסן־צענטער ביי דער יידיש־ליגע האָט נאָר וואָס אַרויסגעגעבן צוויי פובליקאַציעס — נייע לערן־מכשירים:

1) ענטפערס צו די געניטונגען אין (מרדכי שעכטערס) יידיש צוויי, ניו־יאָרק, 1987, 16 ז"ז, גרויס פאָרמאַט (פרייז: 3 אַמעריקאַנער דאָלער פלוס איין דאָלער פּאַק־ און פּאָסט־געלט, אויב מען מוז עס שיקן דורך פּאָסט; 2) צוגאָב־געניטונגען צו יידיש צוויי מיט די ענטפערס, ניו־יאָרק 1987, 16 ז"ז גרויס פאָרמאַט (פרייז: 7 דאָלער, פלוס איין דאָלער פּאַק־ און פּאָסט־געלט).

מיט באַשטעלונגען זיך ווענדן צו:

Yiddish Language Resource Center
c/o League for Yiddish
200 West 72nd St. No. 40
New York NY 10023

חיים זעלצער / תל־אביב

# דער גאון און זיין צייט

עקיבא פישבין: „אַ יידישער בליק אויף בעטהאָוון", פּאַריז, תשמ"ד־1984. 268 ז"ז

אָמר ר' עקיבא: „בעטהאָוון דערשיינט אויפן פאָן פון זיין צייט, ווי אַ נייער שניט מענטש און קינסטלער. דער הויפּטשטריך פון דער קאָלאָסאַלער בעטהאָוון־פיגור איז דער עלעמענט פון פּערזענלעכן געראנגל... דער קאַמפּס־כאַראַקטער פון דער בעטהאָוון־געשטאַלט איז אַ רעזולטאַט פון שטאָלצן באַוווסטזיין פון אַ יחיד..." (ז' 30).

פון דאַנען איז געדרונגען אַז בעטהאָוון איז געווען אין קאָנפליקט מיט זיין תקופה. די דאָזיקע טעזע באַשטעטיקט אַ דעפיניציע פון פּראָפ' ישעיהו לייבאָוויטש פון ירושלימער אוניווערסיטעט אין זיינעם אַן אינטערוויו („ידיעות אחרונות" פון 1986־7־18), ווו צופעליק ווערט דערמאָנט בעטהאָוון און דער פּראָצעס פון זיין געניאַלער שאַפונג. „דער אַקט פון מענטשלעכער יצירה איז פּערזענלעך לחלוטין... וואָס איך רוף אָן „רשות היחיד" (להבדיל פון „רשות הרבים" — ח. ז.). ער איז דער פּראָדוקט פונעם באַוווסטזיין פון בן־אדם. וואָס עס האָט זיך געטאָן אין בעטהאָוונס באַוווסטזיין ווען ער האָט געשריבן די ניינטע סימפאָניע, קאָן קיין שום מענטש נישט וויסן. נאָר אַלע האָבן די מעגלעכקייט צו קענען די ניינטע סימפאָניע. פאַראַן אַ מיטאַרבעט (שיתוף) אויפן סמך וואָס דער באַוווסטזיין שאַפט, אָבער דער באַוווסטזיין (תודעה) אַליין קאָן נישט זיין קיין קאָלעקטיווער." עד כאן.

לויט מיר, זענען די אויבן ציטירטע דעפיניציעס, דער יאָדער פונעם ספר. דעם מחבר איז געלונגען אויף אַן אָריגינעלן אויפן צו שילדערן דעם בעטהאָוון־פענאָמען, דעם פאָרגעשריטענעם קינסטלער און קעמפער אויפן פאָן פון אַ באַעוולטער וועלט און, פאַרשטייט זיך, די יידישע קהילה אין באָן — זיין געבוירן־שטאָט. „די יודן־גאַסע אין באָן איז אַ גלענצנדע און אינטערעסאַנטע פאָרשערישע אַרבעט פאַר זיך. זי איז אָבער אויך און בעיקר די בריק צווישן די צוויי גרעסערע קאַפּיטלען: „דער מענטש — דער קינסטלער" און „בעת די יאָרן פון באַגינען."

דער מחבר האָט זיך געשטיצט אויף אַן אומגעהייערער צאָל מקורות: פּערציק ביאָגראַפיעס און שטודיען וועגן בעטהאָוון און נאָך מער צייט־און־אָרט־באַשרייבונגען, און סאָציאַלע, פילאָסאָפישע, ליטעראַרישע, קולטור־היסטאָרישע ווערק און פּעריאָדיק, אַלטע און נייע, אין 4 שפּראַכן — דייטש, פראַנצויזיש, פּויליש און יידיש... און געקומען איז ער צו דער מסקנה: „היות ווי די בעטהאָוון־פאָרשונג מאַכט אַ שוויג וועגן יידישן אַספּעקט — הייסט עס, אַז דער יידישער גורם האָט מיט גאָרנישט משפיע געווען בעטהאָוונס מענטשלעכן בליק אויף דער וועלט?" פרעגט ר' עקיבא פישבין.

דער ספר, ווי איך בין זיך משער, איז אַ רעזולטאַט פון יאָרן מי און פאָרשונג, גיט אַן אויספירלעכן ענטפער אויף דער פראַגע און קומט אויספילן אַ בלויז אין דער יידישער מוזיקאָלאָגיע בפרט, און אין דער קולטור־געשיכטע פון יידן בכלל. דאָס בוך, זאָגט דער מחבר, איז נישט קיין שטרענגע וויסנשאַפטלעכע פאָרשונג, אלא אַ מין פּערזענלעכע רעפלעקסיע באַהאַנדלט אויף אַ פּאָפּולערן אופן, דעריבער, דער אָפטער נאַראַטיווער טאָן (קורסיוו ח. ז.). טאַקע דאָס און אַנדערע מעלות טובות האָבן מיך באַוואויגן צו זאָגן מיין מיינונג (נישט מבינות) לויט דער בקשה פון מחבר און צוליב דעם פאַרגעניגן וואָס דער ספר כאַפּשאַפט בעתן לייענען.

צום סוף דאַרף מען זאָגן, אַז אויפן פאָן פון היינטיקער מערכה פון יידיש איז דאָס בוך אַ דערשיינונג, אַ קוריאָז און אַ גבורה־אויפטו, אויב נישט מער — אַ נס, ווי דער

יצחק קאַהאַן / מעלבורן

# וואָס דערציילן קינדער וועגן זייערע באַרימטע טאַטעס?...

מיניאַטורן

## „מיין פאָטער — זיין טאָכטער"

מיר וועלן אָנהייבן די סעריע מיניאַטורן מיט דער טאָכטער פון דעם באַרימטן פאָטער — משה דיין. איר בוך וואָס איז דערשינען אין אַ גוט־באַוווּסטן פאַרלאַג, טראָגט דעם טיטל: „מיין פאָטער, זיין טאָכטער".*)

אין איר מעמואַרן־בוך דערציילט יאַעל דיין וועגן איר פאָטערס לעבן, וואָס אָט גורם געווען טיפע עמאָציאָנעלע ווונדן זיינע נאָענטסטע... אמת, אַז זי האָט אויך פאַר אים שבחים, אָבער נאָר פאַר זיין אימאַזש אין אַ מיליטערישן אוניפאָרם („עס איז געווען לייכט אים צו באַוווּנדערן... צום בעסטן האָט ער אויסגעזען אינעם מונדיר").

ווייזט אויס, אַז פון זיין אימאַזש זענען ביי איר פאַרבליבן נאָר צייכנס פון די עמאָציאָנעלע טיפע ווונדן, וואָס האָבן זיך געשאַפן ביי איר מאַמען און די קינדער, ווען נאָך אַ 35 יאָר פון זייער צוזאַמענלעבן, האָט ער אויסגעטוישט זיין פרוי אויף אַן אַנדערער. נאָר אויסערלעך, שרייבט זי, האָט ער פאָזירט ווי אַן איבערגעגעבענער פאַמיליע־מענטש, בעת אין דער ווירקלעכקייט איז ער געווען אַ ווייבערניק („זיין אויסוואַל פון די בעט־פאַרטנערקעס איז געווען אַ וווּלגאַרער און פון אַ שלעכטן געשמאַק").

אין דעם וויטריאָל פאַר איר טאַטן פעלט אויך נישט דער פאָרוווּרף, אַז „זיין באַקלאָגן זיך אויף אירע נאָענטע בחורים איז געווען ווי פון אַן אייפערזיכטיקן ליבהאָבער." פון דעם קריגל וויטריאָל האָט זי אָבער צוממיינסטן אויסגעגאָסן אויפן קאָפּ פון איר שטיפמאַמע, רחל, מיט וועמען איר פאָטער האָט חתונה געהאַט און אויך איר איבערגעלאָזט אין זיין צוואה דעם גאַנצן רייכן אַרכעאָלאָגישן פאַרמעג (פריוואַטיזירט פון זיינע אויסגראָבונגען, וואָס האָבן, לויט זיינע קריטיקערס, געדאַרפט פאַרבלייבן אין רשות פון דער מלוכה). נאָך זיין טויט האָט איר שטיפמאַמע פאַרקויפט זיינע אַרכעאָלאָגישע אויסגראָבונגען פאַר אַ קאָלאָסאַלער סומע.

ביים לייענען יאַעלס בוך, האָט זיך מיר דערמאָנט אַ שטעלע פון נאַדיעזשדאַ מאַנדלשטאַמס מעמואַרן ווו איך האָב אָנגעטראָפן וויטריאָל אויף איר מאַנס אַ געליבטע, וואָס איז שוין געווען טויט אַ סך צענדליקער יאָרן, און דאָך איז פאַרבליבן אונטערן אַש די טליענדיקע אייפערזוכט־פאַרביטערונגען פון נאָך גאָר די אַלטע צייטן.

ביי דיינס טאָכטער זענען די פאַרביטערונגען קעגן טאַטן און בפרט קעגן איר שטיפמאַמע, רחל, פאַרהעלטנישמעסיק נישט קיין פאַרעלטערטע, מחמת ער האָט מיט איר פאָרמעל געהייראַט אין די לעצטע יאָרן פון זיין לעבן (וואָס איז פאַרקירצט געוואָרן צוליב זיין קענסער) מיט אַ פינף יאָר צוריק (1981). זיין טאָכטער זאָגט

*"*My Father, His Daughter*", *by Yael Dayan, Farrar, Straus & Giroux.*

---

גאַנצער נס פון מאַמע־לשון היינט — פערציק יאָר נאָכן גרויסן חורבן; דעם מחבר ר' עקיבא פישבין קומט בפירוש אַ יישר־כוח און דעם בוך — עס זאָל זוכה זיין צו מער פאַכמענישע רעצענזיעס און אָפּהאַנדלונגען און סתם גוטע לייענערס, ווי עס פאַרדינט; עס דאַרף צוגערעכנט ווערן צו די ווערק וואָס באַווייזן, אַז יידיש איז נאָך אַ יש און וועט האָבן אַ קיום אויך ווייטער.

וועגן זיין טויט: „ער איז איינגעשרומפּן געוואָרן צו אַזאַ מאָס וואָס איך האָב נישט געקענט אַקצעפּטירן"...

## „גייענדיק מיין אייגן וועג"

דאָס איז דער טיטל פון אַ בוך, וואָס עס האָט אַרויסגעגעבן דער זון פון באַרימטן זינגער און פילם-אַקטיאָר, בינג קראָסבי. מיט זיינע לידער אין אַזעלכע באַוווסטע פילמען ווי „אַ ווייסער קריסמעס" און „די גלאָקן פון סט. מערי" האָט ער זיך קונה-שם געווען ביי מיליאָנען צוהערערס און צושויערס.

זיין זון גערי, דער עלצטער פון זיינע קינדער, האָט געהאַט אַ פּריווילעגירטע קינדהייט אין די בעסטע פּריוואַטע שולן און געלעבט אין אַ לוקסוס-הויז מיט אַ גרויסער באַדינערשאַפט. דער פאָטער האָט אויך זייער געוואָלט העלפן ווען זיין זון האָט געוואָלט ווערן אַ זינגער. ער האָט געגעבן זיין תכשיט זיין אייגענעם אַגענט און ביי זיינע פריינד אויך פאַרשאַפט אים אַ גוטן פּאָסטן.

איז דאָך אַלץ זייער שיין, וואויל און גוט מצד אַ טאַטן. אָבער ניין, דער תכשיט און זיינע ברידער האָבן פאַרשוועדעט פאַרמעגנס אין לאַס וועגאַס און מיט זייער „געמבלען" זענען זיי געווען גוט באַקאַנט ביי דער אָרטיקער האַזאַרד-סצענאַריע. אויסער דער פאַרשווענדערישקייט, שיכרות און אָרגיעס מיט מיידלעך, האָט גערי אין זיין בוך באַשמירט זיין טאַטן, וואָס איז, לויט אים, געווען אַ סאַדיסטישער שמייסער פון זיינע קינדער, אַ פרויען-יעגער, וואָס האָט גורם געווען זיין ערשטע פרוי זאָל אין שיכרות זוכן צו פאַרגעסן איר צער...

עס איז נישט מיין אויפגאַבע אַריינצוגיין אין עצם ענין, צי איז דאָס אַלץ אמת וואָס זיין זון דערציילט, אָדער גאָר אַ שאַנד-בילבול אויפן אייגענעם טאַטן. די וואָס האָבן גוט געקענט בינג קראָסבין פון דער נאָענט זאָגן, אַז דער פאַשקוויל איז פּשוט אויסגעזויגן פון פינגער. באָב האָופּ, וואָס איז געווען יאָרן-לאַנג זייער נאָענט מיט קראָסבין, וויצלט זיך און לאַכט מיט יאַשטשערקעס: „אויב אַזוי באַהאַנדלט מען אַ טאַטן נאָך זיין טויט — וועל איך נישט גיין..."

ווייזט אויס אַז דער תכשיט האָט געהאָפט מיט אַזאַ סענסאַציאָנעלן בוך וועט ער מאַכן אַן עשירות, ווי אַ „בעסט סעלער" (געהאָפט צו פאַרקויפן אַ 4 מיליאָן ביכער). אגב האָט זיין טאַטע אין 1961 געשריבן טשעקן אויסצוהיילן זיין זון פון אַלקאָהאָליזם, אָבער דאָס האָט געהאָלפן ווי אַ טויטן באַנקעס. זיינע אָרגיעס און שיכרות האָבן אָפּגעהאַקט דעם וועג ער זאָל קענען מאַכן וועלכע ס'איז קאַריערע. די וואָס האָבן געוואָלט, צוליב זיין טאַטן, אים פּראָטעזשירן, האָבן צוליב זיינע פּירונגען נישט געוואָלט האָבן מיט אים קיין שום מגע-ומשא.

איז דאָס אַ געשיכטע מיט אַ מאָראַל, וואָס ליגט ממש אויף דער האַנט. איבעריק דאָ צוצוגעבן, ווי אַנשטעקנדיק עס איז פאַר די קינדער פון די אויסגעקליבענע גרויסע נעמען פון דער פילם-וועלט, וואָס זוכן דורך סענסאַציעס אויך צו ווערן „גרויס", כאָטש זיי קענען נישט דערגרייכן צום קנאַפּל פונעם באַרימטן טאַטן אָדער מאַמען, ווי ס'איז געווען מיט דער טאָכטער פון דער באַרימטער פילם-אַקטריסע דזשאָאַן קראָופאָרד. אָט-די אַדאָפּטירטע טאָכטער האָט אָנגעשריבן אַן אויטאָביאָגראַפיש בוך מיטן טיטל „מאַמע טייערע". אין אָט דעם ווערק צערייסט זי איר „טייערע מאַמע" ממש אויף שטיקלעך.

דעם „שיינעם" ביישפּיל האָבן נאָכגעפאָלגט די קינדער פון טשאַרלי טשאַפּלין און סעלערס זון. אָט דער תכשיט האָט מסתמא געשלאָגן דעם רעקאָרד מיט זיין בוך פּ. ס.

פאַרנעם איך זיך נישט אויסצורעכענען דעם לאַנגן צעטל פון אָט די קינדער, וואָס האָבן געזוכט צו פאַרשוועכן דעם נאָמען פון זייער טאַטן (אָדער מאַמען). וואָס איך גיי דאָ נאָר באַמערקן איז, אַז כ'האָב געשטוינט לייענענדיק ווי קראָפאָרדס טאָכטער, וואָס האָט זיך שפּעטער טאַקע געהיילט ביי אַ פּסיכיאַטאָר, זאָל באַשר האָבן באַקומען פון אים די עצה אָנצושרייבן איר פאַשקוויל.

אויב דאָס זאָל זיין אמת, איז אָך און וויי מיט וואָס די מאָדערנע פּסיכיאַטריע גייט

היילן אירע פּאַציענטן. ווי זאָגט וועגן זיך קראָופאָרדס טאָכטער: „איך בין 37 יאָר אַלט און ס'איז צייט צו דערציילן דעם אמת." אגב איז קריסטינאַ קראָופאָרדס בוך אויך געוואָרן פילמירט (וואָסי? די מאַגנאַטן פון דער פילם־אינדוסטריע ווילן דורכלאָזן אַזאַ „פעטן ביין"?).

איך האָב ערגעץ געלייענט אַן עפּילאָג פון דער סצענאַריע אַז די קריסטינאַ האָט דערזען דעם פילם, מיט דער ווערסיע וועגן איר מאַמען, האָט זי אויסגעשריגן: „זיי האָבן דאָך פאַרוואַנדלט מיין מאַמען אין אַ מין „קאַפּאָ" פון אַ קאָנצענטראַציע־לאַגער. ווי האָבן זיי געוואַגט עס צו טאָן"?

איך האָב מיט די פאַרצייכענונגען גע־וואָלט אילוסטרירן דעם שיינעם תכלית פון נאָט די הולטייסקע קינדער ביי זייערע מי־ליאָנערישע עלטערן. ליידער איז עס נישט בלויז אַ „גויאישער" ענין. איך דערמאָן זיך ווי אַזוי ד"ר שלמה ביקל האָט אין זיין בוך „שרייבער פון מיין דור" דער־ציילט וועגן שלום אַשס זון, נתן אַש, וואָס האָט אין ניו־יאָרקער באַוווסטן זשורנאַל „קאָמענטאַרי" אָפּגעדרוקט אַן אַרטיקל אונטערן נאָמען „מיין טאַטע און איך." אין דאָזיקן מאמר האָט ער אַרויסגעטראָגן אין דער עפנטלעכקייט זיין פיינטלעכן חשבון מיטן טאַטן, וועמען ער האָט באַ־שולדיקט (איך גיי דאָ נישט אַריין מיט, צי אַן אַ כיוון) אויף אַן אופן, וואָס קען נישט פאַרגעבן ווערן מיט קיין שום פאַר־ענטפערונג.

לאָמיר עס אָפּפרישן פאַר אונדזערע לייענערס, וואָס אַ זון האָט געקענט אין זיין מאמר שרייבן וועגן זיין גרויסן טאַטן, שוין יאָרן שפּעטער נאָך דער היסטעריע, וואָס האָט זיך צעפלאַקערט איבער שלום אַשס קריסטאָלאָגישער טרילאָגיע. מיר געדענקען די אַרטיקלען פון חיים ליבער־מאַן מיט דעם היסטערישן טאָן (וואָס מאַכט די מוזיק...) און זיין אומפּאַראַנט־וואָרטלעכן אינהאַלט. מיר ווילן זיי נישט קאָמענטירן, נאָר זיך אָפּשטעלן וואָס שלום אַשס זון האָט וועגן זיי געשריבן אין שייכות מיט זיין טאַטן.

איך וועל דאָ נאָר עפּעס ציטירן פון צוויי פּאַראַגראַפן אין זיין מאמר:

„עס האָט געמוזט זיין אַרום אָט דער צייט, ווען ער, (שלום אַש) האָט, אין אַן אומהיימלעכן פּאַרויסגעפיל פון דער אָנ־קומענדיקער קאַטאַסטראָפע, אָנגעהויבן צו פאַרלאָזן די יידישע וועלט — — און האָט זיך צוריקגעצויגן צו דער פאַר־גאַנגענהייט...

ער האָט גענומען מאַכן דעם חשבון פון יענער שפּאַלטונג (צווישן יידן) און זי מסביר זיין פון יידישן שטאַנדפּונקט. [וואָס] איך בין יאָ אויסן צו סוגעסטירן איז, אַז ער האָט זיך פאַרשפּאָרט אַ סך עגמת נפש, ווען ער האָט אויפגעהערט צו שרייבן וועגן די יידן אין פוילן איי־דער זיי זיינען פולשטענדיק פאַרטליקט געוואָרן." (?)

אין דעם פּאַראַגראַף גופא באַטאָנט ער אַז ער אַליין איז נישט פּאַראַינטערעסירט אין דעם גאַנצן ענין און איז בכלל נישט באַהאַוונט און קאָמפּעטענט וועגן דעם צו רעדן. ער איז נאָר צופרידן וואָס זיין פאָטער האָט מיטן אָוועקגיין פון דער באַ־דראָענדיקער קעגנוואַרט צו דער קדמו־נישער פאַרגאַנגענהייט (וואָס מען קען נישט זיין זיכער צי זי האָט בכלל עקזיס־טירט) „זיך פאַרשפּאָרט עגמת־נפש צו האָבן."

דאָס גופא איז אַן־און־פאַר־זיך נישט קיין קרעדיט פאַר דעם גרויסן יידישן שרייבער שלום אַש. אָבער נאָך ערגער איז וואָס דער זון שרייבט וועגן טאַטן אין אַ צווייטן פּאַראַגראַף, פון וועלכן איך וועל נאָר עפּעס ציטירן: קודם, דערציילט ער, אַז די קריסטאָלאָגישע ראָמאַנען האָבן זיין טאַטן געמאַכט פאַר אַ פּאָפּולערן שרייבער אין אַמעריקע, און די יידן האָבן „ביטער פאַראיבל געהאַט פון זיינע ספּעקולאַציעס וועגן דעם אָנהייב פון קריסטנטום. אָבער דאָס קריסטלעכע פּובליקום איז געוווען באַגייסטערט...

עס זענען געווען אפילו שמועסן, אַז ער טראַכט וועגן שמד... איך גלייב פון דעסט־וועגן נישט (אַז דער טאַטע זיינער האָט געהאַלטן ביי שמד...) וואָרעם ער האָט זיך דאָך באַטראַכט פאַר אַ ראָמאַן־שרייבער און נישט פאַר אַ טעאָלאָג".

דאָס וואָס דער זון האָט דערציילט פאַר דער עפנטלעכקייט וועגן זיין בליק אויפן

טאַטן, אַרום זיינע קריסטאָלאָגישע ביכער, גיט געגוג שטאָף צו זען ווי אַזוי ד יקראַנקייט פון נעוורא־זע האָט באַווירקט די קינדער פון באַרימטע טאַטעס. דאָס גופא איז אַ טעמע פאַר אַ ברייטערן פאַרנעם, וואָס איז נישט מעגלעך אין די ראַמען פון מיניאַטורן.

עס איז באַוווסט די געשיכטע פון פּרצעס זון, לוציאַן, ווי אַזוי ער האָט זיך באַצויגן צו זיין באַרימטן פאָטער. מען האָט אַ סך וועגן דעם געשריבן, ווי אַזוי ער האָט געמאַכט צו קליינגעלט זיין פאָטערס קינסטלערישן טאַלאַנט און אויך שלעכט זיך אָפּגערופן וועגן דעם טאַטן אַלס מענטש. דערביי איז דאָך כאַראַקטעריסטיש, וואָס לוציאַן האָט נישט געהאַט אַליין קיין שום אַמביציעס צו זיין אַ שרייבער, און ווי עס האָבן געשריבן אין זייערע מעמואַרן פּרצעס מקורבים, אַז זיין אַנטיפּאַטיע־שינאה צום טאַטן זאָל האָבן געווען אַ רעזולטאַט וואָס זיין מאַמע איז געוואָרן אויסגעטוישט דורכן טאַטן אויף אַ צווייטער פרוי. דאָס האָט מסתמא דאָך אויך באַווירקט די קינדער וועלכע מיר האָבן דערמאָנט פריער, אָנהייבנדיק פון משה דיינס טאָכטער, יאַעל. עס פאַרגעדענקט זיך איר ביטערן טאָן לגבי דער שטיפמאַמען, רחל, און איר זאָג: „געשיכטע פאַראורטיילט אָפט פרויען פאַר אַלצדינג... מיין טאַטע איז געבוירן געוואָרן אין פריילינג און געשטאָרבן אין האַרבסט און דאָס איז דער ציקל פון פרוכטיקעביימער“....

איר כוונה איז אַ קלאָרע און זי זאָגט עס גופא אַרויס: „הגם דער בוים איז אַוועק, אָבער זיינע וואָרצלען זענען דאָך ווייטער ממשיך. זיי זיינען נישט טויט און וועלן ברענגען ווייטערדיקע פרוכט.“ דאָס איז דער אויספיר אירער מיט וועלכן זי שליסט איר בוך.

שלום אַשס זון האָט נישט געהאַט דעם קאָמפּלעקס פון די קינדער, וואָס האָבן פאַרביטערונג קעגן אַ שטיפמאַמען. זיינע ביידע עלטערן האָבן, ווי ס'איז גוט באַוווסט, געהאַט אַ גליקלעך צוזאַמענלעבן ביזן סוף. אַשס פרוי, מאַדזשאַ, האָט געהאַט אויף איר באַרימטן מאַן אַ שטאַרקע אויסווירקונג. זי האָט געצוימט זיין אומדיסציפּלינירטן כאַראַקטער און זיינע

אויסברוכן ביי אַ ריי עקבערנדיקע פּראַגן, וואָס האָבן אים געמאַטערט בעת שווערי־קייטן און אומרו. אָבער עס איז ביזן לעצטן אָטעם פון זייער צוזאַמענלעבן געווען אַן אויסערגעוויינלעכע ליבשאַפט און קעגנזייטיקע גוטע באַציונג איינער צום אַנדערן. דאָס האָט זייער זון איינגעשפּאָרט דעם קאָמפּלעקס פון צעבראָכענע הייראַטן.

נתן אַש האָט אָבער יאָ געהאַט דעם קאָמפּלעקס אין זיין אַמביציע אויך צו קענען זיין אַ גרויסער שרייבער און דערגרייכן אַזאַ הויכן פּעדעסטאַל, ווי ער האָט געזען ביי זיין פאָטער. ער האָט געשריבן ביכער, און דאָס ערשטע פון זיי האָט געהאַט אַ גוטן אָפּרוף ביי דער קריטיק, וואָס האָט אים צוגעזאָגט ממשיך צו זיין די קינסטלערישע דערגרייכונג פון דער אַש משפחה. אָבער ער איז נישט געוואָרן קיין צווייטער אַש און דאָס פאַרבלייבן בלויז דער זון פון אַ גרויסן שרייבער האָט אַפּנים טיף געגורטעוועט אין זיין נשמה. ער איז געווען אַ פאַרביטערטער מענטש און עס אַרויסגעטראָגן אין דער עפנטלעכקייט מיט באַשולדיקונגען קעגן טאַטן אין קאַרגשאַפט צו אים, אַז ער האָט געמוזט אָנקומען צו נעמען קיצבה ביי גבירים...

דאָ זעען מיר דעם אונטערשייד ביי פאַרביטערטע זין צווישן פּרצעס לוציאַן, וואָס האָט וועגן זיין טאַטן נישט אַרויסגעטראָגן אין גאַס זיין באַציונג צו אים, בעת אַשס זון האָט עס יאָ געטאָן, און אויף אַ שענדלעכן אופן, וואָס האָט זיכער אויך אים קיין כבוד נישט פאַרשאַפט.

דער גורל האָט געוואָלט, אַז זיין „חשבון„ (אין דער עפנטלעכקייט) מיטן טאַטן איז דערשינען נאָר געציילטע טעג פאַר זיין אייגענעם טויט (צו 62 יאָר). עס בלייבט אָפן די שאלה, וואָס עס האָט אַוועקגעשטעלט שלמה ביקל אין זיין מאמר: „צי האָט ער, ווייסט אויס, ערגעץ ווו פאָרויסגעפילט זיין (פריצייטיקן) טויט און זיך צוגעאיילט אַוועקצושיקן זיין אַרטיקל אין זשורנאַל „קאָמענטערי“ קעגן זיין טאַטן אידער ער שטאַרבט?...

כדי צו באַלאַנסירן מיין טעזיס, וויל איך אָנווייזן אויף די קינדער, וואָס האָבן אין זייערע ביכער יאָ אַרויסגעוויזן זייער פאַרערונג פאַר אַ באַרימטן פאָטער, מחמת

זיי האָבן נישט געהאַט די קאָמפּלעקסן צו אַ שטיפמאַמען, אָדער זייער נישט קענען דערגרייכן דעם פּעדעסטאַל פון דעם וועלט־באַרימטן טאַטן. מיר קענען אַלע גוט דעם ריס צווישן דורות, ווען זייערע וועגן זיינען זיך פאַנאַנדערגעגאַנגען און זיי האָבן זיך אויפגעהערט צו פאַרשטיין.

אָבער ביי דער מישפּחה, ווו די עמאָציאָנעלע צוגעבונדנקייט און אינטעלעקטועלע ערלעכקייט האָט נישט גורם געווען די דערמאָנטע פּסיכאָלאָגישע קאָמפּלעקסן, ביים זוכן צו רעווידירן די ווערטן און אמתן פון זייערע עלטערן אפילו דאַן ווען זייערע דרכים האָבן זיך צעשיידט, אָבער די אינטימע קאָמוניקיר־ליניע איז פאַרבליבן אומבאַשעדיקט. איך האָב עס אָנגעטראָפן אין אַ ריי מעמואַרן פון אָט די אידעאַלע קינדער, וואָס מיר ווינטשן זיך אַלע צו האָבן — און עס זיינען פאַראַן אַזעלכע — ווי צום ביישפּיל די באַציונגען צווישן בערטראַנד ראָסעל און זיין טאָכטער קעטערין טאַיטס, ווי מיר זעען עס אין איר מעמואַרן־בוך: „מיין פאָטער בערטראַנד ראָסעל.“

בערטראַנד איז געווען באַרימט ווי אַ מאַטעמאַטיקער, פילאָסאָף און טאַלאַנטירט אויף פיל אַנדערע געביטן (פּעדאַגאָגיק למשל). אין זיין עקספּערימענטאַלער שולע, וואָס ער האָט געגרינדעט צוזאַמען מיט זיין פרוי, קעטי, האָט ער דערצויגן די תלמידים אין זיין ראַציאָנאַליסטישער פילאָסאָפיע. אָבער זיין טאָכטער, קעטי, דערצויגן אין אַטעאיסטישן גייסט, איז שפּעטער געוואָרן רעליגיעז, אָנגעהויבן גיין אין קירכע און צוזאַמען מיט איר מאַן באַשלאָסן צו ווערן גייסטלעכע.

וועגן איר טראַנספאָרמאַציע באַמערקט זי: „אַלץ וואָס מיין פאָטער האָט געזאָגט און געשריבן וועגן דעם אַבסורד פון קריסטנטום, די פאַרדאָרבנקייט פון דער קירכע, איז פאַרבליבן ביי מיר אַן אמת, וואָס איך האָב נישט געקענט אָפּלייקענען. אָבער דאָס איז נאָר געווען אַ טייל פונעם גאַנצן.“

האָט זי געזוכט צו איבערצייגן איר טאַטן, אַז דאָס וואָס ער האָט געזוכט (אמת, יושר, פרידן, ליבע, אַן אידעאַלן אוניווערסאַליזם), האָט זי געפונען (אין איר קריסטלעכער באַקערונג). „עס איז אָבער מיר נישט געלונגען אים איבערצייגן אין מיין אמת“, שרייבט זי, „מחמת ער האָט צופיל געקענט בלינדע קריסטן, טרויעריקע מאָראַליסטן, וואָס האָבן דאָס ביסל לעבנספרייד אויסגעקוועטשט פון לעבן, צו דעם אַזוי פאַנאַטיש פאַרפאָלגט די קעגנער.

ער האָט זיין גאַנץ לעבן געזוכט גאָט, דערפאַר האָט ער זיך גענומען צו פילאָסאָפיע, געהאָפט דאָרט צו געפינען אַ באַווייז אין גאָטס עקזיסטענץ. ער האָט ליב געהאַט קלאָרקייט, באַטאָנט זי, דערפאַר איז פאַרבליבן אין זיין נשמה אַ ליידיק אָרט . . .

אָבער זיין טאָכטער קעטי געהערט שוין צו דעם טייל פונעם יונגן דור, וואָס זוכט אַ נייעם נשמה־אינהאַלט.

וועגן איר פאָטערס אמתן שרייבט זי: „אין זיינע ביכער האָב איך געפונען נאָר איין לייזונג: לאָגיק, אויפקלערונג, פּראָגרעס... פאַר מיר איז עס נישט געווען קיין „מעסעדזש“ נאָר אַ דורכפאַל. ער האָט געוואָלט זען וואָס דער מענטש דאַרף זיין.. קען זיין... אָבער דאָס וואָס דער מענטש איז?... די וועלט איז נישט די וועלכע ער האָט געהאָפט צו זען און איך האָב נישט געקענט גלייבן, אַז דער מענטש וועט ווערן אַמאָל אַזאַ אויף וועלכן ער האָט געהאָפט.“

בערטראַנד ראָסעל גופא, האָט אין זיינע אויטאָביאָגראַפישע ביכער באַמערקט, אַז דאָס לעבן איז געווען אַ סך שווערער, ווי ער האָט זיך פאָרגעשטעלט אין זיינע פרייערדיקע יאָרן. די אָפּטימיסטישע האָפענונגען, אידעען, חלומות, זענען נישט מקויים געוואָרן. ער באַטאָנט אויך זיין דורכפאַל ווי אַ פאָטער. אָבער די טאָכטער זיינע זאָגט: „אַלץ וואָס איז נאָר אין מיר גוט האָב איך צו פאַרדאַנקען דעם טאַטן מיינעם, הגם זי איז סקעפּטיש וועגן איר דערציונג: — מיר האָבן געלעבט אין אַ גן־עדן, הגם דער שלאַנג איז דאָרט געווען די גאַנצע צייט...“

כאָטש זי איז אַזוי קריטיש לגבי די אמתן פון איר טאַטן, אָבער די פאַרהערלעכונג איז ביי איר פאַרבליבן. איך מיין אַז ס'איז אינטערעסאַנט צו זען ווי אַזוי אַ טאָכטער פון אַן אויסגעקלונגענעם פאָטער מיט אַ וועלט־נאָמען, אַ נאָבעל־לאַור־

# אבא איבנס מאָנומענטאַל בוך „ירושה”

אין זיין בוך „ירושה, ציוויליזאַציע און די יידן” האָט אבא איבן אויסגעמיטן צו נעמען אַ דירעקטע שטעלונג לגבי די ערשטע ביבלישע געשיכטעס, און די אָנמערקונגען פון אַ ריי ביבל־קריטיקערס.

אין דער הויפּט־טעמע איז נאָר אָנגעמערקט אַז אין די עגיפּטישע און פעניציער כראָניקעס איז לגמרי נישט דערמאָנט די ערשטע ביבלישע געשיכטעס, און דער חומש, וואָס איז געוואָרן רעדאַקטירט שפּעטער אין בבל, ווערט צוגעשריבן דער השגחה עליונה. אַזוי אויך דער תהילים, געשריבן מיט הונדערטער יאָרן נאָך דוד המלכס צייטן, ווערט עס אים צוגעשריבן, ווי דעם מחבר.

דער הויפּט־ציל פון אבא איבן איז דאָך געווען צו אילוסטרירן מיט געשיכטלעכע פאַקטן די מיסטעריע פון ייד. ווי אַזוי אַ קליין פאָלק, אַ קלייִנער ברוכטייל פון איין פּראָצענט פון דער וועלטס־באַפעלקערונג זאָל האָבן אַזאַ אומגעהויערן איינפלוס כמעט אויף יעדן אַספּעקט פון אונדזער לעבן. אויף די געביטן פון רעליגיע, פילאָסאָפיע, וויסנשאַפט, מוזיק, קאָמערץ און הומאָר — פאַרנעמען יידן אַ סך אַ גרעסערע פּאָזיציע, לויט דער פּראָפּאָרציאָנעלער גרויס, ווי וועלכעס ס'איז אַנדער פאָלק אין דער וועלט.

פון וועלכן קוואַל קומט זייער כוח, אויסדויער און קיום; באַזונדערס, זייער שטאַרקע אויסווירקונג אויף דער מערב־ציוויליזאַציע, וואָס איז דער קווינטעסענץ פון אָט דער מיסטעריע?

דער הויפּט־ענטפער זיינען איז — אין אַ קורצן זאַץ — זייער (די יידנס) אויסערגעווייִנלעכע ה צ ל ח ה, איז נישט וואָס גאָט האָט זיי אויסדערוויילט פון אַלע פעלקער („אתה בחרתנו מכל העמים”) נאָר גיכער, וואָס זיי האָבן אויסדערוויילט גאָט. זייענדיק אַרומגערינגלט פון אַ ציוויליזאַציע אין אַלטערטום, וווּ ס'איז געווען אַ מין צירק פון געטער, וועלכע האָבן לויט זייערע קאַפּריזן קאָמאַנדעוועט איבער די מענטשן, האָבן די יידן אָנגעהויבן גלויבן אין איין איינציקן גאָט, מיט אַ מאָראַלישן געזעצן־קאָדעקס און זיי האָבן מיט אים געמאַכט אַן אָפּמאַך („ברית”)

---

רעאַט — זעט און שרייבט וועגן ביידע זייטן פון דער מטבע. זי פאַרענדיקט דאָס לעצטע זייטל פון אירע מעמואַרן, ווען זי האָט דערהאַלטן די טרויעריקע ידיעה, אַז דער פאָטער איז טויט. זי האָט דאַן געוואָלט שרייבן, דערציילן דער וועלט, וואָס פאַר אַ גרויסער טאַטע ער איז געווען פאַר איר: האַרציק, וויציק, קלוג... זאָל מען נישט מיינען, אַז ער איז תמיד געווען דער ראַציאָנאַליסטישער פילאָסאָף... „ווען איך האָב אָבער אָנגעהויבן שרייבן איז עס אַזוי נישט אַרויסגעקומען. די אָבערס האָבן פאַרכאַפּט מיין פעדער און געצוווּנגען צו רעקאָרדירן זיי. זיי האָבן געזאָגט: דו ווייסט דאָך ווי ער האָט ליב געהאַט דעם אמת (דעם פולן אמת), קענסט אים נישט פאַרליגנערן אין דיינע מעמואַרן. דאַרפסט אַרויסברענגען אַלץ, אַפילו אויך דאָס אין וואָס ער איז נישט גערעכט געווען, און דאַן ערשט קענען זאָגן - - - ס'איז געווען אַ פּריווילעגיע אים צו קענען. איך דאַנק גאָט וואָס ער איז געווען מיין פאָטער.”

איך האָב געהאַלטן פאַר נויטיק צו ברענגען גרעסערע ציטאַטן פון איר בוך, מחמת זיי באַרירן אַ ריי פּראָבלעמען פון אונדזער צעטומלטער צייט, פון איר גרויסער צעטומלעניש אין אַ וועלט, וווּ עס ליגן היינט אַזוי פיל צעבראָכענע לוחות, אידעען, גלויבונגען, וואָס זענען שברי־כלים אויף אַזוי פיל גייסטיקע וואַנדערונגען.

דערביי ווייס איך זייער גוט, אַז נישט נאָר די בערטראַנד ראָסעלס זיינען יחידי סגולה, נאָר אויך אַזאַ טאָכטער ווי זיין קעטי, זי איז נישט קיין יידישע, אָבער איך וואָלט געקענט גלייך אָנרופן אייניקע נעמען פון קינדער פון יידישע שרייבערס, וואָס האָבן אַרויסגעוויזן אַן ענלעכע באַציונג צו זייערע עלטערן, צום באַרימטן טאַטן, ווי קעטי טוט עס.

וואָס איז געווען מסתמא די איינפלוסרייכ־
סטע אַראַנזשירונג אין דער מענטשלעכער
געשיכטע.

די „ירושה" איז אַ רעזולטאַט פון אַט
דעם קאָנטראַקט, וואָס האָט אַ נאָמאַדישן
שבט געגעבן די מעגלעכקייט צו וואַקסן
צווישן די גלאַנצפולע פּאַרצייטישע אימ־
פּעריעס, פון מעסאָפּאָטאַמיע און עגיפּטן,
אויסצוואַקסן צו אַ פּאָלק, וועמענס יציאת
מצרים, די געשיכטע פון אַרויסרייסן זיך
פון שקלאַפעריי, איז געוואָרן דער גרוי־
סער מעטאַפאָר, אַ סימבאָל פון באַפרייונג.

דער פילם, וואָס איז געמאַכט געוואָרן
פון אַבא איבנס בוך, וויקלט פאַנאַנדער
די געשיכטע פון יידישן פאָלק איבער פיר
קאָנטינענטן, 19 לענדער אין דער צע־
שפּרייטקייט. געאָגראַפיש, איבער לענדער
און אָקעאַנען; אָבער גייסטיק, אין שטח פון
צייט, דורכן תנ"ך, תלמודיזם, חסידיזם,
אינקוויזיציעס, פּאָגראָמען, חורבן און
אויפקום — 4000 יאָר יידישע געשיכטע,
מיט איר אויסווירקונג אויף דער מערב־
ציוויליזאַציע.

דער פילם הייבט זיך אָן ווי אַזוי „אַ
פאָלק ווערט געבוירן" און ס'איז איינ־
צייטיק דער געבורט פון דער מערב־ציווי־
ליזאַציע. די כמו־נאָמאַדישע שבטים דער־
אָבערן כנען, ווו עס פורעמט זיך דער
קאַפּיטל פון יידישער מלוכהשאַפט, צו־
ערשט אַ פאַראייניקטע, וואָס ווערט גע־
שפּאָלטן אויף טיילן: מלכות ישראל און
מלכות יהודה. די מעכטיקע אַשור מאַכט
הרוב מלכות־ישראל און די גרויסמאַכט
בבל מאַכט חרוב מלכות־יהודה. עס בליט
אויף די פענאָמענאַלע דערשיינונג פון די
גרויסע יידישע נביאים, וואָס שטראָפן
דאָס פאָלק צוליב זיינע געצנדינערישע
וועגן און אומוועגן. זיי, די נביאים, נישט
די מלכים, זענען געווען וויכטיק פאַר דער
אויספאָרמירונג פון דעם גייסטיקן פּנים
פון פאָלק. ירמיהו, ישעיהו, עמוס, יחזקאל
און די איבעריקע פון די גרויסע נביאישע
גייסטער, ווייזן אָן די זינד פון פאָלק, וואָס
איז גורם חורבן, אונטערגאַנג, דאָס וואָס
איז ווירקלעך געשען, ווען די יידן ווערן
פאַרטריבן פון זייער לאַנד אין גלות.

ביי דעם ווייזט אָן אַבא איבן, אַז די
יידן אין גלות בבל, האָבן געבענקט נאָך
ציון, אָבער זיך אַקלימאַטיזירט אין דעם
גלות־לאַנד, ווו זיי זענען געוואָרן שנעל
סוחרים, לאַנד־אייגנטימער, אונטערנע־
מערס, אויפמאַנערס פון מלוכה־שטייערן
און באַנקירן. נאָר אַ מינדערהייט האָט
זיך אומגעקערט צוריק קיין ציון ווו עס
האָט זיך גענומען איבערפאָרמירן דער
גייסטיקער פּנים פון פאָלק מיט אַלע באַ־
גלייטנדיקע פּאָליטישע און קולטור־דער־
שיינונגען, צעריסנקייט און אינטריגעס,
וואָס ווערן אויסגענוצט דורך רוים צו
באַזיגן דאָס לאַנד, און דאָס פאָלק פאַר־
טרייבן אין אַ נייעם גלות.

דערוועקט זיך די שאלה: ווי אַזוי האָט
אין דער רוימישער אימפּעריע אין דער
צייט פון ציצראָ געקענט דורך אַ קורצער
צייט, פון אַ קליינעם יידישן קיבוץ ווערן
אַכט מיליאָן? איבן גיט אָן אַז יידן זענען
געווען בערך אַ צענטל פון דער רוימישער
אימפּעריע־באַפעלקערונג און זענען אָנ־
וועזנדיק געווען אין יעדן באַדייטנדיקן
פונקט אַרום מיטלענדישן ים.

איין דערקלערונג איז, אַז די צאָלן יידי־
שע גרים זענען געווען אַזוי גוואַלדיק
גרויס אין יענער עפּאָכע, און פּראָפ'
שטערן פון ירושלימער אוניווערסיטעט
האַלט אַז די רבנים אויך נאָך טיטוסעס
נצחון האָבן נישט אָפּגעשטעלט דאָס מגייר
זיין, אויך אפילו בעת עס איז שוין פאַר־
געקומען דער אויפשטייג פון דער קריסט־
לעכער מאַכט אין רוים. לויט איבנס מיי־
נונג האָבן די ביידע רעליגיעס יאָ געלעבט
צווישן זיך בשלום, בעת די יידן און די
קריסטן זענען געווען צווישן זיך צעריסן.
דער גרויסער קאָנפליקט צווישן זיי דאַרף
געזען ווערן ווי אַ רעליגיעזע מלחמה, ווי אַ
בירגערקריג, מיט פאַרביטערטע שלאַכטן,
ווי עס זענען געווען אין דער געשיכטע די
שלאַכטן צווישן דעם קאַטאָליציזם און
פּראָטעסטאַנטיזם.

דאָס איז אין אַ „פינגערהוט" דער תוכן
פון אַבא איבנס ווערק.

י. ק.

# כראָניק פון ל. א. יידישן קולטור-קלוב

דורך די זומער־חדשים האָט דער קלוב געליטן עטלעכע שווערע אבידות. עס איז אַוועק פון דער וועלט, נאָך אַ לענגערע קראַנקייט, חבר זלמן שלאָסער, דער געוועזענער רעדאַקטאָר פון „חשבון״, וואָס דער קולטור־קלוב גיט אַרויס. ער איז אויך געווען אַ יידישער לערער און גאָר אַ פיינער פובליציסט.

מיר האָבן אויך פאַרלאָרן אונדזער אייביק יונגן, פיקחותדיקן חבר דוד שרגא, וועלכער, הגם זאַט אין יאָרן, איז אָבער געווען שאַרפזיניק און פול מיט הומאָר ביז די לעצטע טעג פון זיין לעבן. ער איז געווען זייער באַליבט ביי אַלע חברים.

אָבער, לא אלמן ישראל, דער קלוב האָט פאַר דער צייט אויך צוגעקראָגן אַ צאָל יונגערע מיטגלידער, און דאָס גיט דער פאַרוואַלטונג פרישן מוט און ענערגיע אָנצוגיין מיט דער אַרבעט.

די פייערלעכע דערעפענונג פון דעם 61סטן סעזאָן איז פאָרגעקומען גלייך נאָך סוכות, שבת אָוונט, נאָוועמבער 1, 1987.

אונדזער פאַרזיצער, משה כהן, האָט אין אַ יום־טובדיקער שטימונג געעפנט דעם צונויפקום און נאָך אַ קורצן אַריינפיר וועגן די צילן אויף להבא, האָט ער פאָרגעשטעלט די רעציטאַטאָרין באַשע וואַנאַמייקער. עס איז שוין כמעט ווי אַ טראַדיציע, אַז זי הייבט אָן די סעריע פּראָגראַמען. זי האָט פאָרגעלייענט אַ בריוו־אויסטויש צווישן שלום־עליכם און זיין העלד מנחם מענדל. דער עולם האָט זיך וואַרעם אָפּגערופן מיט אַ האַרציקן געלעכטער. אין דער מוזיקאַלישער פּראָגראַם: אַלעקסאַנדער רובינשטיין, וועלכער האָט געשפּילט אויף דער טשעלאָ יידישע און קלאַסישע ניגונים.

שבת אָוונט, נאָוועמבער 8 — אַ „חשבון־סימפּאָזיום. דער רעדאַקטאָר און פיינער פּאָעט משה שקליאַר האָט געגעבן אַ ברייטן אָפּשאַץ וועגן דער ראָל און פּלאַץ וואָס דער „חשבון״ פאַרנעמט אין דער יידיש־ליטעראַרישער וועלט. עס האָבן אויך גערעדט ישראל גובקין און דער ענערגישער פאַרוואַלטער פון „חשבון״ גרשון פרידמאַן, וועלכער האָט אויך אָפּגעגעבן אַ פינאַנציעלן באַריכט.

שבת אָוונט, נאָוו. 22 — לילקע מייזנער, אונדזער פיינע ליטעראַטור־קריטיקערין און לעקטאָרין, האָט גערעדט וועגן איסאַק באַבעל, דעם רוסיש־יידישן שרייבער. אויספירלעך האָט זי דערציילט וועגן דעם מהות פון זיינע ווערק, וואָס זיינען ווייניק באַקאַנט דעם יידיש לייענער.

שבת אָוונט, נאָוועמבער 29 — אַ גאַסט פון ישראל, די גוט־באַקאַנטע רעציטאַטאָרין און אויסטייטשערין פון בעסערן יידישן וואָרט, הדסה קעסטין. נאָך אַן איבעררייס פון צוויי יאָר איז זי ווידער אויפגעטרעטן ביי אונדז אין קלוב, און, ווי אַלע מאָל, האָט זי אויך דאָס מאָל געבראַכט אַן אָפּקלייב פון דער יידישער ליטעראַטור, צווישן אַנדערן אויך אַ ליד פון אונדזער אייגענעם משה שקליאַר. דער עולם האָט זי זייער וואַרעם אויפגענומען און האַרציק באַדאַנקט.

שבת אָוונט, דעצעמבער 6 — אַ יום־טוב אין קלוב! חברה לאָטי מלאך, די אַלמנה פון דעם גוט־באַקאַנטן שריפטשטעלער און דראַמאַטורג, לייב מלאך, אַליין אויך אַ שרייבערין און דיכטערין, האָט אַרויסגעגעבן אירן אַ בוך: „די אונטערשטע שורה״ — אַ זאַמלונג דערציילונגען, מאמרים און פּען־שטריכן פון פאַרשידענע פּערזענלעכקייטן פון יידיש־קולטורעלן לעבן, מיט וועמען זי האָט זיך פּערזענלעך באַגעגנט אין פאַרלויף פון יאָרן. נאָך אַ קורצן אָפּשאַץ פון דעם בוך, דורך אונדזער פאַרזיצער משה כהן, האָט דער דיכטער משה שקליאַר זיך ברייט אָפּגעשטעלט אויף די פאַרשידענע טיפּן פון בוך און אַרויסגעבראַכט זייער מהות און כאַראַקטער. ד״ר אברהם זיגלבוים האָט זייער פיין רעציטירט פון איר בוך. צום סוף האָט גערעדט די שרייבערין אַליין, וואָס

האָט זיך געטיילט מיט אירע זכרונות וועגן די פֿאַרשידענע דענקער און טוער וואָס זיינען דערמאָנט אין בוך.

שבת צונאַכט, דעצעמבער 13 — ווידעו: אַ חשובער גאַסט פֿון ישראל, מרדכי חלמיש, דער אָנגעזעענער יידישער קולטור־טוער, שרייבער און רעדאַקטאָר, האָט גערעדט אויף דער טעמע: „פֿאָלקלאָר און חסידות אין די ווערק פֿון נאָבעל לאָורעאַטן י. באַשעוויס זינגער און ש. י. עגנון. נאָך דער לעקציע האָט זיך אַנטוויקלט אַ לעבעדיקע און אינטערעסאַנטע דיסקוסיע. אַנדערע האָבן געהאַט אויסצוזעצן קעגן באַשעוויס און זיין שרייבן, ער האָט אָבער אויך געהאַט זיינע פּאַרטיידיקערס.

שבת צונאַכט, דעצ. 20 — צום צווייטן מאָל אין דעם סעזאָן איז, פֿאַר איר אָפּפֿאָר צוריק קיין ישראל, אויפֿגעטראָטן ביי אונדז הדסה קעסטין אין אַ גאַנץ נייעם פּראָגראַם. באַזונדערס האָבן אויסגענומען אפֿרים קאַגאַנאָווסקיס „מיילעכל קילקע" און „די נאָדל" פֿון יצחק באַשעוויס. דער עולם האָט איר געווונטשן אַ צאתך לשלום.

שבת צונאַכט, דעצ. 27 — אַ חנוכה־פּראָגראַם. אונדזער חברה, די מלומדת ש'ה ליינער, האָט אונדז געגעבן אַ ברייטן אָפּשאַץ וועגן דעם יום־טוב, סיי פֿון זיין רעליגיעזן און אויך פֿון זיין נאַציאָנאַלן באַדייט. פֿאַרוואָס האָבן די תנאים אַרויסגעהויבן דעם רעליגיעזן באַדייט פֿון יום־טוב? וועגן דעם ברענגט זי אַ סך מאמרים פֿון אַלטע, לומדישע קוואַלן. ווי אַ „פֿאַרבייסן" האָבן די צוויי יונגע זינגערינס, עליזה ליבאָווסקי און לעסיאַ בן־סאַסאָן, געזונגען אַ ציקל חנוכה־לידער, וואָס האָבן באַגייסטערט דעם עולם.

שבת צונאַכט, דעם 3טן יאַנואַר, 1987 — ווידער אַ חשובער גאַסט פֿון ישראל, דוב נוי, דער באַרימטער פֿאָלקלאָריסט און פּראָפֿעסאָר פֿון העברעיִשן אוניווערסיטעט אין ירושלים. זיין טעמע: „דער לעבנס־ציקל אין יידישן פֿאָלקלאָר", וואָס נעמט אַריין אַלערליי פֿאָרמען פֿון פֿאָלקלאָר, ווי: פֿאָלקסלידער, פֿאָלקסווערטער, פֿאָלקס־מעשיות און אַנדערע אַנאָנימע שאַפֿונגען.

שבת צונאַכט, יאַנואַר 10 — הונדערט יאָר בן־גוריון. אויף דער טעמע האָט גערעדט דער למדן און לעקטאָר ישראל גובקין. ער האָט געגעבן אַן איבערבליק פֿון בן־גוריונס לעבן און שאַפֿן פֿאַר דער מדינה און ווי דעם שאַפֿער פֿון מדינת ישראל. נאָך דער לעקציע איז פֿאָרגעקומען אַן אינטערעסאַנטע דיסקוסיע.

שבת צונאַכט, יאַנואַר 17 — אַ גרויסער קאָנצערט מיטן אנטייל פֿון דעם גוט־באַקאַנטן חזן און קאָנצערט־זינגער הייל פֿאָרטער אין אַ צאָל העברעיִשע און יידישע פֿאָלקסלידער און חזנות. ביי דער פּיאַנאָ האָט אים באַגלייט די פֿיינע פּיאַניסטין און זינגערין עליזה בן־סאַסאָן. דער עולם האָט זיי ביידן פֿיין באַדאַנקט.

שבת צונאַכט, יאַנואַר 24 — אַ לעקציע פֿון דעם פֿיינעם און אָריגינעלן דענקער סערגיי בוטקעוויטש. זיין טעמע: „אויפֿן שוועל פֿון 1987 (מחשבות וועגן אַ ריי געשעענישן). אין דער מוזיקאַלישער פּראָגראַם איז אויפֿגעטראָטן דער באַוווּסטער טשעליסט אַלעקסאַנדער רובינשטיין אין אַן אָפּקלייב פֿון פֿיינער קלאַסישער מוזיק.

שבת צונאַכט, יאַנואַר 31 — אַ לעקציע פֿון דעם באַקאַנטן פּעדאַגאָג און לעקטאָר מנחם קאַרסאַן, אויף דער טעמע: „פּרץ הירשביין, שריפֿטשטעלער, דראַמאַטורג און וועלט־רייזנדער."

י. ש.



## נייע ביכער אָנגעקומען אין רעדאַקציע

**שאול מאַלץ: „אַמאָל אין האַרבסט"**

לידער, 112 ז"ז, ניו־יאָרק 1986. פאַר־זען מיט אַ פּאָרטרעט פון מחבר. שער־בלאַט געצייכנט פון חנן קיעל. פאַראַן אויך אילוסטראַציעס פון יאַני פּיין און חיים גאָלדבערג.

* * * * *

**לאָטי פ. מלאך: „די אונטערשטע שורה"**

דערציילונגען, געשטאַלטן און מאמרים, 288 ז"ז, י. ל. פרץ פאַרלאַג, תל־אביב 1986. פאַרזען מיט אַ פּאָרטרעט פון דער מחברטע.

* * * * *

**פייגע האָפשטיין: „מיט ליבע און ווייטיק"**

זכרונות פון דער אַלמנה נאָכן גרויסן סאָוועטיש־יידישן דיכטער דוד האָפ־שטיין, וועלכער איז אומגעבראַכט גע־וואָרן דורך סטאַלינען. דאָס בוך (80 ז"ז) איז דערשינען אין ישראל אין 1985. עס איז פאַרזען מיט אַ פּאָרטרעט פונעם דיכטער.

* * * * *

## גאָלדע מאַשע פּלאָטקין פונדאַציע פאַר ליטעראַטור

ווי עס ווערט איבערגעגעבן האָבן די פּלאָטקין - ברידער געשאַפן אַ גאָלדע־מאַשע פּלאָטקין פונדאַציע אויף דער סומע פון 30 טויזנט דאָלער, וואָס זיי האָבן מנדב געווען דעם אַל־וועלטלעכן יידישן קאָנגרעס.

די ערשטע פּרייזן פון דער פונדאַ־ציע האָבן באַקומען דער דיכטער **יעקב צבי שאַרגעל** פאַר זיין בוך „ליכט פון מיין גאַס" און **יצחק יאַנאַסאָוויטש** פאַר זיין בוך עסייען „פנימער און נעמען".

דער איניציאַטאָר פון דער גאָלדע־מאַשע פּלאָטקין פונדאַציע איז דער דיכטער **חיים פּלאָטקין**.

---

**„די גאָלדענע קייט", נומ. 120.**

פערטליאָר שריפט פאַר ליטעראַטור און געזעלשאַפטלעכע פּראָבלעמען. רעדאַק־טאָר: אברהם סוצקעווער; רעד. סעק־רעטאַר: אלכסנדר שפּיגלבלאַט; פאַר־וואַלטער משה מיליס.

---

## טייערע רחל

**נאָך דיין אַוועקגיין איז געבליבן אַ נאָגנדיקע בענקשאַפט און אַ גרויע, ענדלאָזע פּוסטקייט אין מיין לעבן . . .**

## דיין אלימלך דייטש,
## קינדער און אייניקלעך